STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02752

GLOYBEN UN FERNUNFT

Paul Henri Thiry Holbach

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראדיקאלע פאלקס ביבליאטהעק.

דזשאן מעסליע.

גלויבען און פערנונפט

Isidor Scherzer
16 Marshall St
Irvington N.J.
Apt 7A
To IZ DRESCHER

איבערזעצט פון
ש. יאנאווסקי.

ארויסגעגעבען פון די ראַדיקאַל פּובלישינג קאָמפּאַני,
CLARK NJ
לאָנדאָן, 1907.

„אַרבייטער פריינד“ דרוקעריי, 163 דזשובילי סטריט, מייל ענד, אויסט.

ביאגראפישע נאטיץ.

—o—

ווער איז עס דיזער דזשאָן מעסליע?

עס איז זיכער, דאָס ניט פֿיעלע פֿון אונזערע לעזער האָבען געהערט דעם נאָמען פֿון דזשאָן מעסליע. און דאָך איז עס אַ נאָמען פֿון אַ מענשען, וועלכער דאַרף זיין טהייער יעדען פֿריידיינקער, יעדען מענשען, וועלכער וויל זעהן די וועלט פֿריי פֿון דעם פֿלוך פֿון רעליגיאָן און פֿון אַלערליי נאַרישע פֿאָראורטהיילע. דזשאָן מעסליע איז איינער פֿון די ערשטע פּיאָנירען פֿון דעם פֿרייען געדאַנק; דזשאָן מעסליע איז גאָר אַ צו מערקווירדיגע ערשיינונג אין אונזער וואָכעדיגען מענשליכען לעבען, און מיר האַלטען עס פֿאַר נייטיג איידער מיר טרעטען צו צו זיין ווערק, צו געבען דאָ זיין קורצע לעבענס-בעשרייבונג.

דזשאָן מעסליע, ווי איהר קענט עס זעהן נאָך זיין נאָמען, איז אַ פֿראַנצויז. ער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1678 — דאָס הייסט מיט 228 יאָהר צוריק — אין אַ קליינעם פֿראַנצויזישען דערפֿעל. ער איז געבאָרען געוואָרען ביי אָרימע עלטערן. זיין טאַטע איז געוועזן אַ וועבער. דאָך איז איהם געלונגען צו שטודירען און צו ווערען מיט דער צייט אַ פּריעסטער.

ווען ער איז געוועזן אַ סטודענט אין סעמינאַריע, האָט ער שטרענג אָבגעהיט אַלע געבאָטען, און האָט זיך אויפֿגעפֿיהרט זעהר פֿרום. נאָך דעם ווי ער איז געוואָרען אַ גלח, האָט ער זיך אויסגעצייכענט דורך זיין גוטסקייט און פֿריינדליכקייט און זיין שטילען לעבען. ער האָט מיט פּינקטליכקייט אויסגעפֿיהרט די פֿליכטען פֿון זיין פּראָפֿעסיאָן, און האָט יעדען יאָהר צוריק אַוועקגעגעבען צו די אָרימע פֿון זיין געמיינדע אַלעס וואָס איז איהם איבערגעבליבען פֿון זיינע פֿערדיענסטען.

מען דערצעהלט וועגען איהם פֿאָלגענדע זעהר כאַראַקטעריסטישע פּאַסירונג. דער פּאָמיעשטשיק פֿון דאָרף האָט בעהאַנדעלט זיינע בויערן זעהר שלעכט. דער גלח מעסליע איז דערפֿון געוואָהר געוואָרען און אַלס אַ שטראָף פֿאַר דעם פּאָמיעשטשיק האָט ער זיך ענטזאַגט צו בעטען פֿאַר איהם ביי גאָט. דער פּריץ האָט פֿערקלאָגט דעם גלח פֿאַר דעם בישאָפּ, און דיזער האָט אַרויסגעגעבען זיין פּסק, אַז דער גלח מוז תּפילה טהאָן צו גאָט פֿאַר דעם בייזען פּריץ. דעם קומענדען זונטאָג האָט מעסליע אויף אַזאַ אופן תּפילה געטהאָן:

„זעהט", האָט ער געזאָגט. „דאָס איז דער געוועהנליכער גורל פֿון די אָרימע דאָרף־גלחים. אונזערע בישאָפּס זיינען גרויסע הערען, און זיי האַלטען זעהר וועניג פֿון אונז, און ווילען אונז אפילו ניט אויסהערען. דאַריבער לאָמיר בעטען גאָט פֿאַר אונזער פּריץ. מיר בעטען גאָט פֿאַר אַנטאָין דעטאָאיל, דאָס ער זאָל איהם געבען אַ בעסערע האַרץ, דאָס ער זאָל ניט אַזוי שינדען די אָרימע בויערן און ניט אַזוי שענדליך בערויבען יתומים".

דער פּריץ, וועלכער איז געשטאַנען דערביי איז באַלד אין דער ערד איינגעזונקען פֿון אַזאַ תּפילה. ער האָט זיך ווידער געקלאָגט פֿאַר'ן בישאָפּ. דיזער האָט געלאָזט רופֿען צו זיך דעם אָרימען דאָרף־גלח, און האָט איהם געגעבען, ווי אַ בישאָפּ קען נור.

עס זיינען ניט בעקאַנט קיין אַנדערע בעדייטענדע פּאַסירונגען פֿון דעם לעבען פֿון דיזען גלח.

ער איז געשטאָרבען אַלס הייליגער אין 1733, 55 יאָהר אַלט. מען גלויבט, דאָס איהם איז נמאס געוואָרען דער לעבען, ווייל אין דער צייט פֿון זיין קראַנקהייט האָט ער ענטזאַגט זיך עטוואָס צו עסען אָדער צו טרינקען. פֿאַר זיין טויט האָט ער זיין ביסעל אָרימקייט איבערגעלאָזען צו די מיטגליעדער פֿון זיין געמיינדע און האָט געבעטען מען זאָל איהם בעגראָבען אין זיין גאָרטען.

אַלע האָבען אַלזאָ געמיינט, אַז דער גלח דזשאָן מעסליע האָט געלעבט און איז געשטאָרבען אַ פֿרומער און גלויביגער קריסט. ווי ערשטוינט איז מען דאַריבער געווען, ווען צווישען זיינע זאַכען האָט מען געפֿונען דריי מאַנוסקריפּטען, אַלע געשריבען מיט דעם פּריעסטער'ס אייגענע האַנד, אונטערצייכענט מיט זיין נאָמען און אָנגערופֿען מיט דעם טיטעל: „מיין צואה".

ווען מען האָט עס גענומען לייענען, האָט מען די אייגענע אויגען ניט געוואָלט גלויבען. דיזע צואה איז בעשטאַנען פֿון אַ בוך פֿון 316 זייטען, אויף וועלכע מעסליע בעקעמפּפֿט מיט די שטאַרקסטע אַרגומענ־

טען, מיט די גאַנצע קלאָהרקייט פֿון אַ גרויסען גייסט די רעליגיאָן, גאָט, און אַלעס וואָס האָט אַ שייכות דערמיט. די דריי קאַפּיטעלס פֿון דיזען מאַנוסקריפט זיינען געווען בעשטימט פֿאַר 3 פֿערשידענע פלעצער, ווייל ער האָט מורא געהאַט, טאָמיר ווערען עס די „גוטע און פֿרומע" אונטערדריקען, אַזוי אַז זיינע געדאַנקען זאָלען קיינמאָל ניט אָנזעהן די ליכטיגע שיין.

דער עקזעמפּלאַר, וועלכען דער גלח מעסליע האָט בעשטימט פֿאַר זיין געמיינדע, איז געווען איינגעוויקעלט אין אַ גרויען פּאַפּיער, אויף וועלכען עס איז געווען די פֿאָלגענדע אויפֿשריפֿט:

„איך האָב געזעהן און דערקענט די טעות'ן, די שווינדעל, די נאַרישקייט, די פּוסטע גאוה און די שלעכטסקייט פֿון די מענשען. איך האָב זיי — די שלעכטסקייטען — געהאַסט און פֿעראַכטעט, איך האָב אָבער דעם מוטה ניט געהאַט אַרויסצוזיידען עס, ווען איך האָב געלעבט, איך וויל עס אָבער איצט, שטאַרבענדיג, און נאָך מיין טויט ניט פֿערשווייגען. און צוליעב דעם, כדי אַלע זאָלען עס וויסען, האָב איך דאָס פֿערפֿאַסט און אָנגעשריבען, כדי אַלע די, וואָס ווינשען, זאָלען קענען לערנען דעם אמת".

פֿאַר דעם ווערק איז דאָ אַ פֿאָררעדע, אַ סאָרט ביטע, מען זאָל איהם מוחל זיין פֿאַר זיין ביז־איצטיגען שטיל־שווייגען. זי איז זעהר כאַראַקטעריסטיש.

„אייך, מיינע ברידער, איז מיין עהרליכקייט בעקאַנט. איך גיב אויף מיין גלויבען ניט צוליעב אירגענד וועלכע שלעכטע אינטערעסען. ווען איך האָב מיר אויסערוועהלט אַ פּראָפֿעסיאָן, וועלכע האָט ניט איינגעשטימט מיט מיינע געפֿיהלען, האָב איך עס ניט געטהאָן אויס דעם וואונש צו האָבען אַ גוטען געהאַלט, נור אויס געהאָרכזאַמקייט צו מיינע עלטערן. איך וואָלט אייך דאָס שוין פֿריהער ערקלעהרט, ווען איך וואָלט נור דעם מוטה געהאַט, און ניט מורא געהאַט צו ליידען. איהר זייט עדות, אַז דאָס וואָס איך זאָג דאָ, איז אמת. איך האָב קיינמאָל ניט אויסגענוצט מיין שטעלע פֿאַר די אויספּרעסונג פֿון געלד, ווי פֿיעלע אַנדערע טהוען.

„פֿון גרונד פֿון מיין האַרצען האָב איך פֿעראַכט יענע מענשען, וועלכע מאַכען זיך לוסטיג איבער די פּראָסטקייט פֿון פֿאָלק, וועלכעס אַרבייט און פּראַצעוועט פֿאַר זיי, וועלכעס צאָהלט זיי געוויסע סומען, אום צו קויפֿען ביי זיי אַ תפילה. ווי שרעקליך איז דיזער מאָנאָפּאָל! אום דיזען מאָנאָפּאָל אויפֿצוהאַלטען, טהוען זיי אַלעס, אום דאָס פֿאָלק נאָך נאַרישער צו מאַכען, און אַלעס נור אום צו פֿיהרען אַ לעבען פֿון

לוקסוס און אויסשווייפונג. איהר וועט זיין מיינע עדות, אז געגען מיר קען אין דיזער הינזיכט ניט זיין דער מינדעסטער פארדאכט. ווי אפט פלעג איך אויספיהרען מיינע אמטס-פליכטען, ניט קריגענדיג די גערינגסטע בעלוינונג! און האב איך דען ניט בעוויזען אייך צו יעדער צייט, אז געבען מאכט מיר פיעל גליקליכער, ווי נעהמען? איך האב מיך אויסגעהיט מיט אלע מיינע קרעפטען צו מאכען אייך פאר פאנאטיקער, און אזוי זעלטען ווי עס איז נור מעגליך געווען, האב איך צו אייך געפריידיגט איבער אונזער עלענדע רעליגיאן. אלס גלח האב איך נאטירליך געמוזט טהאן מיין פליכט און אויספיהרען געוויסע נארישע צערעמאניעס. אבער ווי האב איך עס דאן געליטען, ווען איך האב צו אייך געמוזט פריידיגען דיזע פרומע ליגענס, וועלכע איך האב אין הארצען אזוי געהאסט! וואס פאר א געוויסענסביסע איך האב עס געהאט דורך אייער לייכטגלויביגקייט! טויזענדע מאל האט זיך מיר געגלוסט אייך מיט אמאל עפענען די אויגען, אבער א שרעק, וועלכער איז געווען צו גרויס פאר מיין מוטה, האט מיך צוריקגעהאלטען און האט מיך געצוואונגען צו שווייגען ביז מיין טוידט."

וואס פאר א בלוטענדע זעלע עס רעדט צו אונז פון דיזע ציילען, וואס פאר א שרעקליכען לעבען האט דאס דיזער מענש מיט זיין גרויסען, קלאהרען גייסט געמוזט פיהרען נור דערפאר, ווייל ער האט מורא געהאט ארויסצוריידען דאס, וואס האט זיין גאנצען לעבען געפרעסט זיין קאפ און זיין הארץ!

אבער דער לעזער דארף ניט פערגעסען, אז זיין שרעק איז געווען צו גוט בעגרינדעט. דיזער מעסליע האט געלעבט ניט אין דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט נור אין דעם 17טען יאהרהונדערט, נאך פאר דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן, נאך איידער די ענציקלאפעדיסטען האבען אנגעפאנגען זייער וועלט-שטורמענדע בעפריאונגס-ארבייט. זיין עפענטליכע בעקענטניס דאן, וואלט בעדייטעט פאר איהם די שרעקליכסטע יסורים און פייניגונג פון פלייש און גייסט, וואס מען קען זיך נור פארשטעלען. די גאטס-שווינדלער, אזוי גוט ווי זיי בעלוינען די וואס העלפען זיי אין זייער שווינדעל, אזוי שרעקליך אויך נעהמען זיי ראכע אן די, וועלכע דעקען אויף זייער פינסטערע ארבייט.

ניין, מעסליע האט ניט געקענט זיין אזוי מוטהיג. און עס איז אפשר בעסער אזוי. עטוואס מעהר מוטהיג, וואלט ער פילייכט זיין גרויסעס בוך, פול מיט גרויסע געדאנקען, קיינמאל ניט אנגעשריבען. איין זאך מוזען מיר געדענקען, אז מעסליע האט ניט געשוויגען אום צו בלייבען ביי זיין פעטע שטעלע, ווייל, ווי דער לעזער האט געזעהן, איז זיין שטעלע געווען א גאנץ מאגערע, און מיט דאס ביסעל, וואס ער האט

געהאַט, האָט ער זיך אויך געטהיילט מיט די אָרימערע פֿון זיין געמיינדע. מיר זיינען זיכער, אַז דער לעזער האָט מוחל געווען מעסליע זיין שטילשווייגען וועהרענד זיין לעבען, און וועט מיט פֿערגניגען און מיט נוצען שעפּען די גרויסע געדאַנקען פֿון דעם גייסטיגען קוואַל. אַלט ווי דער קוואַל איז, איז ער אָבער מערקווירדיג פֿריש, ווייל ער רייסט אַרונטער די מאַסקע פֿון ליגען.

ש. י.

1.

א מוסר השכל.

עס איז דאָ אַ גרויסע לאַנד, איבער וועלכע עס רעגירט אַ גרויסער קעניג. זיינע טהאַטען זיינען אָבער אַזעלכע, דאָס זיי קענען נור צומישען די מוחות פון זיינע אונטערטהאַנען. ער וויל מען זאָל איהם קענען, ליעבען, אַכטען און געהאָרכען. ער אַליין ווייזט זיך אָבער קיינמאָל פאַר קיינעם ניט, און אַלע זיינע טשינאָווניקעס האָבען געמאַכט אַזוי ווי אַ פערשווערונג צו פערדונקלען, צו מאַכען אונקלאָהר די אַלע בעגריפע, וועלכע מען וואָלט זיך אפשר יאָ געקענט מאַכען איבער איהם. די פעלקער, וועלכע זיינען איהם אונטערטהאַנען, האָבען ניט קיין אַנדער פאָרשטעלונג פון דעם כאַראַקטער און פון די געזעצע פון זייער אונזיכטבאַרען מאָנאַרך, ווי נור די, וועלכע עס האָבען דעם מאָנאַרך'ס טשינאָווניקעס. דיזע זיינען זיך פון דעסטוועגען מודה, דאָס זיי אַליין האָבען ניט קיין בעשטימטע בעגריפע פון זייער הערר, דאָס זיינע וועגען קען מען ניט דערפאָרשען, דאָס זיינע אַבזיכטען און אייגענשאַפטען זיינען פאָלשטענדיג אונבעגרייפליך. דערצו זיינען נאָך דיזע טשינאָווניקעס אַליין צווישען זיך ניט אייניג. יעדער פון זיי האָט גאַנץ אַנדערע געזעצע, וועלכע זיי זאָגען, קומען פון דעם מאָנאַרך אַליין און וועמעס שטעלפערטרעטער זיי רופען זיך. זיי פיהרען קריעג צווישען זיך, זיי רופען איינע די אַנדערע פעלשער און שווינדלער. די געזעצע, וועלכע זיי גיבען אַרויס, זיינען ניט קלאָהר, זיינען ווי רעטענישען, פון וועלכע די אונטערטהאַנען, פאַר וועמען זיי ווערען אַרויסגעגעבען אייגענטליך, פערשטעהען זעהר ווייניג. די געזעצע פון דעם מאָנאַרך נויטיגען זיך אין פערטייטשער, ערקלעהרער, אָבער דיזע ווידער האָבען שטענדיג צווישען זיך ובוחים. אויסער דעם איז קיינער פון זיי מיט זיך זעלבסט ניט איינפערשטאַנען. אַלץ וואָס זיי דערצעהלען וועגען זייער

פֿערבאָרגענעם מאָנארך, איז אַ פּלאַנטער פֿון ווידערשפריכע. זיי בע־הויפּטען פֿון איהם ניט קיין איינציגע זאַך, וועלכע זיי אַליין לייקענען גלייך ניט אָב. זיי זאָגען אויף דעם מאָנאַרך, דאָס ער איז אויסעראָרענטליך גוט, און דאָך איז ניטאָ אַ מענש, וואָס זאָל צו איהם ניט האָבען עפּעס אַ תענה. מען בעטראַכט איהם אַלס קלוג גאָר אָהן אַ ברעג, און אין זיין לאַנד שיינט צו געהן אַלעס מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, אַלעס געגען דעם געזונדען מענשען־פֿערשטאַנד. מען לויבט זיין גערעכטיגקייט און די בעסטע פֿון זיינע אונטערטהאַנען זיינען געוועהנליך די, וואָס האָבען דעם גרעס־טען חלק צרות אין לעבען. מען פֿערזיכערט, דאָס ער זעהט אַלעס, און פֿון דעסטוועגען האָט ער נאָך קיין אונגליק ניט פֿערהיט. ער איז, זאָגט מען, אַ פֿריינד פֿון אָרדנונג, און אין זיין שטאָדט איז אַלעס אין אונ־אָרדנונג. ער אַליין טהוט אַלעס, און דאָס וואָס פּאַסירט איז פּונקט קאַפּויר, ווי ער האָט געפּלאַנעוועט. ער זעהט אַלעס פֿאָראויס, און דאָך וויים ער ניט עטוואָס פֿאָראויס צו בעשטימען. ער ווערט אונגעדולדיג, ווען אימיצער בעליידיגט איהם, און דאָך גיט ער יעדען די מעגליכקייט דאָס צו טהאָן. מען בעוואונדערט זיין וויסענשאַפֿט, זיין פֿאָלקאָמענהייט און זיינע טהאַטען, און דאָך זיינען זיינע ווערק פֿון אַ גאַנץ קורצען לע־בען, און זיינען אויך ניט פֿאָלקאָמען. ער איז אימער צו בעשעפֿטיגט אין מאַכען, אוממאַכען, און דאַן ווידער פֿערבעסערן, וואָס ער האָט געמאַכט, און האָט קיינמאָל ניט קיין אורזאַכע, פֿאַר וואָס ער זאָל צופֿריעדען זיין מיט זיין אַרבייט. אין אַלע זיינע אונטערנעהמונגען מיינט ער נור זיין אייגענעם כבוד, אָבער עס געראָט איהם קיינמאָל ניט, אַז מען זאָל איהם לויבען. ער אַרבייט נור פֿאַר דאָס וואוילגעהן פֿון זיינע אונטערטהאַנען און דעם גרעסטען טהייל פֿון זיי פֿעהלט דאָס נויטיגסטע. די וועלכע ער שיינט שוין יאָ צו בעגינסטיגען, זיינען גראַדע די, וואָס זיינען וויניגער פֿון אַלע אַנדערע צופֿריעדען מיט זייער חלק! מען זעהט זיי שטענדיג פּראָטעסטירענדיג געגען זייער הערר, וועמעס גרויסקייט זיי הערען פֿון דעסטוועגען ניט אויף צו בעוואונדערן, וועמעס חכמה זיי לויבען, צו וועמעס גוטסקייט זיי בעטען, פֿאַר וועמעס גערעכטיגקייט זיי האָבען מורא און וועמעס געבאָט זיי פֿערעהרען, האָטש קיינמאָל ניט פֿאָלגענ־דיג זיי.

דיזעס לאַנד איז די וועלט, דיזער הערשער איז גאָט; די טשינאָוו־ניקעס זיינען די פּריסטער און זיינע אונטערטהאַנען זיינען די מענשען.

2.

וואָס איז טהעאָלאָגיע?

עס איז דאָ אַ וויסענשאַפֿט, וועמעס צוועק איז נור צו בעשעפֿטיגען זיך מיט זאַכען, וועלכע מען קען ניט בעגרייפֿען. אין געגענזאַץ צו אַלע

אַנדערע וויסענשאַפֿטען בעשעפֿטיגט זי זיך נור מיט דאָס, וואָס די מענשען קענען ניט פֿיהלען דורך זייערע חושים. האָבבעס רופֿט אָן דיזע וויסענשאַפֿט „דאָס לאַנד פֿון פֿינסטערניש.“ דאָס איז אַ לאַנד, וואו עס ווערען אַנערקענט פֿאַר ריכטיג אַזעלכע געזעצע, וועלכע זיינען אין ווידערשפּרוך מיט די געזעצע פֿון דער וועלט, אין וועלכע די מענשען לעבען, און וועלכע די מענשען זיינען אימשטאַנד צו בעגרייפֿען. אין דיזער וואונדערבאַרער געגענד איז דאָס ליכט נור פֿינסטערנים; די געוויסהייט ווערט צווייפֿעלהאַפֿט אָדער ניט ריכטיג. דאָס אונמעגליכע ווערט וואַהרשיינליך. דער גלייכער שכל הערט אויף צו זיין דאָרט ניצליך אַלס פֿיהרער; דער געזונדער מענשען־פֿערשטאַנד ווערט דאָרט אומגעוואַנדעלט אין אַ פּוסטע פֿאַנטאַזיע. דיזע וויסענשאַפֿט רופֿט מען טהעאָלאָגיע, און דיזע גאָטעס־לעהרע איז שטענדיג אַ בעליידיגונג פֿאַר דעם מענשליכען שכל.

דורך דעם צונויפֿקלייבען פֿון ווען׳ס, אָבער׳ס און אפשר׳ס האָט זיך עס איינגעגעבען אויפֿצובויען אַ סיסטעם אָהן אַ פֿאָרמע און אָהן אַ צוזאַמענהאַנג, וועלכע קען אַזוי צומישען דעם מענשליכען מוח, דאָס ער פֿערלירט די פֿעהיגקייט קלאָהר צו דענקען, און די בעוויזענסטע וואַהרהייט ווערט פֿאַר איהם צווייפֿעלהאַפֿט. מיט די הילף פֿון דיזען סיסטעמאַטישען אונזין איז די נאַטור פֿון מענשען געוואָרען אַ רעטעניש, די זיכטבאַרע וועלט איז פֿערשוואונדען, אום צו מאַכען פּלאַץ פֿאַר דאָס, וואָס קיינער האָט קיינמאָל ניט געזעהן. דער פֿערשטאַנד מוז מאַכען פּלאַץ פֿאַר דער פֿאַנטאַזיע, און נור זי אַליין האָט דאָס רעכט צו פֿיהרען דעם מענש אין דעם לאַנד פֿון חלומות.

3.

דער מענש ווערט ניט געבאָרען רעליגיעז.

די לעהרען פֿון יעדער רעליגיאָן גרינדען זיך אויף די אידעען פֿון גאָט. נון, איז עס אָבער פֿאַר דעם מענשען ניט מעגליך צו האָבען ריכטיגע בעגריפֿע פֿון אַ וועזען, וועלכע־ ווירקט ניט אויף קיין איינציגען פֿון זיינע חושים. אַלע אונזערע אידעען זיינען נאָר פֿאָרשטעלונגען פֿון זאַכען, פֿון וועלכע מיר ווייסען; ווי אַזוי אָבער קען מען זיך בילדען אַ בעגריף פֿון גאָט, אַז עס איז ניטאָ קיין זאַך אין דער וועלט, דורך וואָס ער זאָל זיך קענען מאַכען פֿיהלבאַר פֿאַר אונזערע חושים? איז דען ניט אַזאַ אידעע פּונקט אַזוי אונמעגליך, ווי אַ פֿאָלגע אָהן אַ אורזאַכע? איז אַ אידעע אָהן אַ געגענשטאַנד, פֿון וואַנען זי האָט זיך געבילדעט, עטוואָס אַנדערעס ווי אַ משוגענע פֿאַנטאַזיע? און דאָך פֿערזיכערען אונז איינ־ג

טהעאָלאָגען, דאָס די אידעע פון גאָט קריגען די מענשען פון דער ערשטער מינוט, ווי זיי ווערען געבאָרען. יעדער פרינציפ האָט אַלס זיין פונדאַמענט דעם מענשליכען געדאַנק. יעדער געדאַנק איז די פאָלגע פון ערפאַהרונג, ערפאַהרונג קריגט מען נור דורך אונזערע חושים און לעבען, און דאַריבער קומט אויס, דאָס די רעליגיעזע פרינציפען שטיצען זיך אויף גאָר ניט, און זיינען מיט אונז ניט מיטגעבאָרען.

4.

עס איז ניט נויטוועגדיג צו גלויבען אין א גאָט. דאָס פערניפטיגסטע איז גאָרניט צו דענקען פון איהם.

יעדע רעליגיאָן קען נור זיין געגרינדעט אויף דער לעהרע וואָס גאָט איז און וואָס זיינען די שייכות צווישען איהם און די מענשען. דאָך, אום צו קענען אורטהיילען איבער די ווירקליכקייט פון דיזע בעציהונגען, מוז מען דאָך האָבען אירגענד וועלכע פאָרשטעלונג פון דעם, ווי גאָט זעהט אויס. אָבער איבער דעם פערזיכערט אונז יעדער גלויביגער, אַז דער וועזען פון גאָט מוז בלייבען אונבעגרייפליך; צו גלייבער צייט הערט מען ניט אויף צו בעפוצען דעמזעלבען אונבעגרייפליכען וועזען מיט פערשידענע מעלות און מען פערזיכערט אונז, דאָס עס איז די פליכט פון יעדען מענשען אַנצוערקענען דעם גאָט, וועלכען ער קען ניט בעגרייפען. מען זאָגט דעם מענשען, אַז די וויכטיגסטע זאַך אין זיין לעבען איז צו פערשטעהן דאָס, וואָס ער קען גאָר קיינמאָל ניט פערשטעהן. ווען גאָט איז פאַר די מענשען אונבעגרייפליך, וואָלט עס דאָך געווען דאָס פערנינפטיגסטע קיינמאָל גאָר ניט צו דענקען פון איהם. אָבער די רעליגיאָן האַלט עס פאַר די גרעסטע זינד, ווען דער מענש הערט אויף אויף אַ מינוט זאָגאַר צו טראַכטען וועגען דעם.

5.

די רעליגיאָן איז געגרינדעט אויף לייכטגלויביגקייט.

מען זאָגט אונז, אַז גאָט איז אַזאַ וועזען, וועלכען קליינע בעשריינקטע קעפ קענען ניט בעגרייפען. דערפון האָט מען דאָך בעדאַרפט פערשטעהן, אַז עס איז ניט דעם נאַרישען מענשענס עסק צו טראַכטען פון גאָט, און דאָך זאָגט דיזע רעליגיאָן, דאָס דיזע נאַרישע מענשען טאָרען קיינמאָל ניט אויפהערען צו טראַכטען פון דעם וועזען, וועמעס אייגענשאַפטען זיי קענען ניט בעגרייפען. דערפון קען מען זעהן, אַז די רעליגיאָן איז אַזאַ קונסט, וואָס בעשעפטיגט די מענשליכע קעפ מיט זאַכען, וועלכע זועלען בלייבען זיי אייביג אונבעגרייפליך.

6.

יעדע רעליגיאן איז אן אונזין.

די רעליגיאָן ברייננט דעם מענשען אין פֿערבינדונג מיט גאָט. אָבער זאָגט איהר דען אַליין ניט, אַז גאָט איז אונענדליך? אויב אַזוי ווי קען ער האָבען אירגענד וועלכע פֿערהעלטניסע מיט אַ וועזען, וואָס איז ענדליך? און ווי באַלד צווישען אַן ענדליכען און אַן אונענדליכען וועזען קען קיין שייכות ניט געבען, קען דאָך שוין אויך ניט זיין קיין פֿערפֿליכטונג צווישען גאָט און מענש! און ווי באַלד אַז דאָס איז ניטאָ, קען דאָך שוין אויך ניט זיין קיין רעליגיאָן, וועלכע גרינדעט זיך נור אויף די פֿערפֿליכטונגען צווישען גאָט און מענש. ווען די פרעדיגער אַלזאָ לערנען, אַז גאָט איז אונענדליך, פֿערניכטען זיי שוין דערמיט אַליין דעם פֿונדאַמענט פֿון זייער רעליגיאָן. די אידעע פֿון אונענדליכקייט איז פֿאַר אונז אַ בעגריף אָהן אַ מאָדעל, אָהן אַ זאַך, דורך וועלכע זי זאָל פֿאָרגעשטעלט ווערען.

7.

עס איז אונמעגליך צו פאסען א בעגריף פון גאט.

ווען גאָט איז אַן אונענדליכער וועזען, קען גאָר ניט געבען—ניט אין דער וועלט און ניט אין אַן אַנדער וועלט—אַ גלייכע מאָס צווישען גאָט און מענש. דעריבער קען גאָט ניט בעגריפֿען ווערען פֿון דעם מענשליכען גייסט. ווען מיר זאָלען שוין צוגעבען אַ צוקונפֿטיגען לעבען, אין וועלכען דער גייסט פֿון מענשען וועט זיין ענטוויקעלטער ווי אין דעם איצטיגען, וועט אָבער אימער גאָט'ס אונענדליכקייט מאַכען אַ מחיצה צווישען איהם און דעם גייסט פֿון מענשען, וואָס וועט אימער בלייבען אַן ענדליכער וועזען. דערפֿון פֿאָלגט, אַז ניט נור מענשען, נור אויך די פֿאָרגעשטעלטע מלאכים אין הימעל, האָבען גאָר אַ קליינעם בעגריף פֿון גאָט.

8.

דער אורשפרונג פון אבערגלויבען.

ווי איז עס אָבער מעגליך געווען אייִנצורעדען פֿערנינפֿטיגע מענשען, אַז דאָס וויכטיגסטע פֿאַר זיי אין לעבען איז געראַדע דאָס, וואָס זיי קענען גאָר ניט פֿערשטעהן? דאָס קומט דערפֿון, וואָס מען האָט אימער אָנגעיאָגט אויף זיי אַ טויט-שרעק, און ווען איינער איז איבערגעשראָקען, הערט ער אויף צו דיינקען. מען האָט זיי אימער געקלאַפּט אין די קעפּ, אַז זיי טהאָרען ניט פֿערלאָזען זיך אויף זייער שכל, און ווען דער מוח איז צוטומעלט, דאַן גלויבט מען אַלעס, ניט מען פֿרעגט און ניט מען אונטערזוכט.

9.

דער אורשפרונג פון רעליגיאן.

אונוויסענהייט און שרעק דאָס זיינען דיביידע זיילען, אויף וועלכע די רעליגיאָן שפּאַרט זיך אָן. דער מענש האָט מורא אין דער פינסטער— אין דער מאָראַלישער פונקט ווי אין דער פיזישער. זיין שרעק ווערט ביי איהם אַ געוואוינהייט, און ווערט ביי איהם מיט דער צייט אַ בעדירפניס. ער גלויבט, אַז איהם וואָלט עטוואָס געפעהלט, ווען ער וואָלט ניט געהאַט פאַר וואָס מורא צו האָבען.

10.

די רעליגיאן איז א טהייערער לעבענס-מיטעל פאר אלערליי שארלאטאנעס.

פאַר דעם, וואָס האָט עס זיך געמאַכט אַ געוואוינהייט צו ציטערען יעדעס מאָל אַזוי באַלד, ווי ער הערט געוויסע ווערטער, פאַר דעם ווע־רען דיזע ווערטער אַ בעדירפניס, און ער האָט דאָס בעדירפניס צו צי־טערען. צוליעב דעם וועט ער אימער מעהר צוהערען דעם, וועלכער זאָגט איהם, אַז ער דאַרף זיך שרעקען, ווי צו דעם, וועלכער וועט איהם ווע־לען בערוהיגען. דער אַבערגלויביגער וויל ציטערען. זיין איינבילדונג פאָ־דערט עס. מען קען זאָגען, דאָס ער האָט פאַר קיין זאַך ניט אַזוי קיין מורא, ווי צו פערלירען דאָס, פאַר וואָס ער האָט מורא. די מענשען זיינען איינ־געבילדעטע קראַנקע, וועלכע געמיינע שאַרלאַטאַנעס נעהמען זיך די מיה צו האַלטען ביי דיזע איינגערעדטע קראַנקהייט, כדי זיי זאָלען האָבען שטענדיגע קונדען פאַר זייערע רפואות. די דאָקטוירים וואָס פערשרייבען פיעלע און לאַנגע רעצעפּטען, געפינען מעהר צוטרוי ווי די, וועלכע ווע־לען אייך ראַטהען צו לעבען גוט אָדער וועלכע לאָזען איבער דער נאַטור צו טהאָן דאָס איהריגע.

11.

ווי די רעליגיאָן נעהמט די אונוויסענהייט מיט די הילף פון ניסים.

וואָלט די רעליגיאָן געווען עטוואָס שכל'דיגעס, וואָלט זי זעהר ווע־ניג חן געפונען אין די אויגען פון די אונוויסענדע. דיזע נויטיגען זיך אין דאָס דונקעלע, אין דאָס געהיימניספולע, אין שרעק, אין וואונדער, אין זאַכען, וואָס איז אונמעגליך צו גלויבען. דיזע אַלע זאַכען זיינען די בעסטע שפּייז פאַר דעם מאַרך פון די אונוויסענדע. ראָמאַנען, גייסטער־געשיכטען האָבען פאַר דעם אונוויסענדען מענשען מעהר צוציהונגס־קראַפט, ווי

אמת'ע פֿאַקטען. וואָס דער רעליגיאָן אָנבעלאַנגט זיינען די מייסטע מענ־שען נור גרויסע קינדער. וואָס אונבעגרייפֿליכער, וואָס אונזיניגער אַ רעליגיאָן איז, מיט דאָס מעהר איינגעשפּאַרטקייט וועלען די מענשען זיך האַלטען ביי איהר. דער פֿרומער האַלט עס פֿאַר זיין פֿליכט ניט צו מאַ־כען קיינע גרענעצען פֿאַר זיין לייכטגלויביגקייט. וואָס מעהר אַ זאַך איז פֿאַר איהם אונפֿערשטענדליך, אַלץ מעהר געטליך איז זי אין זיינע אויגען, און אַלץ פֿאַר אַ גרעסערע מצוה האַלט ער עס צו גלויבען אין דעם.

12.

וואלטען ניט געווען צייטען פון אונוויסענהייט און בארבאריי וואלט אויך קיינמאל קיין רעליגיאן ניט געווען.

דער אורשפּרונג פֿון רעליגיעזע מיינונגען שטאַמט פֿון יענע צייטען, ווען די ווילדע נאַציאָנען זיינען נאָך געווען אין אַ צושטאַנד פֿון קינדהייט. די רעליגיאָנס־גרינדער פֿון אַלע צייטען האָבען זיך געווענדעט צו דער רויהער מאַסע, צו די אונוויסענדע און נאַרישע מענשען, אום צו שפּייזען זיי מיט געטער, גאָטעס־דיענסט, גאָטעס־לעהרע און מיט מעשיות, וואָס האָבען זיי אי ערשטוינט, אי דערשראָקען. דיזע ווילדע פֿאַנטאַזיעס, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען פֿון די טאַטעס גאָר ניט פֿרעגענדיג און ניט אונטערזוכענדיג, זיינען נאָכהער איבערגעגעבען געוואָרען צו די קינדער, יועלכע האָבען אָפּט ניט מעהר נאָכגעדאַכט און נאָכגעפֿאָרשט ווי זייערע טאַטעס.

13.

יעדע רעליגיאן איז געקומען אויס דעם וואונש צו הערשען.

די ערשטע געזעצגעבער פֿון די פֿעלקער האָבען בעצוועקט איין זאַך: צו בעהערשען זיי. דער לייכטעסטער מיטעל צו דערגרייכען דיזען צוועק איז געווען, זיי צו מאַכען שרעקעדיג און ניט לאָזען זיי דענקען. זיי האָ־בען זיי מיט אַבזיכט געפֿיהרט אויף קרומע וועגען, כדי די פֿערפֿיהרטע זאָלען ניט זעהן, וואָס זייערע פֿערפֿיה־ער בעצוועקען אייגענטליך. זיי האָבען זיי געצוואונגען צו קוקען אין די לופֿט אויס מורא טאָמער וועלען די מענשען אָנהויבען זעהן, וואָס טהוט זיך אַרום זיי אויף דער ערד. און טאָמער זאָלען זיי דאָך זיך ניט אַרומקוקען, האָבען זיי געהאַלטען זיי אין איין אונטערהאַלטען מיט פֿערשיעדענע מעשיות. קורץ, זיי האָבען מיט זיי געטהאָן פּונקט, ווי די ניאַנקעס טהוען מיט קליינע קינדער. מיט גע־זאַנג און מיט שרעקליכע געשיכטען מאַכען זיי זייער קליינוואַרג איינשלאָ־פֿען אָדער צו שווייגען.

14.

דער פונדאמענט פון דער רעליגיאן איז דער שוואכסטער וואס קען געבען.

גאָטס עקזיסטענץ איז דער גרונדשטיין פון יעדער רעליגיאָן. ווייניגע מענשען זיינען עס, וואָס צווייפלען אין די עקזיסטענץ פון גאָט. און דאָך איז געראַדע דיזער פונדאַמענטאַלער פונקט אַזעלכער, וואָס דאַרף אויפ־וועקען צווייפעל ביי יעדען דענק־פעהיגען מענשען. דער ערשטער זאַץ פון יעדען קאַטעכיזמוס, אַז עס איז דאָ אַ גאָט, איז אימער דער, וועל־כער איז אַם וועניגסטען בעוויזען.

15.

עס איז ניט מעגליך צו זיין איבערצייגט, אז עס איז דא א גאט.

קען מען ווירקליך בעהויפטען צו זיין איבערצייגט אין דער עקזיס־טענץ פון אַ וועזען, פון וועמען מען ווייס ניט ווי ער איז בעשאַפען; וועלכען מיר קענען ניט בעגרייפען מיט קיין איינציגען פון אַלע אונזערע חושים און וועמעס אייגענשאַפטען, פון וועלכע מען רעדט אַזוי אָפט, זיינען פאַר אונז גאַנץ אונפערשטענדליך? אום איך זאָל מיר איבערציי־גען, דאָס אַ געוויסער וועזען עקזיסטירט און קען עקזיסטירען, מוז איך פריהער וויסען פון איהם געוויסע זאַכען, אייגענשאַפטען, וועלכע זיינען ניט אין ווידערשפרוך צווישען זיך. קורץ, אום איך זאָל זיך איבערצייגען אין דער עקזיסטענץ פון אַזאַ וועזען, מוז מען מיר דערצעהלען וועגען איהם אַזעלבעס, וואָס איך קען פערשטעהן, מוז מען מיר בעווייזען דאָס עס קען ניט זיין, אַז אַזאַ וועזען זאָל ניט עקזיסטירען.

אַ זאַך איז אונמעגליך, ווען זי ענטהאַלט אין זיך צוויי אידעען, וועלכע צושטערען איינע די צווייטע, און וועלכע מען קען ניט מיט'ן פערשטאַנד בעגרייפען און ניט צוזאַמען פאָרען זיי. איבער אַ זאַך קען מען נור זיכער ווערען דורך די חושים, וועלכע נור זיי אַליין רופען ביי אונז אַרויס געדאַנקען, און מאַכען אונז צו דענקען און צו אורטהיילען איבער פערשידענע זאַכען. דיזע פרינציפען ווערען אַנערקענט פון יעדען מענשען, אַזוי לאַנג ווי עס האַנדעלט זיך נור ניט אום גאָט. קומט צו דיזע פראַגע אָבער, פערלירען דיזע פרינציפען זייער ווערדע. אַלץ וואָס מען האָט ביז איצט געזאָגט פון גאָט איז אָדער אונבעגרייפליך אָדער ווידערשפרעכענד, און דאַדורך דאַרף יעדער פערנינפטיגער מענש האַלטען גאָט פאַר אַן אונמעגליכקייט.

16.

גאט׳ס עקזיסטענץ איז ניט בעוויזען.

אַלע מענשליכע וויסענשאַפטען האָבען זיך מעהר אָדער וויניגער ענטוויקעלט. ווי קומט עס, דאָס די גאָטעס-וויסענשאַפט איז געבליבען שטעהן אויף דערזעלבער שטופע, ווי אין די אַמאָליגע צייטען? די ציווי־ליזירטעסטע נאַציאָנען און די טיעפסטע דענקער זיינען אין דער הינזיכט פון דער גאָטעס-לעהרע אויף דעמזעלבען שטאַפּעל, ווי די ווילדעסטע נאַציאָנען און די אונוויסענדסטע מענשען. ווען מיר וועלען די זאַך אַביסעל גענויער בעטראַכטען, וועלען מיר גאָר קומען צום שלוס, אַז וואָס ווייטער דאָס דונקעלער ווערט אַלץ די גאָטעס-לעהרע. ביז איצט שטיצט זיך יעדע רעליגיאָן נור אויף דאָס וואָס מען רופט אין דער לאָגיק „שיינבעגרינדונג.“ מען פּרובירט זיך זאָגען, אַז עטוואָס איז אמת, און מען בעווייזט עס נאָכהער דורך דאָס, וואָס מען האָט גלאָט אין דער וועלט אַריין אָנגע־נומען עטוואָס פאַר אמת.

17.

צו זאגען אז גאט איז א גייסט, הייסט גערעדט און גארניט געזאגט.

נאָך פיעל פלפול׳ן און פשט׳לען זיך האָט זיך עס איינגעגעבען צו־מאַכען פון גאָט אַ ריינעם גייסט. אָבער איז דען צוליעב דעם די מאָ־דערנע טהעאָלאָגיע ווייטער פאָרטגעשריטען ווי די טהעאָלאָגיע פון די ווילדע? אויך די ווילדע גלויבען אין אַ גרויסען גייסט אַלס דעם הער־שער פון דער וועלט. די ווילדע פונקט ווי אַלע אונוויסענדע ערקלעהרען אַלע ערשיינונגען דורך די ווירקונג פון גייסטער. פרעגט אַ ווילדען, וואָס מאַכט אייער זייגער געהן? ער וועט אייך ענטפערן: דאָס איז אַ גייסט. פרעגט אונזערע טהעאָלאָגען, וואָס ברענגט אין בעוועגונג די גאַנצע וועלט, און אויך זיי וועלען אייך ניט געבען קיין אַנדער ענטפער, ווי נור: „עס איז דער גייסט!“

ווען דער ווילדער רעדט פון אַ גייסט, איז עס לכל הפחות עטוואָס; ער פערשטעהט אונטער דיזען וואָרט אַ טהעטיגען וועזען, עהנליך צום ווינד, צו דער לופט, צום אָטהעם, וועלכע אונגעזעהן ברייִנגען אַרוים ווירקונגען, וועלכע מיר קענען פיהלען מיט אונזערע חושים. דער מאָדער־נער טהעאָלאָג אָבער ווערט דורך זיינע פלפולים אַזוי וויניג בעגרייפליך פיר זיך אַליין, פונקט ווי פאַר אַנדערע. פרעגט איהם וואָס ער פער־שטעהט אונטער אַ גייסט? און ער וועט אייך ענטפערן, אַז דאָס איז אַן אונבעקאַנטע סובסטאַנץ, וועלכע איז דורכאויס זעהר איינפאַך, און האָט דאָך גאָר ניט געמיינשאַפטליכעס מיט דער מאַטעריע. אויפריכטיג גע־

רעדט, איז דען דאָ אימיצער, וואָס קען זיך דעם מינדעסטען בעגריף מאַכען פון אַזאַ סובסטאַנץ? איז דאַרום אַ גייסט אין דעם לשון פון דער מאָדערנער טהעאָלאָגיע עטוואָס אַנדערעס ווי אונזין?

18.

אַלעס וואָס עקזיסטירט האָט זיך ענטוויקעלט פון דעם שטאָף.

איז עס ניט נאַטירליכער און פערשטענדליכער צו ערקלעהרען זיך אַלעס, וואָס עקזיסטירט, אַלץ די ענטוויקלונג פון דער מאַטעריע, וועמעס עקזיסטענץ מיר פיהלען מיט אַלע אונזערע חושים, וועמעס ווירקונגען מיר זעהען און בעאָבאַכטען יעדען אויגענבליק, וועלכע מיר זעהען אימער טהעטיג, אימער בעוועגען זיך, און אימער שאַפענדיג בעוועגונג, איידער צוצושרייבען אַלעס, וואָס איז דאָ צו אַן אונבעקאַנטער מאַכט, צו אַ גייסטיגען וועזען, וועלכער קען פון זיך גאָר ניט אַרויסברינגען? דער מאַטעריעלער יופיטער פון די אַלטע האָט געקענט בעוועגען, שאַפען, צושטערען און אַרויסברינגען וועזענס, וואָס זיינען געוועזען עהנליך צו איהם. אָבער דער גאָט פון דער היינטיגער טהעאָלאָגיע איז אַ וועזען, וואָס איז גאַנץ אונפרוכטבאַר. וועדליג די נאַטור זיינע, וועלכע די טהעאָלאָגען אַליין האָבען איהם געגעבען, פערנעהמט ער ניט קיין פלאַץ אין רוים, קען אויך ניט בעוועגען די מאַטעריע, און קען אויך ניט אַרויסברינגען אַ זיכטבאַרע וועלט, און קען ניט בעשאַפען ניט קיין מענשען און ניט קיין געטער. דער מעטאַפיזישער גאָט איז אַן אַרבייטער אָהן הענד. ער טויג צו גאָר ניט, ווי נור צו ברייגנען צו צאַנקערייען, צו נאַרישקייטען און ניט געשטויגענע חלומות.

19.

עס וואָלט שוין געוועזען מעהר פערנינפטיג צו בעטען צו דער זונן, ווי צו אַ גאָט־גייסט.

ווען עס איז שוין געוועזען דורכאויס נויטיג, אַז מענשען זאָלען האָבען אַ גאָט, טאָ וואַרום זיינען זיי ניט געבליבען ביי דער זונן, דיזען זיכטבאַרען גאָט, פאַר וועלכען פיעלע נאַציאָנען קניען און בויגען זיך? וועלכעס וועזען האָט דען מעהר רעכט געלויבט צו ווערען, ווי די זונן, וועלכע גיט ליכט, וואַרעמקייט, גיט לעבען צו אַלע וועזענס, וועלכע ערפרישט און פעריונגט די נאַטור, און וועמעס ניט זיין ברייגנט דער וועלט פינסטערקייט, טרויער, און אַן אַלגעמיינע אָבשוואַכונג? אויב עס איז דאָ אַ וועזען אויף דער וועלט, וועלכער צייגט אַרויס פאַר דעם מענשען־געשלעכט טהעטיגקייט, מאַכט, וואָהלטהאַטען, איז דאָס זיכער די זונן, וועלכע מען קען בעטראַכטען אַלס די מוטער פון דער נאַטור, אַלס

די נשמה פֿון דער וועלט, אַלס די גאָטהייט. ווענינגסטענס וואָלט מען דאָך איהר עקזיסטענץ ניט געקענט אַזוי לייכט בעשטרייטען, מען וואָלט גע־מוזט אַנערקענען איהר מאַכט און איינפֿלוס.

20.

א גאָט־גייסט איז ניט פֿעהיג צו וועלען און צו האַנדלען.

דער טהעאָלאָג זאָגט אונז, אַז גאָט דאַרף ניט האָבען קיין הענד, אום צו ווירקען; דאָס ער ווירקט דורך זיין ווילען. אָבער ווער איז דער גאָט, וואָס האָט דעם ווילען? און וואָס קען עס זיין וואָס ער וויל?

איז עס דען לעבערליכער צו גלויבען אין כשוף, אין גייסטער, ווי אין די מאַגישע אָדער אונמעגליכע ווירקונג פֿון אַ גייסט אויף דעם קערפּער? אַזוי שנעל ווי מען אַנערקענט אַזאַ גאָט, האָט מען שוין ניט מעהר קיין רעכט צו מאַכען שפּאָט איבער די אַלע נאַרישע קינדער־מעשיות. די טהעאָלאָגען בעהאַנדלען די מענשען ווי קינדער, וועלכע קריגען זיך קיינמאָל ניט איבער די מעגליכקייט פֿון די מעשיות, וואָס מען דערצעהלט זיי.

21.

וואס איז גאָט?

אום צו זעהן די אונמעגליכקייט פֿון די עקזיסטענץ פֿון אַ גאָט דאַרף מען נור בעטען אַ טהעאָלאָג, ער זאָלריידען וועגען איהם. אַזוי שנעל ווי ער רעדט נור אַרויס אַ וואָרט וועגען איהם, איז נור אַביסעלע נאָכדענקען נויטיג, אום צו זעהן, אַז דאָס וואָס ער זאָגט קען זיך ב־שום אופן ניט צוזאַמענפּאַרען מיט דער נאַטור, וועלכע ער שרייבט צו צו גאָט. וואָס איז אַלזאָ גאָט? דאָס איז אַן אַבסטראַקטעס וועזען, אויסגע־פֿונען, אום צו פֿערצייבענען די פֿערבאָרגענע קראַפֿט פֿון דער נאַטור, אָדער דאָס איז אַ מאַטעמאַטישער פּונקט, וועלכער האָט ניט קיין לייננג, ניט קיין ברייטקייט און ניט קיין טיפֿקייט.

די רעליגיאָן מאַכט דעם מענשען בויגען זיינע קניע פֿאַר אַ וועזען, וואָס פֿערנעהמט ניט קיין פּלאַץ, און וועלכער איז פֿונדעסטוועגען אונ־ענדליך און פֿילט אַלעס אָן מיט זיין אונערמעסליכקייט; זי מאַכט דעם מענשען זיך בוקען פֿאַר אַ וועזען, וועלכער פֿיהרט קיינמאָל ניט דורך, וואָס ער פֿערלאַנגט; פֿאַר אַן אַלגעטיגען וועזען וואָס איז אַ פֿריינד פֿון אָרדנונג, און אונטער וועמעס הערשאַפֿט אַלעס איז אונאָרדנונג. נאָך דעם אַלעם קען מען שוין פֿערשטעהן, וואָס איז עס דער גאָט פֿון דער טהעאָלאָגיע.

אום צו פערמיידען אַלע שוועריגקייטען זאָגט מען אונז, דאָס עס איז ניט נויטוועענדיג צו וויסען, וואָס גאָט איז, דאָס מען דאַרף נור בעטען צו איהם, חאָטש מען קען איהם ניט, דאָס עס איז ניט ערלויבט צו וואַרפען אַ העזה'דיגען בליק אויף גאָט'ס אייגענשאַפטען. אָבער איידער מען געהט בעטען עטוואָס ביי אימיצען, דאַרף מען דאָך פריהער וויסען, אויב אַזאַ אימיצער איז גאָר דאָ. אָדער ווי זאָל מען זיך איבערצייגען אין זיין עקזיסטענץ, איידער מען אונטערזוכט פריהער, אויב עס איז גאָר מעגליך, אַז אין איהם זאָלען זיך געפינען די אַלע אייגענשאַפטען, וועלכע מען גיט צו צו איהם? אין דער ווירקליכקייט בעטען צו גאָט, מיינט ניט מעהר ווי צו בעטען צו דער אייגענער פאַנטאַזיע.

אום צו פערפלאָנטערען נאָך מעהר די מענשען אין זייערע בעגריפע, האָבען די טהעאָלאָגען געהאַלטען פאַר דאָס בעסטע קיינמאָל ניט צו זאָגען, וואָס איז זייער גאָט. זיי זאָגען אונז נור, וואָס ער איז ניט. אַ גייסט איז ניט דאָס, וואָס אַ קערפער; אַן אונענדליכער וועזען איז ניט דאָס וואָס אַן ענדליכער וועזען; אַ פאָלקאָמענער וועזען איז ניט דאָס, וואָס אַן אונפאָלקאָמענער. אָבער קען מען פון דיזע אַלע פערניינונגען מאַכען זיך אירגענד אַ בעגריף פון דעם, וואָס איז פאַרט גאָט?

ווען מען בעהויפּטעט, אַז דער מענש קען ניט פערשטעהן מיט זיין שכל, וואָס איז גאָט, איז דאָס בלויז אין אַנדערע ווערטער צוזוגעבען, אַז גאָט איז עטוואָס מיט וואָס דער מענש דאַרף זיך גאָר ניט בעשעפ־טיגען. ווען מען פערזיכערט אונז, דאָס גאָט איז אונענדליך, גיט מען שוין דערמיט צו, אַז צווישען גאָט און זיינע „בעשעפעניסע" איז גאָר קיין געמיינשאַפטליכעס ניטאָ. ווען מען זאָגט, אַז גאָט איז אונענדליך, מיינט עס צו מאַכען איהם גאַנץ איבריג פאַר'ן מענשען. גאָט, ווערט מען אונז זאָגען, האָט געמאַכט דעם מענשען אינטעליגענט, אָבער ניט פעהיג צו וויסען אַלעס. דערפון קען מען ציהען אַ שלוס, אַז גאָט אַליין האָט איהם ניט געגעבען די פעהיגקייטען, דורך וועלכע ער זאָל קענען פערשטעהן און בעגרייפען אַ געטליכען וועזען. אויף אַזאַ אופן איז עס דאָך קלאָהר, אַז גאָט האָט ניט געוואָלט אָדער ניט געקענט זיך מאַכען בעקאַנט צו די מענשען. טו מיט וואָס פאַר אַ רעכט קען גאָט אין בעס זיין אויף די מענשען, וואָס קענען איהם ניט, אַז ער אַליין האָט זיי ניט געגעבען די פעהיגקייטען דערצו? גאָט וואָלט אונבעדינגט געווען דער אונגערעכ־טעסטער און דער שרעקליכסטער פון אַלע טיראַנען, ווען ער וואָלט בע־שטראָפט אַן אַטהעאיסט דערפאַר, וואָס ער גלויבט ניט אין אַ גאָט, וועלכער האָט אַליין איהם ניט געגעבען די פעהיגקייט צו ערקענען איהם, אַז ער זאָל אין איהם קענען גלויבען.

22.

עס איז פיעל זיכערער און פערנינפטיגער ניט צו גלויבען אין א גאָט, ווי יא צו גלויבען.

פֿאַר די מייסטע מענשען איז די מורא, דער שרעק דער שטאַרקסטער אַרגומענט, און צוליעב דעם זאָגען אונז דיזע גאָטעס־געלעהרטע, דאָס עס איז פֿיעל געזינדער און זיכערער צו גלויבען, ווי ניט צו גלויבען; דאָס קיין זינד איז ניט אַזוי שווער, ווי דער אונגלויבען, דאָס גאָט וועט בעשטראָפֿען אָהן רחמנות די אַלע, וועלכע האָבען געהאַט דעם מוטה צו צווייפֿלען אין זיין עקזיסטענץ, און דאָס ער וועט זיין גערעכט מיט זיין שטריינגקייט, ווייל נור די פֿערדאָרבענהייט אָדער די משוגעת קען מאַכען צווייפֿלען איינעם אין די עקזיסטענץ פֿון אַ גרויזאַמען קעניג, וועלכער וועט נעהמען שרעקליכע ראַכע אָן די, וואָס לייקענען אָן זיין עקזיסטענץ. ווען מיר בעטראַכטען קאַלטבלוטיג דיזע סטראַשונקעס געפֿינען מיר, אַז גראַדע דאָס, וואָס דאַרף נאָך ערשט בעוויזען ווערען נעהמען זיי שוין אָן, אַזוי ווי דאָס וואָלט שוין געווען בעוויזען. פֿריהער האָט מען, דאַכט זיך, אונז בעדאַ־פֿט בעווייזען דאָס אַ גאָט איז דאָ, איידער מען זאָגט אונז, דאָס עס איז פֿיעל זיכערער צו גלויבען אין איהם, ווייל אונזער שטראָף וועט זיין אַ שרעקליכע. מען האָט אונז פֿריהער בעדאַרפֿט בעווייזען, אַז עס איז מעגליך, אַז אַ גערעכטער גאָט זאָל גרויזאַם בעשטראָפֿען די מענשען, ווייל זיי זיינען געפּאַקט פֿון אַ משוגעת, וועלכער מאַכט פֿאַר זיי אונמעגליך צו גלויבען אין די עקזיסטענץ פֿון אַ וועזען, וועלכען זייער פֿערדונקעלטער פֿערשטאַנד קען ניט בעגרייפֿען. קורץ, מען האָט דאָך אונז בעדאַרפֿט בעווייזען, דאָס אַ גערעכטער גאָט וועט בעשטראָפֿען אויף'ן שרעקליכסטען אופן די אונוויסענהייט פֿון מענשען, אין וועלכע זיי זיינען ניט שולדיג.

איז עס ניט מערקווירדיג ווי דיזע גאָטעס־געלעהרטע אַרגומענטירען? זיי קלעהרען אויס שאָטענדיגע וועזענס, צוזאַמענגעשטעלט פֿון פֿערשידענע ווידערשפריכע, און דאַן ערקלעהרען זיי אונז, אַז עס איז דאָס זיכערסטע צו גלויבען אין דיזע שאָטענס, וועלכע זיי האָבען אַליין אויסגעטראַכט. אַז מען זאָל אָנגעהן אויף אַזאַ וועג, איז גאָר ניטאָ אַזאַ אונזין, אין וועלכען עס איז פֿיעל זיכערער צו גלויבען, ווי ניט צו גלויבען. אַלע קינדער זיינען אַטהעאיסטען. זיי האָבען קיין בעגריף ניט פֿון גאָט. נאָך דיזער לאָגיק קומט זיי דערפֿאַר די העכסטע שטראָף? אָדער ווען הויבען זיי אָן צו זיין פֿערפֿליכטעט צו גלויבען אין אַ גאָט? איהר וועט ענטפֿערן, ווען זיי הויבען אָן צו ווערען פֿערנינפֿטיג. אָבער ווען קומט עס דיזע צייט? אויסערדעם ווען פֿאַר די טיעפֿסטע גאָטס־געלעהרטע איז דער וועזען פֿון גאָט אונבעגרייפֿליך, טו וואָס פֿאַר אַ בעגריף קענען שוין

האָבען פון איהם די ניט־געלעהרנטע, די פרויען, די אַרבייטער, קורץ די אַלע, פון וועלכע עס בעשטעהט די מאַסע געוועהנליכע מענשען?

23.

דער גלויבען אין גאָט איז ניט עטוואס אנדערעס, ווי א מעכאַנישע געוואוינהייט פון דער קינדהייט.

די מענשען גלויבען אין גאָט נור אויף דעם וואָרט פון די, וועלכע האָבען פון גאָט ניט קיין גרעסערען בעגריף, ווי זיי אַליין. אונזערע ניאַנקעס זיינען אונזערע ערשטע טהעאָלאָגען; זיי ריידען מיט די קינדער פונקט ווי זיי דערצעהלען זיי אַנדערע בבא־מעשיות. פון דער פריהעסטער קינדהייט אָן לעהרנט מען די קינדער צונויפלייגען די הענד און בעטען צו גאָט. האָבען דען דיזע ניאַנקעס אַ גרעסערען בעגריף פון גאָט, ווי די קליינע קינדער, וועלכע זיי לעהרנען צו בעטען צו גאָט?

די רעליגיאָן געהט איבער פון די עלטערען צו די קינדער, פונקט ווי זייער האָב און גוטס. זעהר ווייניגע וואָלטען געהאַט אַ גאָט, ווען מען וואָלט זיך אַזוי שטאַרק ניט געזאָרגט איהם זיי צו געבען. יעדער קריגט פון זיינע עלטערען דעם גאָט, וועלכען זיי האָבען געקראָגען פון זייערע עלטערען, נור לויט נאָך זיין אייגענע נאַטור ענדערט ער אום אַביסעל דעם גאָט.

דער מאַרך פון דעם מענשען, און איבערהויפט נאָך אין דער קינדהייט, איז ווי אַ ווייכער וואַקס, וועלכער קען אויפנעהמען אַלערליי איינדריקע. די ערציהונג ברייגגט איהם מיינונגען אין אַזאַ צייט, ווען ער איז כמעט ניט פעהיג אַליין איבער זיי צו אורטהיילען. מיר גלויבען, דאָס מיר קריגען די פאַלשע אידעען פון דער נאַטור אָדער ביי'ן געבאָרען ווערען, אין דער אמת'ען אָבער, שלאָגט מען זיי אַריין אין אונזערע קעפ, ווען דער מאַרך איז נאָך ווייך, און דאָס איז דער הויפט־קוואַל פון אַלע אונזערע פאַלשע בעגריפע.

מיר האַלטען זיך אימער שטאָל־און־אייזען פאַר די מיינונגען, וועלכע מיר האָבען געקראָגען פון אונזערע ערציהער, ווען מיר זיינען נאָך געוועזען יונג. מיר נעהמען אָן, דאָס זיי אַליין זיינען דאָך מסתמא איבערצייגט אין די זאַכען, וועלכע זיי לעהרנען אונז. צוליעב דעם וואָס זיי האָבען געזאָרגט פאַר אונז דאַן, ווען מיר האָבען נאָך ניט געקענט אַליין זאָרגען פאַר זיך, האַלטען מיר זיי פאַר ניט פעהיג אונז אָבצונאַרען. דאָס זיינען די גרינדע, וועלכע מאַכען אונז אָננעהמען פיעלעס וואָס איז פאַלש פאַר ריכטיג, נור דערפאַר, ווייל דאָס קומט דאָך פון די, וועלכע האָבען אונז אויפגעהאָדעוועט. זאָגאַר דאָס ניט טהאָרען נאָכדענקען איבער דעם וואָס

זיי זאָגען, מאַכט ניט קלענער אונזער פערטרויען, און זעהר אָפט מאַכט עס אונז נאָך צו האָבען מעהר רעספּעקט פאַר זייערע מיינונגען.

די לעהרער פון די מענשען טהוען גאַנץ קלוג, אַריינקלאַפּענדיג די רעליגיעזע פּרינציפּען אין מענשליכען קאָפּ, איידער די מענשען זיינען נאָך אימשטאַנד צו אונטערשיידען דאָס אמת'ע פון דאָס פאַלשע אָדער זאָגאַר די לינקע האַנד פון דער רעכטער. עס וואָלט געוועזן אַ צו שווערע אַרבייט צו מאַכען אַ פּיערציג יעהריגען מענשען צו גלויבען אין דעם גאַנצען אונזין. עס וואָלט געוועזן פונקט אַזוי שווער, ווי איצט איז שווער דיזע פאַלשע בעגריפע אַרויסצוטרייבען פון דעם מענשליכען געהירען, וועלכער איז פערדאָרבען געוואָרען פון זיין קינדהייט אָן.

24.

די וואונדער פון דער נאַטור בעווייזען ניט, אַז גאָט עקזיסטירט.

מען פערזיכערט אונז, דאָס די וואונדער פון דער נאַטור אַליין זיי־נען שוין גענוג, אום צו איבערצייגען יעדען איינעם אין דער עקזיסטענץ פון גאָט. אָבער וויפיעל זיינען עס דאָ מענשען אויף דער וועלט, וואָס האָבען די פרייע צייט, די פעהיגקייטען און די נויטיגע קענטניסע, אום גאָר צו בעטראַכטען די נאַטור? דער גרעסטער טהייל פון די מענשען איז עס געוויס ניט. אויף דעם בויער מאַכט די שעהנקייט פון דער זונן, וועלכע ער זעהט יעדען טאָג, קיין איינדרוק ניט. דער מאַטראָז ווערט ניט איבעראַשט פון דער רעגעלמעסיגער בעוועגונג פון דעם אָקעאַן. ער וועט קיינמאָל ניט ציהען דערפון רעליגיע׳ע שלוספאָלגערונגען. די נאַטור־ערשיינונגען בעווייזען די עקזיסטענץ פון גאָט נור פאַר די, וועלכע מען האָט ספּעציעל פאָרבעריייטעט דערצו; ביי יעדע זאַך, וואָס זיי פערשטעהען ניט, זאָגט מען זיי, אַז אָט אין דעם איז גאָטס מאַכט. דער פיזיקער, וואָס האָט קיינע פאָראורטהיילע, זעהט אין דיזע וואונדער נור די מאַכט פון דער נאַטור, די אייביגע און פערשידענאַרטיגע געזעצע, די נויט־ווענדיגע ווירקונגען פון פערשידענע קרעפטען, וואָס זיינען פעראייניגט אויף פערשיעדענע אופנים אין דער מאַטעריע.

איז עס דען ניט אין העכסטען גראַד אַ קרומע לאָגיק, וועלכע, אַנשטאַט זיך מודה צו זיין, אַז זי וויים זעהר וועניג פון די נאַטור־קרעפטען, זוכט זי גאָר אָן ערקלעהרונג פאַר דעם אַלעם אויסער דער נאַטור, דאָס הייסט, זי זוכט אין איינגעבילדעטע פלעצער אַ ווירקענדע קראַפט, וועלכע איז נאָך פיעל מעהר אונפע־שטענדליכער, ווי די נאַטור

אַליין, פון וועלכע כאָטש איינינע קענען זיך יאָ בילדען אַ בעגריף? צו זאָגען, אַז גאָט איז דער פעראורזאַכער פון די אַלע ערשיינונגען, וועלכע מיר זעהען, הייסט עס דען ניט צו ערקלעהרען אַלעס דורך עטוואָס פערבאָרגענעס און געהיימניס־פולעס? וואָס איז גאָט? ווער איז אַ גייסט? דאָס זיינען אורזאַכען, פון וועלכע מיר האָבען ניט דעם מינדעסטען בעגריף. געלעהרטע! שטודירט די נאַטור און איהרע געזעצע, און אַזוי ווי איהר קענט אויסגעפינען און ענטדעקען די אמת׳ע אורזאַכען, טו זוכט ניט אַן ערקלעהרונג אין איבערנאַטירליכעס, וועלכעס וועט אייך נור מעהר פערטומלען איידער אויפקלעהרען, און וואָס וועט אייך מאַכען אונמעגליך צו פערשטעהן זיך זעלבסט...

די נאַטור, זאָגט איהר, איז דורכאויס ניט צו ערקלעהרען אָהן אַ גאָט; דאָס הייסט, אום צו ערקלעהרען דאָס, וואָס איהר פערשטעהט ניט גוט, בעדאַרפט איהר אויסגעפינען אַן אורזאַכע, וועלכע איהר פערשטעהט גאָר ניט. איהר ווילט אויפקלעהרען די דונקעלהייט, וועהרענד איהר מאַכט איהר נור געדיכטער. איהר מיינט אָבצובינדען אַ קניפעל, וועלכען איהר פערפלאָנטערט אַלץ מעהר און מעהר. איהר אַלע, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט דער נאַטור־ויסענשאַפט, אום צו בעווייזען אונז די עקזיסטענץ פון אַ גאָט, קענט אָנווענדען אַלע מיטעל, איהר קענט פערפאַסען דיקע ביכער איבער דעם לעבען פון פלאַנצען, איהר קענט אונטערזוכען ביז דעם קלענסטען גליעד דעם מענשליכען קערפער, איהר קענט זיך איפהויבען אין דער לופט, אום צו בעאָבאַכטען דעם גאַנג און די בעוועגונג פון די פלאַנעטען; איהר מעגט זיך דאַן אומקעהרען צוריק צו דער ערד, אום צו בעאָבאַכטען דעם לויף פון די וואַסערען, איהר קענט זיך ענטציקט זיין פון די פייגעלעך, פליעגעלעך, אָרגאַניזירטע אַטאָמען, אין וועלכע איהר מיינט צו געפינען גאָט׳ס גרויסקייט, אָבער דיזע אַלע זאַכען בעווייזען דאָך ניט גאָט׳ס עקזיסטענץ, זיי בעווייזען נור, דאָס איהר האָט ניט די נויטיגע קענטניסע פון דער אונגעהייער גרויסער פערשידענהייט פון די שטאָפען, וועמעס פערשידענאַרטיגע צוזאַמענשטעלונג ברייננט אַרויס דיזע פערשידענאַרטיגע פאָלגען. דאָס וועט נור בעווייזען, דאָס איהר פערשטעהט ניט, וואָס איז די נאַטור, דאָס איהר האָט ניט קיין בעגריף פון איהרע כוחות, ווייל איהר האַלט זי פאַר אונפעהיג אַרויסצוברייננען אַ מאַסע פון פערשידענע פאָרמען, פון וועלכע אייער אויג, כאָטש ער איז בעוואַפענט מיט דעם מיקראָסקאָפ, קען נור זעהן דעם קלענסטען טהייל פון זיי. ענדליך ווײַט עס נור בעווייזען, דאָס ווייל עס פעהלט אייך אַ פערנינפטיגע ערקלעהרונג, זוכט איהר אויס אַ וואָרט, מיט וועלכען איהר ווילט בעצייכנען אַ קראַפט, פון וועלכע איהר זייט אונמעגליך זיך צו מאַכען אַ בעגריף.

25.

די וועלט איז ניט בעשאפען געווארען און די נאטור בעוועגט זיך דורך זיך אליין.

מען זאגט אונז מיט גרויס ערנסטקייט, אַז עס איז ניטאָ קיין ווירקונג, קיין פאָלגע, אָהן אַן אורזאַכע; מען הערט אונז ניט אויף צו זאָגען, דאָס זיכער האָט דאָך די וועלט זיך אַליין ניט געמאַכט. אָבער דער וועלט-אַל איז אַליין אַן אורזאַכע, עס איז ניט אַ פאָלגע. דאָס איז ניט אַ ווערק, עס איז ניט געמאַכט געוואָרען, ווייל דאָס איז געווען אונמעגליך צו מאַכען. די וועלט איז אימער געווען. איהר עקזיסטענץ איז נויטווענדיג, זי אַליין איז איהר אייגענע אורזאַכע. די נאַטור, וועמעס וועזען בעשטעהט אין דעם, דאָס זי אַרבייט, דאָס זי איז אימער טהעטיג, נויטיגט זיך ניט אין קיין אונזיכטבאַרע בעוועגענדע קראַפט. די מאַטעריע בעוועגט זיך דורך איהר אייגענע טהאַט-קראַפט, דורך די נאַטירליכע פאָלגע פון איהר פערשידענאַרטיגקייט. די פערשידענהייט פון איהרע בעוועגונגען בילדעט שוין אַליין די פערשידענהייט פון די פאָרמען, וואָס זי ברייגגט אַרויס. מיר מאַכען אַן אונטערשיד צווישען איין זאַך און אַ צווייטע נור צוליעב די פערשידענע איינדריקע, וועלכע זיי מאַכען אויף אונזערע אָרגאַנען.

איהר זעהט, דאָס אַלעס אַרבייט אין דער נאַטור, און דאָך זאָגט איהר, אַז די נאַטור אַליין איז טויטע און אָהן טהאַט-קראַפט. איהר גלויבט, אַז דיזער ווירקליך-טהעטיגער וועלט-אַל נויטיגט זיך אין אַ אונטערשטיצער! אָה! ווער איז דיזער אונטערשטיצער? דאָס איז אַ גייסט, דאָס הייסט, אַ פאָלקאָמען אונבעגרייפליכער און ווידערשפּרעכענדער וועזען! פערשטעהט דאָך, אַז די מאַטעריע איז דורך זיך זעלבסט טהעטיג, און הערט אויף צו ריידען פון אייער גייסט, וועמען עס פעהלט אַלעס אום צו בריינגען אין בעוועגונג אַזא וועלט. וואַרפט אַוועק אייערע פאַנטאַזיעס, קעהרט זיך אום צו דער ווירקליכער וועלט. זאָלען זיך די טהעאָלאָגען בעשעפטיגען מיט דער „ערשטער" אורזאַכע, בענוגענט זיך איהר מיט דער צווייטער. פאַר די אַלע נאַטור-ערשיינונגען, וועלכע איהר זעהט און פיהלט, איז קיין ערשטע אורזאַכע ניט נויטיג.

26.

דאָס וואָס דער מענש עקזיסטירט בעווייזט נאָך ניט, אַז גאָט עקזיסטירט.

פון וואַנען קומט דער מענש? פון וואַנען איז זיין ערשטע אָבשטאַמונג? איז ער בלויז די פאָלגע, די ווירקונג, פון דעם צופעליגען צוזאַמענשטויס פון די אַטאָמען? אָדער איז דער ערשטער מענש פאָלשטענדיג

געמאַכט געוואָרען פֿון ליים? איך ווייס ניט. דער מענש, דוכט זיך מיר, איז אַזוי גוט אַ פּראָדוקט פֿון דער נאַטור, ווי די אַלע אַנדערע זאַכען און בעשעפֿעניסע, וואָס זיינען דאָ אין איהר. איך ווייס פּונקט אַזוי ווייניג פֿון וואַנען עס קומען די ערשטע שטיינער, די ערשטע בוימער, די ערשטע לייבען, די ערשטע מוראַשקעס, ווי צו ערקלעהרען זיך די אָבשטאַמונג פֿון דעם מין מענש. דערקענט — שרייט מען צו אונז שטענדיג — גאָט'ס האַנד, די האַנד פֿון אַן אונענדליכען, אינטעליגענטען און מעכטיגען אַרבייטער—אין אַזאַ וואונדערבאַרען ווערק, ווי די מענשליכע מאַשין. איך מוז זיך מודה זיין, דאָס די מענשליכע מאַשין זעהט מיר אויס גאַנץ וואונדערבאַר. אָבער אַזוי ווי דער מענש עקזיסטירט דאָך אין דער נאַטור, פֿיהל איך מיך ניט בערעכטיגט צו זאָגען, דאָס דיזע קונציגע שטיקעל אַרבייט איז צופֿיעל פֿאַר די קרעפֿטען פֿון דער נאַטור. איך לייג נאָך צו, דאָס איך וואָלט נאָך פֿיעל ווייניגער פֿערשטאַנען די אָבשטאַמונג פֿון דיזע וואונדערבאַרע מאַשין, ווען מען גיט מיר אָן אַלס ערקלעהרונג, דאָס אַ ריינער גייסט, וואָס האָט ניט קיין אויגען, ניט קיין פֿיס, ניט קיין הענד און ניט קיין קאָפּ, ניט קיין לונגען, ניט קיין מויל, האָט געמאַכט דעם מענש פֿון אַביסעל שטויב, אַ בלאָז טהאָנדיג אויף דעם.

די ווילדע פֿון פּאַראַגוויי גלויבען, אַז זיי שטאַמען פֿון דער לבנה. מיר האַלטען זיי דאַרום פֿאַר נאַרען. אונזערע טהעאָלאָגען דערצעהלען אונז, דאָס די מענשען שטאַמען פֿון אַ ריינעם גייסט. איז די ערקלעהרונג פֿיעל געשייטער?

דער מענש איז אַ שכל'דיגע בעשעפֿעניס. מען ציהט דערפֿון אַ שלוס, דאָס ער קען נור זיין דאָס ווערק פֿון אַן אינטעליגענטען וועזען, און ניט פֿון די בעוואוסטלאָזע און צוועקלאָזע נאַטור. כאָטש עס איז קיין זאַך ניט אַזוי זעלטען צו זעהן ווי גראַדע אָט דיזען מענשליכען שכל, מיט וועלכען ער איז אַזוי שטאָלץ, דאָך וויל איך צוגעבען, אַז דער מענש האָט שכל, דאָס זיינע בעדירפֿניסע ענטוויקלען אין איהם דיזע פֿעהיגקייט, און דאָס דער צוזאַמענלעבען מיט אַנדערע מענשען איז די אורזאַכע, דאָס דיזע פֿעהיגקייט ווערט אַלץ מעהר און מעהר ענטוויקעלט. אָבער איך זעה אין דער מענשליכער מאַשין און אין שכל, מיט וועלכען זי איז בעגאַבט קיין סימן, וואָס זאָל אָנווייזען אויף די עקזיסטענץ פֿון אַן אויסגעאָרדענטליך אינטעליגענטען וועזען. איך זעה, דאָס דיזע וואונדערפֿולע מאַשין איז אונטערוואָרפֿען דעם אַלגעמיינעם געזעץ פֿון טויט, פֿון צושטערונג, ווי יעדע אַנדערע זאַך. דאַן זעה איך, ווי דיזע פֿערשווינדעט אין גאַנצען. דערפֿון ציה איך אַ שלוס, דאָס דיזע פֿערנונפֿט איז דירעקט אָבהענגיג פֿון אַ געוויסען צוזאַמענהאַנג פֿון די אָרגאַנען פֿון דעם קערפּער, און דאָס פּונקט אַזוי גוט, ווי מען קען ניט ציהען קיין שלוס, אַז גאָט איז מאַ־

טעריע, ווייל דער מענש איז מאַטעריעל, אַזוי קען מען ניט ציהען קיין שלוס, אַז גאָט מוז זיין אויסעראָרדענטליך אינטעליגענט, ווייל דער מענש איז אינטעליגענט. די מענשליכע אינטעליגענץ בעווייזט פונקט אַזוי וועניג גאָט'ס אינטעליגענץ, ווי די שלעכטסקייט פון דעם מענשען ווייזט אָן אויף די שלעכטסקייט פון גאָט, אויף וועמען מען זאָגט, דאָס ער האָט געמאַכט דעם מענשען. ווי די טהעאָלאָגען זאָלען זיך ניט דרעהען, וועט גאָט אימער בלייבען אַן אורזאַכע, וועלכע שטעהט אין ווידערשפּרוך מיט איהרע פאָלגען, ד. ה. אַן אורזאַכע, וועלכע עס איז אונמעגליך צו ערקלעהרען דורך איהרעווירקונגען. מיר וועלען אימער זעהן שלעכטסקייט, נאַרישקייט, אונפאָלקאָמענעס, אַלס דער רעזולטאַט פון דאָס, וואָס מען האַלט פאַר פול גוטסקייט, פאָלקאָמענהייט און חכמה.

אַלזאָ, וועט איהר אפשר אויסרופען, איז דער מענש מיט דעם גאַנצען וועלט־אַל בלויז אַ פאָלגע פון צופאַל! ניין, זאָג איך אייך נאָך אַמאָל, דער וועלט־אַל איז קיין פאָלגע. ער איז די אורזאַכע פון אַלע פאָלגען. אַלע וועזענס, וועלכע זיינען דאָ אין איהם, זיינען די נויטוועגדיגע פאָלגען פון דיזער אורזאַכע. מאַנכעס מאָל זעהען מיר, וואָס די נאַטור קען אויפטהאָן, אָבער מייסטענס פערבאָרגט זי פון אונז איהרע אַרבייטס־מעטהאָדען. די מענשען בענוצען זיך מיט דעם וואָרט צופאַל, אום צו פערבאַהאַלטען זייער אונוויסענהייט איבער די אמת'ע אורזאַכען; אָבער דאָך ווירקען דיזע אורזאַכען נאָך בעשטימטע געזעצע, עס איז ניטאָ קיין פאָלגע אָהן אַן אורזאַכע.

די נאַטור—דאָס איז אַ וואָרט, וועלכען מיר געבּרויכען, אום צו בעצייכענען די אונגעהייערע צאָהל פון וועזענס, פון פערשידענע שטאָפען, פון פערשידענע פעראייניגונגען אָהן אַ שיעור און אָהן אַ צאָהל, פון פערשידענאַרטיגע בעוועגונגען, וועלכע מיר זעהען מיט אונזערע אויגען. אַלע קערפּער, צו ניט אָרגאַניזירט, צו אָרגאַניזירט, זיינען די נויטוועגדיגע רעזולטאַטען פון געוויסע אורזאַכען, וועלכע מוזען אַרויסברייגגען די ווירקונגען, וועלכע מיר זעהען. קיין זאַך אין דער נאַטור קומט ניט אין דער נאַטור פון צופאַל. אַלעס געהט נאָך פעסטגעשטעלטע געזעצע. און דיזע געזעצע זיינען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די נויטוועגדיגע פעראייניגונג פון געוויסע פאָלגען מיט זייערע אורזאַכען. איין אַטאָם פון דער מאַטעריע בעריהרט ניט דורך אַ צופאַל אַ צווייטען אַטאָם. דיזע בעריהרונג קומט פון אייביגע געזעצע, וועלכע צווינגען יעדעס וועזען אַזוי צו האַנדלען און ניט אַנדערש. ווען מען רעדט פון דער צופעליגער בעריהרונג פון די אַטאָמען, אָדער מען ערקלעהרט וואָס עס־איז דורך אַ צופאַל, זאָגט מען דערמיט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נור דאָס מען ווייס ניט די געזעצע, נאָך וועלכע דיזע קערפּער האַנדלען, בעגעגענען זיך, פעראייניגען זיך אָדער צושיידען זיך.

אַלעם פּאַסירט אוים צופּאַל פּאַר די, וועלכע האָבען אַ זעהר קליי־נעם בעגריף פון דער נאַטור. עס איז ניט אַ צופּאַל, וועלכער האָט אַוועק־געשטעלט די זונן אַלס דעם מיטעלפּונקט פון אונזער פּלאַנעטען־סיסטעמע. די אורזאַכע איז, דאָס דורך איהר אייגענעם וועזען, דורך דעם סובּ־סטאַנץ, פון וואָס זי איז געבילדעט, האָט זי געמוזט פערנעהמען דיזען פּלאַץ און ניט קיין אַנדערען, און אויסשפּרייטען איהר ווירקונג, אויסגיסען איהר לעבען אויף די פּלאַנעטען אַרום איהר.

27.

אויך איז די עקזיסטענץ פון גאָט ניט קיין בעוויז פאַר די אָרד־נונג אין וועלט־אַל.

די גאָטעס־גלויביגע געפינען איבערהויפּט אין דער אָרדנונג פון דער וועלט אַן אונבעשטרייטבאַרען אַרגומענט פּאַר די עקזיסטענץ פון גאָט. אָבער דיזע אָרדנונג איז נור אַ פּאָלגע פון די בעוועגונגען, וועלכע ווע־רען אַרויסגערופען פון אומשטענדען גאַנץ נאַטירליכע. דיזע זיינען אונז מאַנכעס מאָל ניצליך און מאַנכעס מאָל שעדליך. מיר לויבען די איינע און מיר בעקלאָגען זיך אויף די אַנדערע.

די נאַטור געהט אימער איהר אייביגען וועג. דאָס הייסט, דיזעלבע אורזאַכען ברייננען אַרוים דיזעלבע פּאָלגען, אַזוי לאַנג, ווי זייער טהע־טיגקייט ווערט ניט געשטערט דורך אַנדערע אורזאַכען, וועלכע צווינגען די ערשטע אַרויסצוברייננען אַנדערע ווירקונגען. ווען די אורזאַכען, ווע־מעס פּאָלגען מיר פיהלען, ווערען געשטערט אין זייער טהעטיגקייט און בעוועגונג דורך אַנדערע אורזאַכען, וועלכע כאָטש זיי זיינען אַזוי אונ־בעקאַנט, דאָך זיינען זיי ניט ווייניגער נויטווענדיג און נאַטירליך, הייבען מיר אָן צו שרייען: „וואונדער!" און מיר ערקלעהרען עס דורך אַן אור־זאַכע, וועלכע איז פיעל אונפעשטענדליכער פּאַר אונז, ווי די, וואָס מיר האָבען אונטער אונזערע אויגען.

דער וועלט־אַל איז אימער אין אָרדנונג. עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אונאָרדנונג. נור אונזער מאַשין איז אין אַ צופּאַליטשעטע לאַגע, ווען מיר בעקלאָגען זיך איבער אונאָרדנונג. די קערפּער, די אורזאַכען, די וועזען, וועלכע זיינען דאָ אין דער וועלט ווירקען נויטווענדיגער ווייזע אַזוי ווי מיר זעהען זיי ווירקען, מעגען מיר זיין צופרידען מיט דיזע ווירקונגען אָדער ניט. ערדציטערנישען, וואולקאַנען, פערפלייצונגען, פעסט, הונגערנויטה זיינען פּונקט אַזעלכע נויטווענדיגע פּאָלגען, אָדער זיי זיינען פּונקט אַזוי אין דער נאַטור־אָרדנונג, ווי דער פּאַל פון שווערע קערפּער, ווי דער לויף פון די וואַסערען, ווי די פּעריאָדישע בעוועגונג פון דעם

ים, ווי דאָס בלאָזען פֿון ווינד, ווי דער בעפֿרוכטענדער רעגען און ווי אַלע אַנדערע נאַטור־ערשיינונגען.

ווען מען ווערט ערשטוינט צו זעהן רעגירען אַ געוויסע אָרדנונג אין דער וועלט, הייסט דאָס נור איבעררַאשט צו זיין פֿון דעם, וואָס דיזעלבע אורזאַכען ברייגנען אַרויס דיזעלבע פֿאָלגען; ווען מען מיינט אויף עטוואָס, אַז עס איז אונאָרדנונג, מיינט עס, אַז מען פֿערגעסט, אַז ווען די אורזאַבען ווערען פֿערענדערט אָדער געשטע־ט אין זייער טהעטיגקייט, דאָס די פֿאָלגען קענען ניט בלייבען דיזעלבע. ווען מען ווע־ט ערשטוינט ביי דעם אָנבליק פֿון אָרדנונג אין דער נאַטור, הייסט עס צו זיין ערשטוינט, דאָס עטוואָס קען עקזיסטירען, דאָס הייסט צו זיין פֿערוואונדערט איבער די אייגענע עקזיסטענץ. וואָס פֿאַר איין זאַך מעג זיין אָרדנונג, איז פֿאַר די אַנדערע זאַך אונאָרדנונג. שלעכטע מענשען דענקען, דאָס אַלעס איז אין אָרדנונג, ווען זיי קענען מאַכען די גרעסטע אונאָרדנונג און ניט בעשטראָפֿט ווערען דערפֿאַר. פֿערקעהרט, דענקען זיי, אַז אַלעס איז מיט'ן קאָפּ אַראָב, ווען מען שטערט זיי אָנצומאַכען אונאָרדנונג און צרות.

ווען מען נעהמט אָן גאָט אַלס דעם בעשעפֿער און בעזיגער פֿון דער נאַטור, וואָלט, וואָס איהם אָנבעלאַנגט, גאָר ניט געטהאָרט זיין קיין אונאָרדנונג; וואָלטען דען ניט אַלע אורזאַבען, וועלבע ער האָט געשאַפֿען, געהאַנדעלט לויט די אייגענשאַפֿטען, וועלכע ער האָט זיי געגעבען? ווען די אָרדנונג אין דער וועלט, אין וואָס מען געפֿינט דעם שטאַרקסטען בעווייז פֿאַר גאָטס עקזיסטענץ איז ניט אימער איינע און דיזעלבע, קען מען דאָך זעהר גוט צווייפֿלען אין זיין עקזיסטענץ, אָדער ווענינסטענס מעג מען איהם ערקלעהרען פֿאַר אַ וועזען, וואָס ענדערט זיך אַלע מאָל אין זיינע געדאַנקען און האַנדלונגען. מען וואָלט איהם געקענט גאַנץ גוט בעשולדיגען, דאָס ער האָט זעהר אָפֿט אַ טעות, און ער קלייבט אויס זעהר ניט פּאַסענדע אינסטרומענטען, אום אויסצופֿיהרען זיין ווילען. ענדליך, ווען די אָרדנונג אין דער וועלט בעווייזט גאָט'ס מאַכט און חכמה, בעווייזט דאָך די אונאָרדנונג אויף זיין שוואַכקייט, אויף זיין נאַרישקייט און שלעכטסקייט. איהר זאָגט, דאָס גאָט איז איבעראַל, דאָס ער פֿילט אָן דעם גאַנצען רוים מיט זיין אונערמעסליכקייט, דאָס קיין זאַך פּאַסירט ניט אָהן איהם, דאָס די מאַטעריע קען ניט ווירקען, ניט האָבענדיג איהם אַלס איהר בעוועגער. אָבער אין דיזען פֿאַל גיט איהר צו, דאָס גאָט איז די אורזאַכע פֿון אונאָרדנונג, דאָס ער ברייגנט די נאַטור אין אַ מהומה, דאָס ער איז דער פֿעראורזאַכער פֿון די אַלע צרות, און דאָס ער איז עס דער, וואָס מאַכט דעם מענשען זינדיגען. ווען גאָט איז איבעראַל, איז ער אין מיר, האַנדעלט ער צוזאַמען מיט מיר און צוזאַמען מיט מיר לייקענט

ער אין גאָט'ס עקזיסטענץ, אין זיך אַליין. אָה, טהעאָלאָגען, איהר פֿער־שטעהט זיך אַליין קיינמאָל ניט, ווען איהר רעדט פֿון גאָט!

28.

א ריינער גייסט קען ניט זיין אינטעליגענט, און תפילה טהאָן צו א געטליכע אינטעליגענץ איז א חלום.

אום צו זיין דאָס, וואָס מיר רופֿען אינטעליגענט, מוז מען האָבען געדאַנקען, אידעען, אַ ווילען. אום צו האָבען געדאַנקען, אידעען און אַ ווילען, מוז מען האָבען אָרגאַנען; אום צו האָבען אָרגאַנען, מוז מען בעזיצען אַ קערפּער. אום צו פֿיהלען אונאָרדנונג, מוז מען פֿעהיג זיין צו ליידען, און דערפֿון פֿאָלגט קלאָהר, דאָס אַ ריינער גייסט קען ניט זיין אינטעליגענט, און קען ניט בעריהרט ווערען פֿון דעם וואָס קומט פֿאָר אין דעם וועלט־אַל. איהר זאָגט, אַז די געטליכע אינטעליגענץ, די געט־ליכע אידעען, די געטליכע אַבזיכטען האָבען גאָר ניט געמיינשאַפֿטליכעס מיט די אינטעליגענץ פֿון מענשען. נו, גוט, אָבער ווי קענען אויף אַזאַ אופֿן די מענשען אורטהיילען איבער אַזאַ זאַך, ווי קענען זיי בעוואונדע־רען עטוואָס, וואָס איז גענצליך אונבעגרייפֿליך? צו בעטען צו די אונ־ערגרינדעטע אַבזיכטען פֿון דער געטליכער חכמה הייסט עס דען ניט צו בעטען צו עטוואָס, וואָס איז אונמעגליך צו בעאורטהיילען? הייסט עס דען ניט צו בעוואונדערען דיזעלבע אַבזיכטען, ניט וויסענדיג ווארום? די בעוואונדערונג איז אימער די טאָכטער פֿון אונוויסענהייט. די מענשען בעטען און בעוואונדערען נור דאָס, וואָס זיי קענען ניט פֿערשטעהן.

29.

די אלע מעלות, וועלכע מען זאגט אז גאט האט, זיינען אין ווידערשפרוך מיט דעם, וואס מען זאגט, גאט איז.

אַלע די מעלות, וועלכע מען ערקלעהרט אַלס גאָט'ס אייגענשאַפֿ־טען, קענען בשום אופן ניט פּאַסען פֿאַר אַ וועזען, וועלכער איז אין קיין זאַך ניט עהנליך מיט דעם מענשען. דאַנטע דערצעהלט אין זיין געדיכט פֿון פּאַראַדיז, דאָס די גאָטהייט האָט זיך איהם פֿאָרגעשטעלט אין דער געשטאַלט פֿון דריי צירקלען, וואָס האָבען פֿון זיך געבילדעט אַ רעגענ־בויגען, און וועמעס לעבהאַפֿטע קאָליערען האָבען זיך ענטוויקעלט איינע פֿון די צווייטע; אָבער ווען ער האָט געוואָלט דיזע קאָלירען אויפֿהאַלטען, האָט ער נור דערזעהן זיין אייגען געזיכט. ווען דער מענש בעט צו גאָט, בעט ער נור צו זיך זעלבסט.

ווען מיר פֿערטראַכטען זיך נאָר אַביסעל, איז גענוג, אַז מיר זאָלען זיך איבערצייגען, דאָס גאָט קען גאָר ניט האָבען די אַלע אייגענשאַפֿטען,

וועלכע זיינען בלויז מענשליכע. אונזערע מעלות זיינען דאָך נור דער רעזולטאַט פֿון אַ מילדער-געוואָרענ׳עם טעמפּעראַמענט. האָט אָבער גאָט אַ טעמפּעראַמענט ווי מיר? אונזערע גוטע אייגענשאַפֿטען האָבען אַ זין נור אין שייכות צו אַנדערע וועזענס, אין וועלכעם געזעלשאַפֿט מיר לעבען. גאָט אָבער איז, נאָך די בעהויפּטונג פֿון די גאָט׳ס געלעהרטע, אַ גאַנץ איינזאַמער, אָבגעזונדערטער וועזען. גאָט האָט ניט זיין גלייכען; גאָט לעבט ניט אין געזעלשאַפֿט; גאָט נויטיגט זיך אין קיינעם ניט, ער איז פֿאָלקאָמען גליקליך, און קיין זאַך קען דיזען גליק ניט צושטערען. די גאָט׳ס געלעהרטע, וואָלטען זיי געקענט נור אַביסעלע לאָגיש דענקען, האָבען דאַרום אַליין בעדאַרפֿט צוגעבען, דאָס גאָט קען ניט בעזיצען דאָס, וואָס מיר רופֿען גוטסקייט ביי׳ן מענשען, און דאָס די מענשען אין זייער שייכות צו איהם קענען ניט זיין גאָר טוגענדהאַפֿט.

דער מענש אין זיין נאַרישען שטאָלץ וויל זיך איינריידען, אַז דער איינציגער צוועק צו וואָס גאָט האָט בעשאַפֿען די וועלט, איז געווען דער מענש. אויף וואָס גרינדעט ער דיזע בעהויפּטונג? ווייל דער מענש איז דער איינציגער וועזען אין דער נאַטור, וואָס איז בעגאַבט מיט פֿערשטאַנד, וואָס דאָס מאַכט איהם פֿעהיג צו דערקענען גאָט און צו לויבען איהם און זיין חכמה.

מען פֿערזיכערט אונז, דאָס גאָט האָט בעשאַפֿען די וועלט פֿאַר זיין אייגענעם כבוד, און דאָס עס איז געווען אין זיין אינטערעסע צו בעשאַפֿען די מענשען, כדי עס זאָל זיין כאָטש אימיצער אויף דער וועלט, וועלכער זאָל קענען בעוואונדערן זיינע אויפֿטהועכצען און איהם לויבען דערפֿאַר.

אָבער, אויב אַזוי, האָט ער דאָך זיכער ניט אויסגעפֿיהרט זיין אונטערגענומענעם פּלאַן: ווייל, ערשטענס, זאָגען דאָך די גאָטעס-פּרעדיגער אַליין, דאָס עס ווערט אייביג בלייבען אַן אונמעגליכקייט פֿאַר דעם מענשען אין זיין בלינדהייט און אונוויסענהייט צו דערקענען און צו בעגרייפֿען גאָט. צווייטענס, אַ וועזען וואָס האָט ניט קיינעם וואָס זאָל זיין זיינס גלייכען, קען גאָר ניט האָבען דעם געפֿיהל פֿון כבוד; דיזער געפֿיהל קען נור זיין אַ רעזולטאַט פֿון אַ פֿערגלייך פֿון איין גוטען וועזען מיט אַ צווייטען. דריטענס, ווען גאָט איז דורך זיך אַליין גליקליך, ווען ער איז גענוג פֿאַר זיך אַליין, צו וואָס דאַרף ער נאָך, אַז זיינע שוואַכע בעשעפֿעניסע זאָלען איהם לויבען? פֿערטענס, איז די מעשה גאָר ניט אמת, אַז מען גיט אָב כבוד גאָט פֿאַר אַלע זיינע ווערק. איבעראַל האָט מען נור צו טהאָן, אַז מען זאָל זעהן מאַכען שלום צווישען גאָט און מענשען, וועלכער האָט אייביג טענות צו איהם.

30.

נים גאָט איז געשאַפען פאַר דעם מענשען און נים דער מענש פאַר גאָט.

אויב גאָט איז טאַקע אונענדליך, איז נאָך וויינינער פאַסענד צו זאָגען, אַז ער איז געשאַפען פאַר דעם מענשען, ווי צו זאָגען, אַז דער מענש איז בעשאַפען פאַר די מוראַשקעס. וואָלטען דען די מוראַשקעס אין אַ גאָרטען געאורטהיילט פערנינפטיג, ווען זיי וואָלטען זיך גענומען צו טראַכטען איבער דעם גערטנערס פלענער און אַבזיכטען? וואָלטען זיי נים געווען זעהר נאַרישע מוראַשקעס, ווען זיי וואָלטען זיך איינגעבילדעט דאָס דער פאַרק פון ווערסאַיל איז נור פאַר זיי געשאַפען, און דאָס די גוטס־קייט פון דעם מאָנאַרך, וואָס האָט אַזאַ ליעבע צו גלאַנץ און פוץ, האָט גאָר נים קיין אַנדער צוועק, ווי נור פאַר זיי, די מוראַשקעס צו שאַפען אַ פרעכטיגע וואוינונג? נון, ווערליג דער טהעאָלאָגיע איז דער מענש, אין פערגלייך צו גאָט, אַ פיעל קלענערע חיה'לע, ווי די קלענסטע פליגעלע אין פערגלייך מיט'ן מענשען. אויף אַזאַ אופן קומט אויס פון דער טהעאָלאָגיע גופא, אַז עס איז די גרעסטע נאַרישקייט פאַר'ן מענשען זיך צו בעשעפטיגען מיט גאָט'ס אַבזיכטען.

31.

עס איז נים אמת דאָס דער צוועק פון דער וועלט־שעפּונג איז נור דעם מענשען גליקליך צו מאַכען.

מען זאָגט, דאָס ווען גאָט האָט בעשאַפען די וועלט, האָט ער קיין אַנדער צוועק נים געהאַט, ווי נור צו מאַכען דעם מענשען גליקליך. איז אָבער דער מענש אין דער וועלט, וואָס איז געמאַכט אויסדריקליך פאַר איהם און רעגירט פון אַלמעכטיגען גאָט, ווירקליך גליקליך? געדויערען עפּעס לאַנג דעם מענשען'ס פערגעניגענס? זיינען זיי נים אָפט פערמישט מיט די גרעסטע ליידען? איז נים דער מענש דער אייביגער קרבן פון פיזישע און מאָראַלישע קראַנקהייטען? קען נים דיזע מענשליכע מאַשין, אויף וועלכע מען זאָגט, אַז דאָס זאָל זיין גאָט'ס מייסטערווערק, אויף טויזענדערליי אופנים צושטערט ווערען? וואָלטען מיר בעוואונדערט די קונסט פון אַ מעכאַניקער, וועלכער וואָלט אונז געצייגט אַ מאַשין, וואָס קען זיך יעדע רגע אָבשטעלען און וועלבע ווערט פון זיך אַליין צובראָכען נאָך דעם, ווי עס איז אַוועק אַ געוויסע צייט?

32.

וואס מען רופט „השגחה‟, איז א פוסטער ווארט.

מען רופֿט השגחה דאָס זאָרגען פֿאַר די מענשליכע בעדירפֿניסע, און גאָט'ס וואַכזאַמקייט איבער דעם מענשליכען שיקזאַל. עפֿענט מען אָבער די אויגען, דערזעהט מען באַלד, אַז גאָט זאָרגט פֿאַר גאָר ניט. די השגחה איז פֿאַר דעם גרעסטען טהייל פֿון די בעוואוינער פֿון דיזער ערד שטאַרק איינגעשלאָפֿען. וואָס פֿאַר אַן אונגעהייערע צאָהל פֿון מענשען זיפֿצען עס אונטער דעם דרוק פֿון אַ הייפֿעלע טיראַנען! ווי וועניג זיינען עס די גליקליכע! ווערט דען ניט ביי גאַנצע נאַציאָנען געריבט דער ביסען ברויט פֿון מויל, אום צו בעזאָרגען מיט אַלערליי פֿערשווענדערישע לוקסוסען פֿאַר איניגע פֿינסטערע טיראַנען, וועלכע זיינען נאָך אַלעמען ניט גליקליכער פֿאַר זייערע שקלאַפֿען, וועלכע זיי צוטרעטען?

ווען אונזערע רעווערענדס און רבנים ריידען צו אונז מיט הויכע פֿראַזען פֿון גאָט'ס גוטסקייט, ווען זיי פֿאָדערען אונז אויף צו פֿערטרויען זיך אין די געטליכע השגחה, הערען מיר זיי דען ניט אויסשרייען, ווען עס ברעכט עפּעס אויס אַ נאַטור־אונגליק, דאָס די השגחה טרייבט איהר שפּיעל מיט די לייכטזיניגע מענשליכע פּלענער? דאָס זי לאַכט פֿון זייערע אָנשטרענגונגען, דאָס די השגחה אין איהר אונערגרינדליכער חכמה האָט אָפֿט ליעב צו פֿערטומלען דעם מענשליכען פֿערשטאַנד? הייסט ווי קען מען צו אַזאַ בייזער, גרויזאַמער השגחה האָבען וועלכען צוטרויען? ווי קען מען פֿערלאַנגען, דאָס איך זאָל בעוואונדערען דעם אונבעקאַנטען וועג פֿון אַ פֿערבאָרגענער חכמה, וועמעס האַנדלען איז מיר גאַנץ אונערקלעהרליך?

איהר וועט זאָגען, דאָס מען מוז די השגחה בעאורטהיילען נאָך איהרע ווירקונגען. און דאָס טהו איך גראַדע און געפֿין אויס, דאָס איהרע ווירקונגען זיינען אַמאָל ניצליך און אַמאָל שעדליך פֿאַר מיר.

מען גלויבט דערמיט צו פֿערטהיידיגען די געטליכע השגחה, ערקלעהרענדיג, דאָס אויף דיזער וועלט איז דאָ מעהר גליק ווי אונגליק פֿאַר יעדען מענשען. נון, ווען מיר זאָלען שוין אפילו אָננעהמען, אַז עס איז טאַקי אַזוי, אַז די פֿערגניגענס, וועלכע די השגחה גיט אונז, זיינען הונדערט געגען צעהן שמערצען, וועט אָבער דערפֿון ניט פֿאָלגען, אַז די השגחה האָט נאָך אימער אַ שטאַרקען פּראָצענט פֿון שלעכטסקייט? און דאָס איז דאָך אין ווידערשפּרוך מיט דער פֿאָלקאָמענער גוטסקייט, מיט וועלכע מען בעשיינקט גאָט!

אַלע ביכער זיינען פֿול מיט לויב געזאַנגען אויף די געטליכע השגחה. עס דוכט זיך כמעט ווי אויס, אַז דער מענש דאַרף גאָר ניט טהאָן אויף

דיזער וועלט, אום צו לעבען גליקליך, די השגחה זאָרגט שוין פֿאַר איהם. און דאָך וואָלט דען דער מענש געקענט איין טאָג עקזיסטירען, ניט אַר־בייטענדיג? אום צו לעבען, זעה איך, ווי ער איז געצוואונגען זיך דעם לעבען צו פֿערגאַלען; איך זעה איהם געהענדיג הינטער דער סאָכע, איך זעה איהם מאַכענדיג יאַגד אויף אַנדערע חיות, כאַפּענדיג פֿיש, אַרבייטענדיג אָהן אַן אויפֿהער. אָהן זיין אַרבייט וואָלט ער מיט דער אַרבייט פֿון דער השגחה אַליין פֿון הונגער קראַפּירט. ווען איך ווענד מיינע בליקען נאָך אַלע טהיילען פֿון דיזען ערד־קוגעל, זעה איך דעם ווילדען ווי דעם ציוויליזירטען מענשען, אין אַן אייביגען קאַמפּף מיט דער השגחה. ער איז געצוואונגען זיך אייביג צו שיצען פֿאַר די הינטער־פֿיסלאַך וואָס זי שטעלט איהם אונטער דורך שטורעמס, פֿרעסט, האָגעל, פֿערפֿלייצונגען, טריקעניש און אַנדערע פּאַסירונגען, געשיקט פֿון דער השגחה, וועלכע פֿערניכטעט די אַרבייטס־קראַפֿט פֿון גאַנצע מענשליכע דורות. מיט איין וואָרט, איך זעה די מענשליכע ראַסע אימער בעשעפֿטיגט אין אויסהיטען זיך פֿון די ביטערע שפּאַסען, וועלכע די פֿאָרזעהונג ערלויבט זיך מיט דעם מענשען, און פֿון וועלכע מען זאָגט נאָך, אַז דאָס איינציגע פֿון וואָס זי טראַכט, איז ווי צו מאַכען דעם מענשען גליקליכער.

אַ פֿרומער האָט אַמאָל בעוואונדערט די געטליכע השגחה, ווייל זי האָט געלאָזט דורך אַלע געגענדען, וואו די מענשען האָבען אויפֿגעבויט גרויסע שטעדט, גרויסע טייכען פֿליסען. איז די חכמה פֿון דיזען פֿרומען ניט פונקט אַזוי גרויס, ווי פֿון די פֿיעלע געלעהרטע, וועלכע ריידען צו אונז אימער פֿון אַן ערשטע אורזאַכע אָדער וועלכע בעהויפּטען, אַז מען קען זעהן גאָט'ס גוטסקייט אין דעם, ווי די זאַכען אויף דער וועלט זיינען בעשאַפֿען?

לאָמיר דאַרום אונטערזוכען, אויב מען קען טאַקע זעהן גאָט'ס השגחה אין אַלעם דעם, וואָס קומט פֿאָר אין דער וועלט. אויב זי — די השגחה — איז עס טאַקע, וועלכע רעגירט, דאַן זעהען מיר מעהר איהר אַרבייט פֿון צושטערונג, ווי די פֿון אויפֿבויאונג, פֿון בעשאַפֿונג. לאָזט זי דען ניט יעדען אויגענבליק די מענשען אין זייערע טויזענדער פֿערניכטעט ווערען, וועהרענד די גאָט'ס געלעהרטע ערקלעהרען אונז, אַז זי האַלט אין איין זאָרגען פֿאַר אונז? יעדען אויגענבליק פֿערלירט די געטליכע השגחה איהר געליעבטע בעשעפֿענים — דעם מענשען — פֿון איהרע אויגען. אָט וואַרפֿט זי אום און פֿערניכטעט זיין שטוב, און אָט פֿערניכטעט זי זיין פֿעלד דורך פֿערפֿלייצונגען און טריקענישען. זי בע־וואָפֿענט די גאַנצע נאַטור געגען דעם מענשען; זי בעוואָפֿענט דעם מענשען געגען זיין אייגענעם מין, און געוועהנליך לאָזט זי, די השגחה, איהם שטאַרבען אונטער די שרעקליכסטע יסורים. קען מען דאָס רופֿען

אַכטונג געבען אויף דער וועלט? ווען מען זאָל אָהן פֿאַראורטהיילע בע־טראַכטען די צוויי־דייטיגע בענעהמונג פֿון דער השגחה צו דעם מענשען און צו אַלע פֿיהלענדע וועזענס, וועט מען מוזען קומען צום שלום, דאָס מען קען איהר פֿיעל מעהר פֿערגלייכען מיט אַ בייזער שטיפֿמוטער, ווי מיט אַ צערטליכער מוטער.

די האָטענטאָטען זיינען שוין אין דיזער הינזיכט פֿיעל קליגער, ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנען, וואָס רופֿען די האָטענטאָטען באַרבאַרען, ער־קלעהרענדיג, דאָס גאָט קומט ניט קיין פֿערעהרונג, קיין לויב, ווייל ווען ער טהוט אַמאָל יאָ עפעס גוטעס, טהוט ער דאָך פונקט אַזוי אָפֿט און נאָך עפֿטער בייזעס. איז דיזע ערקלעהרונג ניט פֿיעל גערעכטער און פֿערנינפֿטיגער ווי די פֿון פֿיעלע אַנדערע, וועלכע האָבען זיך דוקא איינ־געשפּאַרט צו זעהן אין זייער גאָט נור גוטסקייט, חכמה, און וועלכע ווילען באין אופן ניט אַנערקענען, דאָס די פֿיעלע צרות, וועלכע זיינען דאָ אויף דער וועלט, מוז קומען פֿון דערזעלבער האַנד, וועלכע זיי קושען מיט אַזאַ בעגייסטערונג?

33.

ניין, די וועלט ווערט ניט רעגירט דורך אַן אינטעליגענטען וועזען.

די לאָגיק פֿון דעם געזונדען פֿערשטאַנד לעהרענט אונז, דאָס מען קען בעאורטהיילען אַן אורזאַכע נאָך איהרע ווירקונגען. מען קען דאַן אַן אורזאַכע האַלטען פֿאַר אימער גוט, ווען זי איז אימער גוט, ווען זי ברענגט אימער אַרויס גוטע, ניצליכע און אַנגענעהמע פֿאָלגען. אַן אורזאַכע אָבער, וועלכע ברייגנט אַרויס אַט גוטעס און אַט שלעכטעס, מוז אויך זיין אַמאָל גוט און אַמאָל שלעכט.

די לאָגיק אָבער פֿון די גאָט׳ס־גלויביגע וויל דערפֿון גאַר ניט ווי־סען. ווערליג ווי זיי בעהויפּטען, בעווייזען די אַלע נאַטור־ערשיינונגען, וואָס מיר זעהען, נאַר גאָט׳ס גוטסקייט און חכמה. כאָטש דיזע וועלט איז פֿול מיט צרות און אונגערעכטיגקייט, כאָטש זעהר אָפֿט הערשט אין איהר די שרעקליכסטע אונאָרדנונג, כאָטש די מענשען האַלטען אין איין זיפֿצען אונטער דעם יאָך פֿון זייער מזל, דאָך מוזען מיר גלויבען, אַז דאָס אַלעס קומט פֿון אַ גוטען, קלוגען און ליעבען גאָט! וו נאַריש דאָס איז!

אַלעס וואָס עס קומט פֿאַר אויף דער וועלט בעווייזט אונז: גראַדע, אַז זי ווערט ניט רעגירט דורך אַן אינטעליגענטע קראַפֿט. מיר קענען אורטהיילען איבער די אינטעליגענץ פֿון אַ וועזען נור דורך די צוועק־מעסיגקייט פֿון די מיטעל, וועלכע ער ווענדעט אָן, אום צו דערגרייכען זיין פֿאָרגענומענעם ציעל. דער גליק פֿון דעם מענשען, זאָגט מען אונז,

איז גאָט'ס צוועק, און דאָך טהיילט אונז איין דיזע געטליכע השגחה מעהר ליידען ווי פֿערגניגען. דער לעבענסבעכער פֿון מענשען איז פֿול מיט גאַל, איבעראַל איז דאָס ביסעל גוטעס צומישט מיט אַסך שלעכטס. די אָרדנונג ווערט צושטערט דורך די אונאָרדנונג. אַלעס וואָס ענטשטעהט ווערט באַלד צושטערט. ווען איהר וועט אָבער אויף דעם אַלעם ענטפֿערען, דאָס קיינער קען ניט וויסען גאָט'ס וועגען, דאָס זיינע אַבזיכטען זיינען אַ געהיימנים און זיינע מעטהאָדען אונערקלעהרליך, ענטפֿער איך, דאָס אויב אַזוי קען מען דאָך געוויס ניט זאָגען, אויב גאָט איז אינטעליגענט אָדער ניט.

34.

גאָט קען ניט בעטראכט ווערען אלס אן אונפערענדערליכער וועזען.

איהר זאָגט, דאָס גאָט ענדערט זיך קיינמאָל ניט אום. אָבער ווער איז די אורזאַכע פֿון די אייביגע אומענדערונגען אין דיזער וועלט, וועלכע איהר האַלט פֿאַר זיין קעניגרייך? איז דען דאָ אַ שטאַאַט, וואָס איז אונטערוואָרפֿען צו אָפֿטערע און גרויזאַמערע רעוואָלוציאָנען, ווי דער קעניגרייך פֿון דיזען אונבעקאַנטען מאָנאַרך? ווי קען מען זאָגען, אַז די וועלט, אין וועלכער אַלעס האַלט זיך אין אַן אייביגען ענדערן, ווערט רעגירט פֿון אַן אונפֿערענדערליכען גאָט, וועלכער איז מעכטיג גענוג צו מאַכען, אַז זיינע ווערקע זאָלען אָנהאַלטען פֿאַר לאַנג און אייביג? ווען איך גלויב צו זעהן די ווירקונג פֿון אַ בעשטענדיגען גאָט אין אַלעם דעם, וואָס איז גוט פֿאַר מיין מין, טו וועלכען גאָט זאָל איך זעהן אין די אַלע אונגליקען, וואָס טרעפֿען מיין מין? איהר זאָגט, דאָס אונזערע זינד צווינגען איהם אונז צו שטראָפֿען, און איך וועל אייך ענטפֿערען, דאָס גאָט, נאָך אייערע אייגענע רייד, איז ניט אונפֿערענדערליך, ווייל די מענשליכע זינד צווינגען איהם צו ענדערן זיין בענעהמען זיך געגען זיי. קען אַ וועזען, וועלכעס ווערט אָט בייז, און אָט ווידער רוהיג, זיין אימער איין און דערזעלבער?

35.

שלעכטס און גוטס זיינען די נויטוועגדיגע פאלגען פון נאטירליכע אורזאכען. וואס איז עס פאר א גאט, וועלכער קען אין דעם קיין ענדערונג מאכען?

דער וועלט־אַל איז נור דאָס, וואָס ער קען זיין; אַלע פֿיהלענדע וועזענס אין איהם ליידען אָדער האָבען פֿערגניגען, דאָס הייסט, זיי ווערען אַמאָל אַנגענעהם און אַמאָל אונאַנגענעהם בעריהרט. דיזע ווירקונגען

זיינען נויטווענדיג. זיי קומען נויטווענדיגער ווייזע פֿון אורזאַכען, וועלכע ווירקען נאָך זייערע אייגענשאַפֿטען נאָך. דיזע ווירקונגען זיינען נויטווענדיגער ווייזע מיר אַנגענעהם אָדער ניט אַנגענעהם, נאָך מיין נאַטור נאָך. דיזעלבע נאַטור צווינגט מיר געוויסע ווירקונגען אויסצומיידען און צו בעקעמפֿפֿען אין אַנדערע ווירקונגען צו זוכען, צו פֿערלאַנגען און זיי צו פֿערשאַפֿען פֿאַר מיר. אין אַ וועלט, וואו אַלעס געשעהט ווי עס מוז זיין, איז דען אַ גאָט, וועלכער פֿערבעסערט קיין זאַך ניט, און וועלכער לאָזט איבער די זאַכען זייער נויטווענדיגען גאַנג, עטוואָס אַנדערס ווי „שיקזאַל“, אָדער די פֿערקערפּערטע נויטווענדיגקייט? דער גאָט, וועלכער קען גאָר ניט אומענדערען אין די אַלגעמיינע געזעצע, אונטער וועלכע ער אַליין איז אונטערוואָרפֿען, האָט פֿאַר מיר קיין נוצען ניט. וואָס האַרט מיר זיין אַלמעכטיגקייט, וועלכע וויל און קען זעהר ווייניג טהאָן פֿאַר מיר? אין וואָס בעשטעהט די גוטסקייט פֿון אַ וועזען, וועלכען עס אַרט ניט צו געהט עס מיר גוט אָדער שלעכט? צו וואָס דאַרף איך די טובה פֿון אַ וועזען, וועלכער איז פֿעהיג מיך צו מאַכען אונענדליך גליקליך, און גיט מיר ניט צומאָל גליק פֿאַר איינציגע מינוטען?

36.

די נארישקייט פון די טהעאלאגישע טרייסטונגען געגען די צרות פון דיזען לעבען, די האפנונג אויף א גן עדן, אויף א צוקינפטיגען לעבען איז נור אן איינבילדונג.

ווען מיר פֿרעגען, וואַרום זיינען עס דאָ אַזוי פֿיעל אונגליקליכע אונטער דער רעגירונג פֿון דעם גוטען גאָט, טרייסט מען אונז דערמיט, דאָס דיזע וועלט איז נור אַן איבערגאַנג, וואָס איז בעשטימט צו פֿיהרען דעם מענשען אין אַ גליקליכע וועלט. מען פֿערזיכערט אונז, דאָס די ערד, אויף וועלכער מיר לעבען, איז נור אַ פּלאַץ וואו מיר ווערען אויספּרובירט און אויסגעלייטערט. ענדליך מאַכט מען אונז שווייגען דערמיט, וואָס מען זאָגט אונז, דאָס גאָט האָט ניט געקענט פֿערשאַפֿען פֿאַר זיינע בעשעפֿעניסע אַן אונענדליכען גליק, ווייל דאָס איז נור פֿאַר איהם אַליין בעשטימט. ווי זאָל מען זיך צופֿרידען שטעלען מיט אַזעלכע ענטפֿערס?

1) די איינציגע גאַראַנטי פֿאַר די עקזיסטענץ פֿון אַן אַנדער לעבען, איז די מענשליכע איינבילדונגס־קראַפֿט, וועלכע ווערט געטריבען פֿון דעם אייגענעם וואונש זיך פֿאָרצושטעלען אַ לעבען, וואו דער מענש זאָל קענען יאַ געניסען דאָס גליק, נאָך וועלכען ער האָט געשטרעבט זיין גאַנצען לעבען.

2) ווי קען מען בעגרייפֿען, דאָס אַ גאָט, וועלכער ווייס אַלעס און

וועלכער מוז אודאי גרינדליך קענען די נייגונג פֿון זיינע בעשעפֿעניסע, זאָל נאָך דאַרפֿען זיי פֿריהער אויספּרובירען?

3) אפילו נאָך דעם רעכנונג פֿון אונזערע פֿרומע בעשטעהט די ערד זייט זעקס, זיבען טויזענד יאָהר; אין דיזער צייט האָבען די נאַציאָנען גענוג זיך אָנגעליטען פֿון אַלערליי צרות און פלאָג; די וועלט-געשיכטע צייגט אונז צו אַלע צייטען, ווי דער מין מענש האָט געליטען פֿון טיראַנען, רויבער, העלדען, מלחמות, פֿערפֿלייצונגען, הונגער-נויטה, פעסט א.ז.וו. קענען אַזעלכע לאַנגע אויספּרובירונגען איינפֿליסען אַזאַ גרויסען פֿער-טרויען אין די פֿערבאָרגענע אַבזיכטען פֿון אַ גאָט? קענען אונז אַזעלכע צרות געבען עפּעס אַ גרויסע אידעע פֿון זיין גוטסקייט צו אונז אויף יענער וועלט?

4) ווען גאָט איז אַזוי גוט ווי מען פֿערזיכערט אונז, וואָלט ער דען ניט וועניגסטענס, שוין ניט ריידענדיג פֿון אַן אונענדליכען גליק, אונז געגעבען דעם גראַד פֿון גליק, אין וועלכען מיר נויטיגען זיך אַזוי שטאַרק? מיר ברויכען דאָך אין דער אמת'ן ניט פֿיעל, אום צו פֿיהלען זיך גליקליך!

5) ווען גאָט האָט ניט געקענט מאַכען די מענשען גליקליכער ווי זיי זיינען, טו וואָס ווערט פֿון דער האָפֿנונג אויף דעם גן עדן, וואו, ווי מען זאָגט אונז, די אויסערוועהלטע וועלען געניסען דעם אייביגען גליק? ווען גאָט האָט ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט אָבשאַפֿען דאָס שלעכטע פֿון דיזער ערד, וועלכע איז אונזער אייציגער פּלאַץ, וועלכען מיר קע-נען, טו מיט וועלכען רעכט קענען מיר ערוואַרטען, דאָס ער וועט אָב-שאַפֿען די צרות פֿון אַן אַנדער וועלט, פֿון וועלכע מיר האָבען ניט דעם מינדעסטען בעגריף? פֿאַר מעהר ווי צוויי טויזענד יאָהר צוריק האָט דער חכם עפּיקור געזאָגט: „אָדער גאָט וויל שטערען דאָס בייזע און עס גע-לינגט איהם ניט, אָדער ער קען עס און וויל עס ניט; אָדער ניט ער וויל עס און ניט ער קען עס. ווען ער וויל עס און קען עס ניט איז ער מאַכטלאָז; ווען ער קען און וויל עס ניט, איז ער אַזוי שלעכט, אַז מען קען עס גאָרניט דענקען פֿון אַ גאָט; און ווען ניט ער קען און ניט ער וויל, איז ער ביידעס צוזאַמען: אי שלעכט, און אי מאַכטלאָז, און פֿאָלג-ליך קען ער ניט זיין גאָט; און ווען ער קען עס און וויל עס, טו פֿון וואַנען נעהמט זיך דאָס בייזע אויף דיזער וועלט, און פֿאַרוואָס שאַפֿט ער עס ניט אָב?" זייט מעהר ווי צוויי טויזענד יאָהר וואַרטען די איידעלע גייסטער פֿאַר אַן ענטפֿער אויף דיזער פֿראַגע; און אונזערע טהעאָלאָגען ענטפֿערען אונז, דאָס זי וועט ערשט אונז פֿערענטפֿערט ווערען אין דעם צוקינפֿטיגען לעבען.

37.

נאָך אַ פּוסטע איינבילדונג.

מען דערצעהלט אונז פֿון אַ זאָגענאַנטער בחינה פֿאַר דעם מין האדם. מען בעהויפּטעט, דאָס גאָט האָט זיינע ברואים איינגעטהיילט אין פֿערשידענע קלאַסען, אין וועלכע יעדע געניסט דעם גראַד פֿון גליקזעליגקייט, אויף וועלכע זי איז פֿעהיג. נאָך דיזער ראָמאַנעהאַפֿטער אָרדנונג געניסען אַלע וועזענס פֿון דעם אויסטער ביז צו די הימלישע מלאכים דעם וואָהלזיין וואָס פּאַסט פֿאַר זיי. די ערפֿאַהרונג אָבער ווידערשפּרעכט אויסדריקליך דיזען חלום. אין דער וועלט, אין וועלכער מיר לעבען, זעהען מיר אַלע פֿיהלענדע וועזען ליידען און אַרומגערינגעלט פֿון געפֿאַהרען. דער מענש קען ניט מאַכען אַ טריט, ניט פֿערוואונדענדיג און ניט פֿערניכטענדיג אונטער זיינע פֿיס אַ מאַסע פֿון פֿיהלענדע וועזענס, וועהרענד ער אַליין איז אונטערוואָרפֿען ביי יעדען טראָט זיינעם צו אַ מענגע פֿון געפֿאַהרען, וועלכע קענען פֿיהרען צו זיין פערניכטונג. איז ניט דער געדאַנק אָן דעם טוידט שוין גענוג צו שטערען איהם אין זיינע בעסטע פֿערגניגונגען, וועהרענד זיין גאַנציין לעבען האָט ער צו ליידען פֿון אונאַנגענעהמליכקייטען און איז איין מינוט ניט זיכער מיט זיין לעבען, וועלכען ער האַלט פֿאַר אַזוי וויכטיג?

מען וועט זאָגען, דאָס די וועלט איז אַזוי פֿאָלקאָמען, ווי זי קען נור זיין, דאָס גערעדע דאַרום, ווייל זי איז עס ניט דער גאָט, וואָס האָט איהר געמאַכט, איז עס ניט מעהר ווי נאַטירליך, דאָס זי זאָל האָבען גרויסע מעלות און אויך גרויסע חסרונות. אָבער מיר ענטפֿערען, דאָס אויב די וועלט האָט שוין געמוזט האָבען גרויסע פֿעהלערען, וואָלט עס געפּאַסט פֿיעל בעסער פֿאַר די נאַטור פֿון אַ גוטען גאָט, גאָר ניט צו בעשאַפֿען אַ וועלט, וועלכע ער האָט ניט געקענט גליקליך מאַכען.

ווען גאָט, וועלכער, ווי איהר זאָגט, איז געוועזען פֿאָלקאָמען גליקליך איידער ער האָט בעשאַפֿען די וועלט, און וואָלט געבליבען אויך גליקליך, ווען ער וואָלט די וועלט ניט בעשאַפֿען, טו וואַרום איז ער ניט געבליבען רוהיג? צו וואָס מוז דער מענש ליידען? צו וואָס מוז דער מענש עקזיסטירען? האַרט עס גאָט צו דער מענש עקזיסטירט אָדער ניט? ווען דעם מענשען׳ס עקזיסטענץ איז פֿאַר גאָט ניט געוועזען ניט ניצליך און ניט שעדליך, טו וואַרום האָט ער איהם ניט געלאָזען אין דעם „גאָרנישט?" און ווען דעם מענשען׳ס לעבען איז איהם יאָ ניצליך איז עס דאָך אַ סימן, אַז גאָט האָט עטוואָס געפֿעהלט, איידער דער מענש איז בעשאַפֿען געוואָרען?

מיר קענען ענטשולדיגען אַן אונגעלומפֿערטען אַרבייטער, ווען ער מאַכט ניט קיין גוטע שטיקעל אַרבייט; ווייל ער מוז אַרבייטען גוט אָדער שלעכט, אום ניט צו שטאַרבען פֿון הונגער; דיזען אַרבייטער קען מען מוחל זיין, אָבער ניט גאָט. וועלדיג ווי איהר זאָגט, דאַרף גאָט קיינעם ניט; ער איז זיך זעלבסט גענוג. ווען דאָס איז אַזוי, טו צו וואָס שאַפֿט ער די מענשען? נאָך אייער אַנזיכט האָט ער אַלעס, אום צו קענען מאַכען גליקליך דעם מענשען, טו וואַרום טהוט ער עס ניט? לעהרנט דאָך דערפֿון, אַז אייער גאָט איז מעהר שלעכט ווי גוט, ווען איהר ווילט ניט צוגעבען אַז דאָס, וואָס ער האָט געמאַכט, איז ער געווען געצוואונגען צו מאַכען. איהר אָבער זאָגט, דאָס אייער גאָט איז פֿריי, איהר זאָגט אויך, דאָס ער ענדערט זיך קיינמאָל ניט אום, כאָטש ער האָט אָנגעהויבען אַרויסצואווייזען זיין מאַכט, בעשאַפֿענדיג די וועלט אין אַ געוויסען מאָמענט, ווי אַלע אונבעשטענדיגע וועזענס פֿון דיזער וועלט. אָה, טהעאָלאָגען! איהר האָט געמאַכט אומזיסטע אָנשטרענגונגען צו בעפֿרייען גאָט פֿון די מענשליכע פֿעהלערען, אָבער דאָך איז נור פֿעהלערען געבליבען אין אייער פֿאָלקאָמענעם גאָט.

38.

מען קען ניט גלויבען אין א געטליכע פאַרזעהונג, אין אן אונענדליכען גוטען און מעכטיגען גאָט.

„האָט דען ניט גאָט דאָס רעכט אויסצוטהיילען זיינע טובות, וועמען ער וויל? האָט ער ניט דאָס רעכט צו טהאָן מיט זיין אייגענטהום, ווי ער וויל? קען ער עס ניט צוריק פֿאָדערען? עס איז ניט דער עסק פֿון דער בעשעפֿענים צו פֿערלאַנגען רעכענשאַפֿט פֿון זיין בעשעפֿער; ער קען טהאָן, ווי עס געפֿעלט איהם; אַלס אַן אונבעשרענקטער הערשער גיט ער איינעם גליק, און דעם אַנדערען אונגליק, ווי עס איהם געפֿעלט.“— דאָס זיינען די ערקלעהרונגען, וועלכע די טהעאָלאָגען גיבען אונז, אום אונז צו טרייסטען פֿאַר אונזערע צרות, וואָס מיר קריגען אויסגעטהיילט. מיר אָבער ענטפֿערען אויף דעם, דאָס עס פאַסט ניט פֿאַר גאָט, וועלכער איז אונענדליך גוט צו שענקען זיינע מתנות, וועמען ער וויל; מיר ענטפֿערען זיי, אַז אַן אמת־גוטער וועזען קען זיך ניט איינהאַלטען פֿון צו טהאָן גוטעס; מיר ענטפֿערען, יאָ, דאָס אַ גרויסמוטהיגער גאָט קען ניט צוריקנעהמען דאָס, וואָס ער האָט שוין איין מאָל געגעבען; דאָס יעדער, ווער דאָס טהוט, האָט ניט קיין רעכט צו פֿאָדערען דאַנקבאַרקייט און האָט ניט צו בעקלאָגען זיך איבער די אונדאַנקבאַרע.

39

נאך עטוואס איבער די „געטליכע" השנחה.

ציצערא האט גאנץ רעכט, ווען ער זאגט, דאס ווען גאט צייגט זיך נים ארוים אלס דעם מענשען'ס פריינד, קען ער גאר ניט זיין גאט. גוטסקייט איז גאט'ס אייגענשאפט. דיזע גוטסקייט זיינע קען דער מענש ערשט דערקענען דורך דעם גליק, וועלכען ער געניסט אויף דיזער וועלט. וויבאלד אבער ער איז אונגליקליך, פערשווינדעט די גוטסקייט און צו גלייכער צייט ווערט אויך די גאטהייט פערניכטעט. אן אונענדליכע גוטסקייט קען ניט זיין פארטייאיש. ווען גאט איז אונענדליך גוט, מוז ער גליקליך מאכען אלע זיינע בעשעפעניסע. איין איינציגער אונגליקלי־כער ווען איז גענוג, אום צו מאכען צו גאר ניט די גאנצע לעהרע פון גאט'ס אונבעגרענעצטער גוטסקייט. איז עס מעגליך צו בעגרייפען, ווי אזוי זאל איין איינציגער מענש זאגאר ליידען, ווען דער אלגיטיגער און אלמעכטיגער גאט פאסט אויף אויף איהם? א חיה, א מילב, ווען זי ליידעט, גיט דעם אונבעשטרייטבארסטען בעווייז געגען גאט'ס אונ־ענדליכער גוטסקייט.

ווערליג די טהעאלאגען זאגען, זיינען די ליידען און צרות פון די מענשען אין אונזער לעבען בעשטראפונגען פאר זייערע זינד. אבער דאן איז די פראגע, ווארום זיינען מענשען זינדיג? ווען גאט איז אלמעכטיג, טו וואס וואלט עס איהם געהארט צו זאגען: „אלעס אין דער וועלט זאל אנגעהן אין ארדנונג, אלע מיינע אונטערטהאנען זאלען זיין גוט, אונ־שולדיג און גליקליך?" אז ער האט געקענט זאגען, אז „אלעס זאל ווע־רען", און עס איז געווארען, האט ער דאך אויך געקענט זאגען, אז אלע זאלען זיין גוט און גליקליך? וואלט עס דען געווען שווערער פאר גאט צו מאכען די וועלט גוט, איידער שלעכט?

די רעליגיאן דערצעהלט אונז פון א גיהנום, דאס הייסט פון א שרעקליכען פלאץ, וואו דער אלגוטיגסטער גאט האט די ערגסטע צרות אנגעגרייט פאר די גרעסטע טהייל פון דער מענשהייט. אויף אזא אופן זאגט אונז די רעליגיאן אליין, דאס דיזער אלגוטיגסטער גאט, נאכ־דעם ווי ער האט אונז אויסגעטהיילט גענוג צרות אויף דיזער וועלט, טהיילט ער אונז אוים נאך גרעסערע אין דער אנדערער וועלט. מען טרייט צו פערענטפערען עס דערמיט, דאס זיין גערעכטיגקייט איז גובר זיין גוטסקייט. אבער א גוטסקייט, וואס לאזט זיך בעזיגען פון שרעק־ליכע גרויזאמקייט, קען ניט זיין קיין אונענדליכע גוטסקייט, און ווי קען א גאט, וואס איז אמאל אונענדליך גוט, און ווידער אמאל אונענדליך

שלעכט, בעטראַכט ווערען אַלס אַן אונפֿערענדערליבער וועזען? קען מען דען זעהן אין אַזאַ גאָט אַ שאָטען פֿון גוטסקייט, ווען ער איז אייביג פֿול מיט צאָרן?

40.

די טהעאלאגיע מאכט פון גאט א וועזען, וואס פערדינט נור אונזער האס און פעראכטונג.

די געטליכע געֿרעכטיגקייט, מיינען די טהעאָלאָגען, איז אַן איי־געֿנשאַפֿט, צוליעב וועלכע מיר דאַרפֿען פֿיהלען אַ שטאַרקע ליעבע צו גאָט. נאָך די בעגריפֿע פֿון דער טהעאָלאָגיע קומט אויס, אַז גאָט האָט בעשאַפֿען די מענשען נור מיט דער אַבזיכט, צו ברייננגען זיי אימער אין געפֿאַהר, צו ליידען אַן אייביגע שטראָף. וואָלט אויף אַזאַ אופן ניט גע־ווען פֿיעל בעסער, אַז גאָט זאָל נור בעשאַפֿען שטיינער און פֿלאַנצען און קיינע פֿיהלענדע וועזענס, אַלס מענשען, וועמעס אויפֿפֿיהרונג מוז די מייסטע ברייננגען אין גיהנום, וואו זיי ליידען אייביגע קוואַלען?

אַ גאָט, וואָס איז אַזוי ביטרע און אַזוי בייז, פֿריהער צו שאַפֿען אַ מענשען און דאַן איהם אויף אייביג פֿערדאַמען, קען ניט בעטראַכט ווערען אַלס אַ פֿאָלקאָמענעס וועזען, נור ער איז אַ מאָנסטער פֿון אונ־פֿערשטאַנד, פֿון בייזקייט. ניט נור האָבען די טהעאָלאָגען געשאַפֿען דעם פֿאָלקאָמענסטען, נור גערעדע דעם אונפֿאָלקאָמענסטען וועזען, וואָס מען קען זיך נור פֿאָרשטעלען.

ווערדליג די בעגריפֿע פֿון דער טהעאָלאָגיע, קען מען גאָט פֿערגליי־כען מיט אַ טיראַן, וועלכער, נאָכדעם ווי ער האָט פֿון דעם גרעסטען טהייל פֿון זיינע שקלאַפֿען די אויגען אַרויסגענומען, פֿערשפּאַרט דיזעלבע אין אַ געפֿענגניס, דורך וועלכע ער קוקט אַריין דורך אַ לאָך, און בע־שטראָפֿט יעדען איינעם פֿון די בלינדע, וואָס שטויסט זיך אָן אין זיין חבר געהענדיג, און בעלוינט מיט אַלע מתנות די, וועלכע ער האָט די אויגען איבערגעלאָזען, און וועלכע דערפֿאַר שטויסען זיך ניט אָן איינע אָן די אַנדערע. דאָס זיינען די אידעען, וועלכע עס גיט אונז די דאָגמע פֿון דער טהעאָלאָגיע, איבער דעם וועזען פֿון גאָט.

און כאָטש די מענשען גיבען זיך אַזוי פֿיעל מיה איינצורעדען, דאָס זייער גאָט איז אונענדליך גוט, איז עס אָבער דאָך קלאָהר, דאָס אין תוך גענומען קענען זיי דאָס גאָר ניט גלויבען. ווי קען מען ליעבען דאָס, וואָס מען קען ניט? ווי קען מען ליעב האָבען אַ וועזען, וואָס דער גע־דאַנק וועגען איהם מאַכט נור אָן קאָפּ־פֿערדרעהעניש און אונרוהיגקייט? ווי קען מען ליעב האָבען אַ וועזען, וועלכער האָט אין זיך אַלעס וואָס פֿערדיענט געהאַסט צו ווערען?

41.

יעדע רעליגיאָן טרייט איינצופליסען א מורא פאר גאָט.

פֿיעלע מענשען מאַכען אַ פֿיינעם אונטערשייד צווישען רעליגיאָן און אַבערגלויבען. זיי זאָגען אונז, דאָס די לעצטע מאַכט דעם מענשען שרעק־ליך מורא צו האָבען פֿאַר גאָט, אָבער דער אמת־רעליגיעזער מענש האָט דעם פֿולסטען פֿערטרויען צו זיין גאָט, און האָט איהם אמת ליעב. זיי זאָגען, דאָס נור דער אַבערגלויבישער מענש זעהט אין גאָט אַ פֿינ־סטערען גרויזאַמען טיראַן, וועלכער איז זעהר קאַרג מיט זיינע גוטע טהאַטען, איז אָבער זעהר פֿערשווענדעריש מיט זיינע בעשטראָפֿונגען. אָבער ריכטיג גערעדט, גיט אונז דען ניט יעדע רעליגיאָן דיזע אידעען פֿון גאָט? זאָגט מען דען אונז ניט אין איין און דערזעלבער צייט, אַז גאָט איז אונענדליך גוט, און דאָס עס איז זעהר לייכט איהם צו דער־צאָרענען, דאָס ער בעשענקט מיט זיין חסד נור וועניגע, און דאָס ער בעשטראָפֿט האַרט די, וועלכע האָבען פֿאַר עטוואָס ניט געפֿונען חן אין זיינע אויגען?

ווען איך שעפּ מיינע פֿאָרשטעלונגען איבער גאָט פֿון דער טהעאָ־לאָגיע, צייגט זיך דאַן פֿאַר מיר גאָט אין אַזאַ געשטאַלט, וועלכע מוז צוריקשטויסען יעדע ליעבע. די פֿרומע, וועלכע זאָגען אונז, דאָס זיי ליעבען זייער גאָט מיט זייער גאַנצען האַרצען, זיינען אָדער ליגנער אָדער נאַרען, וועלכע זעהען נור גאָט פֿון אַ זייט. עס איז אונמעגליך ליעב צו האָבען אַ גאָט, דער בעגריף פֿון וועלכען קען אייך נור מאַכען ציטע־רען, און וועמעס מעשים מאַכען אייך שווידערען. ווי קען מען אָהן שרעק בעטראַכטען אַ גאָט, וועמען מען האַלט פֿאַר פֿעהיג אויף אייביג צו פֿערדאַמען אונז?

זאָל מען נור צו אונז ניט ריידען פֿון אַ קינדערשער מורא, אָדער פֿון אַן אַכטונגספֿאָלער ליעבע, געמישט מיט פֿורכט, וועלכע די מענשען מוזען האָבען פֿאַר גאָט. אַ זוהן קען אונמעגליך ליעב האָבען זיין טאַ־טען, וועלכען ער קען פֿאַר גרויזאַם געניג אויסצוקלעהרען פֿאַר איהם די גרעסטע ליידען, אום צו בעשטראָפֿען איהם פֿאַר דעם מינדעסטען פֿעה־לער, וואָס ער האָט בעגאַנגען. קיין מענש קען אין זיך ניט האָבען דעם מינדעסטען פֿונק פֿון ליעבע צו אַ גאָט, וועלכער בעשטראָפֿט ניין און ניינציג פּראָצענט פֿון זיינע קינדער מיט די גרויזאַמסטע און שווערסטע שטראָפֿען.

42.

דורך די לעהרע פון אן אייביגען גיהנום האבען די טהעאלאגען געמאכט גאט פאר ערגער, ווי דער ערגסטער מענש, וועלכער איז אהן א צוועק גרויזאם, בלויז צוליעב זיין פערגעניגען.

די ערפינדער פון דער לעהרע פון די אייביגע פלאמען אין א גיהנום האבען פון גאט געמאכט א מאנסטער. גרויזאמקייט אין דעם מענשען איז דער העכסטער גראד פון שלעכטסקייט. עס איז ניטא קיין פיהלענדער מענש, וועלכער זאל ניט אויפגערעגט ווערען, ווען ער הערט דערצעהלען פון די מאטערניסען, וועלכע דער גרעסטער פערברעכער האט געהאט אויסצושטעהן. אבער פיעל עמפעהרענדער איז די גרויזאמקייט, ווען זי קומט נור פון א קאפריז און האט גאר קיין אורזאכע ניט. די בלוט־דורשטיגע טיראנען קאליגולא, נעראן, דאמיטיאן, האבען וועניג־סטענס געהאט אירגענד אן אורזאכע צו מוטשען זייערע קרבנות און מאכען זיך לוסטיג איבער זייערע ליידען. די אורזאכען זיינען געווען אדער זייער אייגענע זיכערהייט, אדער דער צארן פון ראכע, אדער די אבזיכטען, דורך שרעקליכע בעשטראפונגען אבצושרעקען אנדערע. קען אבער א גאט האבען איינע פון דיזע אורזאכען? ווען ער מוטשעט זיינע בעשעפעניסע, בעשטראפט ער דאך נור אזעלכע, וועלכע קענען איהם ניט שאדען אויף דאס מינדעסטע, וועלכע קענען ניט דונקעל מאכען זיין גליק, וועלכע קענען קיין זאך ניט צושטערען. אויך זיינען די שטראפען אויף יענער וועלט נוצלאז פאר די, וואס לעבען אויף דיזער וועלט, ווייל זיי קענען עס דאך ניט זעהן, און פונקט אזוי נוצלאז איז עס פאר די פערדאמטע, ווייל די וואס זיינען שוין אין גיהנום, די העלפט ניט קיין תשובה טהאן. פאר זיי איז ניטא שוין קיין בארעמהערציקייט. און דער־פון קומט עס ארויס, דאס גאט, ווען ער פיהרט אויס זיינע מעשים פון אייביגע ראכע, קען ניט האבען קיין אנדער צוועק, ווי נור זיך צו אמו־זירען מיט דעם אנבליק פון די ליידען פון די, וועמען ער האט בעשאפען, און זיך לוסטיג צו מאכען איבער די שוואכקייט פון זיינע בעשעפעניסע.

איך ווייז אן אויף דעם גאנצען מענשליכען געשלעכט. איז דען דא אין דער וועלט איין מענש, וואס פיהלט זיך גרויזאם גענוג, איך זאג שוין ניט איינעם זיין גלייבען, נור אירגענד א פיהלענדעס, לעבענדעס וועזען צו מוטשען אהן א גרונד, אהן א נוצען? טו ציהט דערפון דעם ריכטי־גען שלום, איהר טהעאלאגען, דאס נאך אייערע אייגענע פרינציפען, איז אייער גאט גאר ניט דער ערך ערגער, ווי דער ערגסטער מענש.

איהר ווענט מיר אפשר זאגען, דאס ענדלאזע בעליידיגונגען פערדינען ענדלאזע שטראפען. און איך וועל אייך זאגען, דאס א גאט, וועמעס גליק

איז אונענדליך, קען ניט געקריינקט און ניט בעליידיגט ווערען. ווייטער וועל איך זאָגען, דאָס די בעליידיגונגען פֿון ענדליכע וועזענס קענען ניט זיין אונענדליך. איך וועל אייך זאָגען, דאָס אַ גאָט, וועלכער וויל ניט, אַז מען זאָל איהם בעליידיגען, קען ניט צולאָזען, אַז די בעליידיגונגען פֿון זיינע בעשעפֿעניטע זאָלען דויערען אייביג. איך וועל אייך זאָגען, דאָס אַן אונענדליך גוטער גאָט, קען ניט זיין אונענדליך גרויזאַם.

נאָר די ווילדעסטע באַרבאַריי, דער העכסטער שווינדעל און די בלינדעסטע כבוד־זוכעריי האָבען געקענט ערפֿינדען די לעהרע פֿון אייביגע פֿערדאַמונג. ווען עס וואָלט געווען אַ גאָט, וועלכען מען וואָלט געקענט בעליידיגען און לעסטערען, וואָלטען אויף דער ערד ניט געוועזען קיין גרעסערע לעסטערער, ווי די, וועלכע האָבען דעם מוטה צו זאָגען, דאָס דער גאָט איז דער גרעסטער טיראַן, דער גרויזאַמסטער מאָנסטער, אַז ער קען געפֿינען זיין פֿערגעניגען אין די אייביגע פּלאָגען, וועלכע ער טהיילט אוים פֿאַר די אונגליקליכע מענשען.

43.

די טהעאלאגיע איז א רייהע פון ווידערשפריכע, וואס מען קען אנטאפען מיט'ן האנד.

ווען מען בעהויפּטעט, אַז גאָט קען ווערען בעליידיגט דורך די מענשליכע האַנדלונגען, פֿערניכטעט מען דערמיט אַלע אַנדערע אידעען, וואָס מען וויל אונז געבען פֿון דעם וועזען פֿון גאָט. ווען מען זאָגט, אַז דער מענש שטערט די אָרדנונג פֿון דער וועלט, דאָס ער קען אָנצינדען דעם בליץ אין גאָט'ס האַנד, דאָס ער קען שטערען זיינע פּלענער, איז דאָס ניט קיין אַנדער זאַך, ווי צו זאָגען, דאָס דער מענש איז שטאַרקער פֿאַר גאָט, דאָס עס הענגט אָב פֿון מענשען אומצווענדערען גאָט'ס ווילען, אומצואוואַנדלען זיין גוטסקייט אין צאָרן. די טהעאָלאָגיע צושטערט אַלע מאָל מיט איין האַנד, וואָס זי בויט אויף מיט דער צווייטער. ווען יעדע רעליגיאָן איז געגרינדעט אויף אַ גאָט, וועלכער ווערט בייז און בערוהיגט זיך ווידער, דאַן זיינען אַלע רעליגיאָנען געגרינדעט אויף אַ ווידערשפּרוך. אַלע רעליגיאָנען שטימען איין לויבענדיג אונז די אונבעגרענצטע חכמה און מאַכט פֿון גאָט, אָבער ווי עס קומט נאָר צו זיינע האַנדלונגען, געפֿינען מיר דאָרט נאָר אונפֿערשטאַנד, שוואַכקייט און דומהייט. גאָט, זאָגט מען, האָט געשאַפֿען די מענשען פֿאַר זיך זעלבסט, און דאָך איז עס איהם נאָך ניט געלונגען צו מאַכען זיך בעריהמט און געעהרט! גאָט האָט געשאַפֿען די מענשען, אַלס זיינע אונטערטהאַנען, וועלכע זאָלען איהם לויבען און ריהמען, און פֿונדעסטוועגען זעהען מיר די מענשען אייביג רעבעלירענדיג געגען איהם!

44.

גאט׳ס זאגענאנטע ווערק בעווייזען פאר קיין פאל ניט דאס, וואס מען רופט געטליכע פאלקאמענהייט.

מען הערט ניט אויף צו דולען אונז א קאפ פון גאט׳ס פאלקאמענהייט, און אזוי שנעל, ווי מיר פערלאנגען בעווייזע, ציינט מען אונז אן די ווערק זיינע, אין וועלכע מען זאגט אונז, דיזע פאלקאמענהייט איז אנגעשריבען מיט אונאויסלעשליכע ביכשטאבען. פונדעסטוועגען זיינען אלע דיזע ווערק גאר ניט פאלקאמען און עקזיסטירען נאר א קורצע ווייל. דער מענש וועלכען מען בעטראכט אלס דאס מייסטער־שטיק, אלס דאס וואונדערבארסטע ווערק פון גאט, איז פול מיט פעהלערען, וועלכע מאכען איהם זעהר ניט אנגענעהם אין די אויגען פון דעם, וועלכער האט איהם בעשאפען. דיזעס וואונדערבארע ווערק פיהרט זיך אויף אפט אזוי רעבעליש און מיט אזא האס געגען זיין בעשעפער, דאס דיזער פיהלט זיך אמאל געצוואונגען צו ווארפען איהם אין פייער. אבער ווען דאס אויסגעצייכענטסטע ווערק פון גאט איז אונפאלקאמען, ווי אזוי זאלען מיר אורטהיילען וועגען זיין פאלקאמענהייט? קען א ווערק, מיט וועלכען דער בעשעפער אליין איז אזוי אונצופרידען אונז געבען א בעגריף פון די געשיקטקייט פון דעם מייסטער? דער פיזישער מענש איז אונטערווארפען צו טויזענדערליי קראנקהייטען, דער מאראלישער מענש איז פול מיט פעהלער און דאך ווערט מען אונז ניט מיעד צו זאגען, דאס ער — דער מענש — איז דאס שעהנסטע ווערק פון דעם פאלקאמענסטען וועזען!

45.

אויך אין די מלאכים, אין די ריינע גייסטער זעהט מען ניט גאט׳ס פאלקאמענהייט.

עס שיינט, דאס גאט, בעשאפענדיג פאלקאמענערע וועזענס, ווי די מענשען, האט ניט געהאט קיין בעסערען ערפאלג, און האט אויך דאן זעהר ווענינ בעוויזען זיין פאלקאמענהייט. זעהען מיר דען ניט אין די פעלשידענע רעליגיאנען, דאס מלאכים און ריינע גייסטער רעבעלירען געגען זייער הערר, און האבען איהם זאגאר געוואלט שטירצען פון זיין טהראן? דער ענדליכער צוועק פון גאט איז געוועזען דער גליק פון די מענשען און מלאכים, און עס איז איהם קיינמאל ניט געלונגען ניט די מלאכים און ניט די מענשען גליקליך צו מאכען; די שטאלצקייט, די

שלעכטקייט, די זינד, די אונפאָלקאָמענהייט פון די בעשעפעניסע האָבען אימער רעבעלירט געגען די געבאָטע פון דעם פאָלקאָמענעם בעשעפער.

יעדע רעליגיאָן שיינט צו זיין געגרינדעט אויף דעם פרינציפ, דאָס גאָט טראַכט און דער מענש לאַכט. אַלע טהעאָלאָגען פון דער וועלט ציינען אונז אויף אַ ניט-גלייכען קאַמפף צווישען גאָט און זיינע בעשעפעניסע, און גאָט קומט קיינמאָל ניט אַרויס מיט עהרע פון דעם קאַמפף. ניט קוקענדיג אויף זיין אַלמעכטיגקייט, גערעט עס איהם קיינמאָל ניט צו מאַכען זיינע בעשעפעניסע אַזוי, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט האָבען. אום צו מאַכען דעם אונזין נאָך גרעסער, איז נאָך דאָ אַ רעליגיאָן אויף דער וועלט, וועלכע בעהויפטעט, אַז גאָט איז אַליין געשטאָרבען, אום אויסצולייזען דאָס מענשען-געשלעכט; און אונגעאַכטעט וואָס ער האָט זיך אַליין מקריב געווען, זיינען די מענשען געבליבען פונקט אַזוי שלעכט, ווי זיי זיינען געווען!

עס איז ניטאָ קיין גרעסערע לעכערליכקייט, ווי די ראָלע, וועלכע די טהעאָלאָגען שרייבען צו צו גאָט. ווען דאָס וואָלט ווירקליך אַזוי גע-געווען, וואָלט גאָט געווען די קאַפּריזנעסטע בעשעפעניש אויף דער וועלט. מען וואָלט דאַן געמוזט גלויבען, דאָס גאָט האָט נור בעשאַפען די וועלט, אַלס אַ פּלאַץ וואו ער זאָל פיהרען אַן אייביגען שטרייט מיט די, וועלכע ער האָט אַליין בעשאַפען; מען וואָלט געמוזט גלויבען, דאָס ער האָט בעשאַפען מענשען, מלאכים, טייוואָלים, בייזע גייסטער נור צוליעב דעם, אום צו האָבען געגנער, אויף וועלכע ער זאָל קענען אַרויסווייזען זיין מאַכט. ער גיט זיי פרייהייט, אום צו בעליידיגען איהם; מאַכט זיי פּאַר געגנוג ביטרע, זיי זאָלען מאַכען צו גאָרנישט זיינע פּלענער. און איינגע-שפּאַרט, אום איהם ניט צו פאָלגען; און אַלעס, אום צו האָבען דעם פערגעניגען זיך צו ערגערן, צו בערוהיגען, צו מאַכען שלום, צו פעררעכ-טען דעם שאָדען, וועלכען ער האָט אָנגעמאַכט. וויפיעל מיה און אַרבייט גאָט וואָלט עס זיך איינגעשפּאָרט ווען ער וואָלט בעשאַפען זיינע בע-שעפעניסע אַזוי, דאָס זיי זאָלען איהם געפעלען!

וועדליג די אַלע רעליגיאָנען פון דער וועלט שיינט גאָט נור בע-שעפטיגט צו זיין מיט מאַכען זיך אַליין שמערצען. ער טהוט ווי געוויסע מעדיצינישע שאַרלאַטאַנעס, וואָס מאַכען זיך אַליין וואונדען, אום נאָכהער צו ווייזען דעם עולם די גוטסקייט פון זייערע מעדיצינען. דאָך קענען מיר עס ניט אויסגעפינען, אז עס זאָל זיך די געטליכקייט ביז איצט האָבען איינגעגעבען צו פעררעכטען דעם שאָדען, צו היילען די וואונדען, וואָס דער מענש האָט איהר פעראורזאַכט.

46.

עס איז לעכערליך צו זאגען, אז דאס שלעכטע קומט ניט פון גאט.

גאָט איז די אורזאַכע פֿון אַלעם; און דאָך זאָגט מען אונז, אַז דאָס בייזע קומט ניט פֿון גאָט. פֿון וואַנען דען קומט עס? פֿון דעם מענשען? אָבער ווער האָט דעם מענש בעשאַפֿען? גאָט! נו, קומט דאָך דאָס בייזע פֿון גאָט. ווען ער וואָלט די מענשען אַנדערש בעשאַפֿען ווי זיי זיינען, וואָלטען זיי דאָך געווען אַנדערש. גאָט איז אַלזאָ שולדיג אין דעם וואָס דער מענש איז אַזוי פֿערדאָרבען. אויב דער מענש האָט די קראַפֿט צו טהאָן שלעכטעס, אָדער צו בעליידיגען גאָט, מוזען מיר נויטוועגדיגער ווייזע דערפֿון שליסען, דאָס גאָט וויל זיין בעליידיגט; דאָס גאָט, וועלכער האָט בעשאַפֿען דעם מענשען האָט געוואָלט, דאָס ער זאָל טהאָן שלעכטעס. ווען ניט אַזוי וואָלט דאָך דער מענש געווען אַ ווירקונג, אַ פֿאָלגע, וואָס איז גראַדע אין געגענזאַץ צו דער אורזאַכע, פֿון וועלכער ער שטאַמט.

מען זאָגט, אַז גאָט וויים אַלעס פֿאָראויס, וואָס וועט נאָכהער פּאַסירען אין דער וועלט. אָבער דיזע פֿעהיגקייט, ווען דאָס זאָל ווירקליך אַזוי זיין, קען קוים העלפֿען זיין בעריהמטהייט אָדער שיצען איהם געגען די פֿאָרווירפֿע, וועלכע די מענשען קענען געגען איהם מאַכען מיט רעכט. ווען גאָט קען פֿאָראויסזעהן וואָס עס וועט פּאַסירען אין דער צוקונפֿט, האָט ער דען ניט געקענט פֿאָראויסזעהן, דעם זינדיגען פֿון זיינע בעשעפֿעניסע, וועלכע ער האָט בעשאַפֿען, אום זיי גליקליך צו מאַכען? אויב אָבער ער האָט בעשלאָסען צו לאָזען די מענשען ווערען זינדיג, איז עס דאָך אַ סימן, אַז ער האָט עס געוואָלט, זאָנסט וואָלט ער עס דאָך געקענט פֿערהיטען. נון, ווען דער געטליכער פֿאָראויסזעהן פֿון די זינד פֿון זיינע בעשעפֿעניסע וואָלט געווען נויטווענדיג אָדער געצוואונגען, וואָלט מען דאָך געקענט אָננעהמען, אַז גאָט איז געצוואונגען געווען דורך זיין גערעכטיגקייט צו בעשאַפֿען די זינדער. אָבער אַזוי ווי מיט די פֿעהיגקייט אַלעס פֿאָראויסצוזעהען האָט אויך גאָט די מאַכט, האָט ער דאָך אויך געקענט אַלעס אַנדערש מאַכען, און ניט אַרויפֿלייגען אויף זיך אַזעלכע גרוזאַמע געזעצע? אָדער האָט ער דען וועניגסטענס ניט געקענט בעשאַפֿען אַזעלכע וועזענס, וועלכע ער זאָל נאָכהער ניט דאַרפֿען בעשטראָפֿען פֿאַר זייער אונגעהאָרכזאַמקייט און זינד? וואָס האָבען מיר דערפֿון, וואָס גאָט זעהט אַלעס פֿאָראויס אָדער איז אַלמעכטיג? זיינען דען די מענשען צוליעב דעם מעהר גליקליך אָדער אונגליקליך? זיינען זיי דאַ־ום ניט בערעכטיגט צו בעקלאָגען זיך איבער אַזאַ גאָט, וועלכער, קענענדיג זיי ניט בעשאַפֿען, האָט זיי דאָך בעשאַפֿען, כאָטש ער האָט

גאַנץ גוט פֿאַראויסגעזעהן, דאָס זיין גערעכטיגקייט וועט איהם פֿריהער אָדער שפּעטער צווינגען אָנצוטהאָן זיי גרויסע צרות?

47.

די נארעשקייט פון דער טהעאלאגישער פאבעל וועגען די ערשטע זינד און דעם שטן.

דער מענש, זאָגט מען אונז, איז אַמאָל געווען ריין, אונשולדיג און גוט, וועון ער איז אַרויסגעקומען פֿון גאָט'ס הענד. נור אום שטראָף פֿאַר זיינע זינד איז ער אַזוי געוואָרען, ווי ער איז. נון, ווען דער מענש האָט גע־קענט זינדיגען, באַלד ווי ער איז אַרויס פֿון גאָט'ס הענד, איז ער דאָך שוין ניט געווען פֿאַלקאָם. וואַרום האָט עס גאָט צוגעלאָזען, אַז ער זאָל ווערען פֿערדאָרבען און זאָל זינדיגען? וואַרום האָט גאָט צוגעלאָזען, אַז מען זאָל איהם פֿערפֿיהרען? ער האָט דאָך געזאָלט וויסען, אַז דער מענש איז צו שוואַך, אום בייצושטעהן דעם נסיון. וואַרום האָט גאָט בעשאַ־פֿען דעם בייזען שטן, דעם בייזען גייסט? וואַרום האָט גאָט, וועלכער האָט עס אַזוי גוט געמיינט מיט דעם מענשען־געשלעכט, ניט פֿערניכטעט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל די בייזע גייסטער, וועלכע האָבען אַזאַ נאַטור צו צושטערען דעם מענשליכען גליק? אָדער בעסער, וואַרום האָט גאָט בעשאַפֿען די בייזע גייסטער, וועמעס שרעקליכען איינפֿלוס אויף'ן מענ־שען ער האָט געווים פֿאַראויסגעזעהן? און ענדליך דורך וועלכען אונ־גליקליכען צופֿאַל האָט אין אַלע רעליגיאָנען דער בייזער פּרינציפּ אַזוי פֿיעל איבערמאַכט איבער דעם גוטען?

48.

דער טייפעל אזוי גוט ווי די רעליגיאן זיינען אויסגעקלעהרט, אום די פריסטער רייך צו מאכען.

מען דערצעהלט אַ געשיכטע פֿון אַן איטאַליענישען מאָנאַך, וואָס פֿערשאַפֿט איהם פֿיעל עהרע. דיזער גוטער מענש האָט געגלויבט, אַז עס איז זיין פֿליכט צו דערצעהלען צו זיינע צוהערער, פֿאַר וועלכע ער האָט געפּרעדיגט, דאָס אַ דאַנק דעם ליבען גאָט, האָט ער אויסגעפֿונען אַ מיטעל, דורך וועלכען ער זאָל קענען אַלע מענשען גליקליך מאַכען. „דער טייפֿעל", האָט ער געזאָגט, „איז נור דאָ, אום צו ברייגגען די מענשען אין גיהנום. לאָמיר זיך דאַרום ווענדען צום פּאַפּסט, וועלכער האָט די שליסעל פֿון גן עדן אַזוי ווי פֿון גיהנום און איהם בעטען, דאָס ער זאָל מיט אַלע גלחים אויסווירקען ביי גאָט, ער זאָל שלום מאַכען מיט'ן טייפֿעל, איהם ווידער אויפֿנעהמען אונטער זיין גענאָד, איהם געבען זיין פֿריהערדיגען טשין, און דאָס וועט איהם מאַכען אויפֿצוהערען צו גע־ברויכען זיינע שלעכטע טריקס געגען די מענשען."

דער גוטער מאָנאַך האָט ניט געוואוסט, אַז פֿאַר די רעליגיאָנס־דינער איז דער טייפֿעל פונקט אַזוי ניצליך און נויטווענדיג ווי גאָט, און דאָס די רעליגיאָן מאַכט זעהר פֿיעל דערפֿון, וואָס גאָט האָט אַ מחלוקה מיט'ן טייפֿעל. צו וואָס וואָלט מען בעדאַרפֿט די פריסטער מיט אַלע רעליגיאָנען, ווען די מענשען וואָלטען אויפֿגעהערט צו זינדיגען? גראַדע זייערע זינד איז די לעבענס־מיטעל פֿון דער רעליגיאָן. ווי עס ווייזט אויס איז דער מאַנעס'יזם (דער גלויבען אַז עס זיינען דאָ צוויי יסודות אין דער וועלט, אַ גוטער יסוד און אַ שלעכטער יסוד) די שטיצע פֿון אַלע רעליגיאָנען. נאָר צום אונגליק פֿון דער רעליגיאָן איז דער טייפֿעל, וועלכער איז ערפֿונדען געוואָרען אַוועקצונעהמען דאָס שלעכטע פֿון גאָט, דער שטאַרקסטער בעוויז, אַז גאָט איז אונמעכטיג עטוואָס צו טהאָן געגען זיין הימלישען קאָנקורענט.

49.

ווען גאָט האָט ניט געקענט מאַכען די מענשען אונזינדיג, האָט ער ניט קיין רעכט זיי צו בעשטראָפען.

די נאַטור פֿון דעם מענשען — זאָגען אונז די טהעאָלאָגען — האָט געמוזט ווערען פֿערדאָרבען. ניט צו זיין זינדיג איז אַ טהייל פֿון געטליכער פֿאָלקאָמענהייט, און דאָס קען נור זיין גאָט אַליין. נו איז אָבער אַלץ דיזעלבע קשיא: אויב גאָט האָט ניט געקענט מאַכען, אַז דער מענש זאָל זיין ריין פֿון זינד, טו וואַרום האָט ער איהם גאָר אין גאַנצען בעשאַפֿען, אַז ער זאָל אימער פֿיהלען זיך געקרענקט פֿון איהם? און דאַן, אויב דער מענש פֿון דער נאַטור קען גאָר ניט זיין ריין פֿון זינד, טו וואַרום קומט איהם בעשטראָפֿט צו ווערען? דאָס קען נור זיין דאָס רעכט פֿון דעם שטאַרקערען, אָבער דאָס רעכט פֿון דעם שטאַרקערען איז געוואַלט, און געוואַלט פּאַסט זיך ניט פֿאַר דעם גערעכטעסטען פֿון אַלע וועזענס. גאָט איז אין העכסטען גראַד אונגערעכט, בעשטראָפֿענדיג די מענשען דערפֿאַר, וואָס זיי זיינען ניט פֿאָלקאָמען, וואָס זיי קענען ניט זיין קיין געטער גלייך מיט איהם.

האָט דען גאָט לכל הפחות ניט געקענט געבען דעם מענשען דעם גראַד פֿון פֿאָלקאָמענהייט, וועלכער איז געאייגנעט פֿאַר די מענשליכע נאַטור? ווען אייניגע מענשען זיינען יאָ גוט און זיינען אַנגענעהם פֿאַר גאָט, טו וואַרום האָט ער ניט געקענט מאַכען, אַז אַלע זאָלען אַזוי זיין? וואַרום זיינען דאָ רשעים אַזוי פֿיעל מעהר, ווי די צדיקים? וואַרום האָט גאָט אין דער מענשליכער וועלט צעהן טויזענד פֿיינד אויף איין פֿריינד? ווען עס איז אמת, דאָס גאָט האָט די אַבזיכט צו מאַכען זיך אַ צירקעל אין הימעל פֿון הייליגע, פֿון אויסערוועהלטע, פֿון מענשען, וועלכע האָבען געלעבט אויף דיזער ערד לויט זיינע ווינשע, וואָלט דען דיזער

הימלישער צירקעל ניט געווען גרעסער, גלענצענדער, ווען ער וואָלט בעשטאַנען פֿון אַלע מענשען, וועלכע ער האָט געהאַט אין זיין מאַכט צו מאַכען גוט און פֿרום? אָדער וואָלט שוין ניט געווען פֿיעל גלייכער גאָר ניט צו בעשאַפֿען דעם מענשען, איידער צו בעשאַפֿען איהם אַלס ווענזען, וואָס איז פֿול מיט פֿעהלער, רעבעליש געגען זיין בעשעפֿער און אימער אונטער די געפֿאַהר דורך דעם מיסברויכען פֿון זיין פֿרייהייט צו פֿערדאַרבען זיך אויף אייביג?

אַנשטאַט מענשען האָט גאָט גאָר בעדאַרפֿט בעשאַפֿען פֿרומע און געהאָרכזאַמע מלאכים. די מלאכים, זאָגט מען, זיינען פֿרום. אייניגע פֿון זיי האָבען געזינדיגט, אָבער דאָך ניט אַלע. ניט אַלע האָבען שלעכט בענוצט זייער פֿרייהייט און רעבעלירט געגען זייער הערר. וואָלט דען גאָט ניט געקענט דאַרום בעשאַפֿען לויטער מלאכים פֿון דעם גוטען מין? ווען גאָט האָט געקענט בעשאַפֿען מלאכים, וואָס זאָלען ניט זינדיגען, טו וואַרום האָט ער אויך אַזעלכע מענשען ניט געקענט שאַפֿען אויף אונזער ערד?

מען הערט אונז ניט אויף צו זאָגען, דאָס גאָט'ס האַנדלונגען מוזען פֿאַר אונז בלייבען אַ געהיימנים, און דאָס מיר האָבען קיין רעכט ניט צו פֿרעגען קשיות ביי אונזרע בעשעפֿער. איז דיזער ענטפֿער אַזעלכער, וואָס זאָל איינעם קענעם צופֿרידען שטעלען? ווערליג ווי איהר זאָגט אַליין האַנדעלט זיך עס דאָך דאָ אום מיין אייגענעם גליק, טו זאָל איך אין אַזאַ ערענסטען פֿאַל ניט האָבען דאָס רעכט נאָכצופֿאָרשען? די מענשען אונטערוואַרפֿען זיך צו גאָט נור דאַרום, ווייל זיי האָפֿען, אַז צוליעב דעם וועט ער זיין גוט צו זיי און וועט זיי גליקליך מאַכען. אַ דעספּאָט, וועמעַן מענשען פֿאָלגען נור אוים מורא, אַ הערשער מיט וועלכען מען קען זיך ניט אויסטענה'ען קען ניט פֿערעהרט ווערען פֿון אינטעליגענטע וועזענס. ווען גאָט'ס מעשים זיינען און מוזען בלייבען פֿאַר מיר אַ סוד, דאַן האָבען זיי פֿאַר מיר קיין אינטערעסע ניט. פּריסטער, רבנים און אַנדערע גאָט'ס דינער זאָגען אונז, אַז גאָט'ס וועגען זיינען אונבעגרייפֿליך; דאָס זיינע וועגען זיינען ניט אונזערע וועגען; זיינע געדאַנקען זיינען ניט אונזערע געדאַנקען; דאָס עס איז נאַריש זיך צו בעקלאָגען איבער זיינע האַנדלונגען, וועמעס אורזאַכען מיר פֿערשטעהען ניט; דאָס עס איז אַ חוצפה צו ערקלעהרען זיינע משפטים אונגערעכט, ווייל מיר בעגרייפֿען זיי ניט. אָבער דיזע מענשען, אַזוי ריידענדיג, זעהען ניט, אַז זיי צושטערען זייערע אייגענע סיסטעמען, וועלכע זיינען נור דאָ, אום צו ערפֿאָרשען, אום צו ערקלעהרען זיך גאָט'ס האַנדלונגען. האָבען זיי דען מעהר בעגריף פֿון גאָט'ס האַנדלונגען, ווי מיר? און ווען איהר פֿערשטעהט יאַ גאָט'ס פּלענער, דאַרפֿט

איהר דאָך ווידער ניט זאָגען, אַז דער געטליכער פּלאַן איז גאָר ניט צו דערגרונטעווען. ווען איהר ווייסט אַזוי ווייניג פֿון דיזע סודות, ווי מיר, טו האָט דאָך ניט פֿעראיבעל אויף די, וועלכע זיינען זיך מודה, דאָס זיי קענען גאָר ניט בעגרייפֿען פֿון דיזען פּלאַן, אָדער דאָס זיי זעהען גאָר ניט געטליכעס אין דעם. פֿערפֿאָלגט דאָך קיינעם ניט צוליעב מיינונגען, פֿון וועלכע איהר אַליין פֿערשטעהט גאָר ניט. זידעלט דאָך אייך ניט געגענזייטיג צוליעב טרוימערייען און היפּאָטעזען, וועלכע ווידערשפּרעכען אַלעס וואָס מיר זעהען און ווייסען; רעדט מיט אונז פֿון זאַכען, וועלכע זיינען פֿערשטענדליך און וועלכע זיינען ווירקליך ניצליך פֿאַר'ן מענשען. רעדט צו אונז ניט פֿון די אונפֿערשטענדליכע וועגען פֿון אַ גאָט, פֿון וועלכען איהר שטאַמעלט נור און ווידערשפּרעכט זיך אַליין. וועהרענד די טהעאָלאָגען דערצעהלען אונז פֿון דער אונבעגרייפֿליכער חכמה פֿון גאָט, און זאָגען אונז, אַז מיר טהאָרען גאָר ניט פּרובירען אָבצושעטצען מיט אונזער קליינטשיקען שכל זיינע מעשים, טהוען זיי אַליין אָבער נאָך ערגערעס, ווען זיי בעהויפּטען, אַז זיי ווייסען יאָ עטוואָס פּאָזיטיוועס וועגען איהם.

50.

עס איז נאַריש צו רופען גאָט גוט און גערעכט, ווען ער שיקט אַל דאָס בייז אויף שולדיגע און אונשולדיגע. עס איז צופיעל פערלאַנגט פון די אונגליקליכע צו פערלאַזען זיך אויף דעם, וואָס ברייגנט זיי אַלע אונגליקען.

קראַנקהייט ווערט אין אַלגעמיין אָנגענומען אַלס שטראָף פֿאַר זינד. אונגליקספֿעלע, שווערע צייטען, קראַנקהייטען, הונגער־נויטה, מלחמות, ערדציטעניש׳ען, זיינען די מיטעל, מיט וועלכע גאָט בעדיענט זיך, אום צו שטראָפֿען די מענשען. פֿון דיזע בעשטראָפֿונגען ליידען אָהן אונ־טערשיד די גוטע און די שלעכטע, די אפיקורסים און די פֿרומע, די שולדיגע און די אונשולדיגע. ווי אַזוי קען מען אין דעם זעהן אירגענד וועלכע גערעכטיגקייט? עס איז קיין ספק ניט, אַז דער פֿערשטאַנד מוז שוין זיין זעהר צומישט ביי יענע מענשען, ווען זיי קענען נאָך זוכען טרייסט ביי אַזאַ גאָט, וועלכער איז דער ווירקליכער אכזר און האָט זיי געבראַכט אַזוי פֿיעל צרות און פּיין. אונגליקליכער פֿאָטער! דו טרייסט זיך ביי דעם בווּעם פֿון דער פֿאָרזעהונג איבער דעם פֿערלוסט פֿון אַ געליעבטען קינד אָדער אַ געליעבטע פֿרוי, וועלכע זיינען געווען דיין איינציג גליק אין לעבען. אַך, זעהסטו דען ניט, אַז דיין גאָט האָט זיי ערמאָרדעט? דיין גאָט האָט דיך עלענד געמאַכט, און דו ווילסט, אַז

דיזער גאָט זאָל דיר שיקען אַ רפואה פֿאַר די וואונדען, וועלכע ער האָט דיר אַליין געמאַכט!

די פֿאַנטאַסטישע אידעען פֿון דער טהעאָלאָגיע איז עס אויף אַזאַ אופֿן געלונגען צו צושטערען אין דעם מענשליכען גייסט די איינפֿאַכסטע בעגריפֿע, און די פֿרומע נעהמען אָן גראַדע גאָט'ס בייזקייט אַלס בעווייז פֿיר זיין גוטסקייט. זיי ליידען צרות, האָבען זיי זיך איינגערעדט, אַז גאָט טהוט עס, אום זיי זאָלען זיך אויסלייטערען, און ער שטראָפֿט זיי גראַדע דאַרום, ווייל ער האָט זיי ליעב. איינער אַ לץ האָט געהאַט גאַנץ רעכט, זאָגענדיג: אויב גאָט בעהאַנדעלט אַזוי די מענשען, וועלכע ער האָט ליעב, וואָלט איך איהם שטאַרק געבעטען פֿון מיר גאָר ניט צו דענקען.

וואָס וואָלטען מיר געהאַלטען פֿון אַ פֿאָטער, פֿון וועלכען מען זאָל אונז דערצעהלען, דאָס ער איז זעהר בעזאָרגט אום דעם וואָהל־געהן פֿון זיינע קינדער, און וועלכער וואָלט זיי דאָך געלאָזען זיך וואַל־גערען צווישען פֿעלזען, גריבער, וואַסערען, וואו זיי קענען יעדע מינוט צוקאַליעטשעט ווערען? וואָס וואָלטען מיר געזאָגט פֿון דעם זעלביגען פֿאָטער, וועלכער אַנשטאַט זיך צו מאַכען פֿאָרווירפֿע פֿאַר זיין נאַכלע־סיגקייט, וואָלט נאָך זיינע קינדער בעשטראָפֿט אויף דעם גרויזאַמסטען אופֿן? מיר וואָלטען מיט רעכט געזאָגט, אַז אַזאַ פֿאָטער איז אַ נאַר, וועלכער פֿעראייניגט אין זיך נאַרישקייט מיט גרויזאַמקייט.

אַ גאָט, וועלכער שטראָפֿט אימיצען פֿאַר פֿעהלער, וועלכע ער וואָלט געקענט שטערען, איז אַ וועזען, וועמען עס פֿעהלט דער געפֿיהל פֿון גוטסקייט און גערעכטיגקייט. אַ גאָט, וואָס קען אַלעס פֿאָראויסזעהן, וואָלט אויפֿגעפּאַסט, אַז דער פֿערברעכען זאָל ניט בעגאַנגען ווערען, אום צו פֿערשפּאַרען איהם צו בעשטראָפֿען. אַ גוטער גאָט וואָלט ניט בע־שטראָפֿען קיינע פֿעהלער, וועלכע, ער אַליין אַנערקענט, געהערען צו דער מענשליכער נאַטור. אַ גוטער גאָט, וואָס האָט אַליין בעשאַפֿען דעם מענשען שוואַך, וואָלט איהם ניט בעשטראָפֿט דערפֿאַר, וואָס ער איז ניט שטאַרק גענוג צו ווידערשטעהן זיינע נייגונגען. צו בעשטראָפֿען שוואַכ־קייט איז די ערגסטע טיראַניי. הייסט עס ניט גאָט לעסטערען, ווען מען זאָגט, דאָס ער שטראָפֿט די מענשען פֿאַר זייערע פֿעהלער אין דיזען לעבען? ווי קען ער בעשטראָפֿען וועזענס, וועמעס בעסערונג העגגט אָב פֿון איהם אַליין, און וועלכע האַנדלען נור אַזוי, ווייל ער וויל, אַז זיי זאָלען אַזוי האַנדלען? זאָגען דאָך די אַלע רעליגיאָנען אַליין, אַז דער מענש אָהן גאָט'ס גענאַדע קען גאָר ניט גוט זיין. נאָך דיזע בעהויפּטונג קען דער מענש גאָרניט בעשטראָפֿט און בעלוינט ווערען, ווייל טהוט דער מענש גוטעס אָדער שלעכטעס איז עס דאָך נור דאַרום, ווייל גאָט וויל אַזוי.

51.

דער פרייער ווילען איז א חלום.

די טהעאָלאָגען ווערען ניט מיעד אונז צו זאָגען, דאָס דער מענש איז פֿריי, אין דער אמת'ן אָבער זיינען אַלע זייערע פרינציפּען אַזעלכע, וואָס מאַכען צו גאָרניט די פֿרייהייט פֿון מענשען. ווען מען דענקט נור נאָך אַביסעל, מוז מען אַנערקענען, דאָס אין די אַלע האַנדלונגען זיינע הויבט גאָר ניט אָן דער מענש צו זיין פֿריי. הענגט עס דען אָב פֿון מענשען צו געבאָרען ווערען פֿון דיזע אָדער יענע עלטערען? ווענדעט זיך עס דען אָהן איהם, אויב ער זאָל אָננעהמען די מיינונגען פֿון זיינע לעהרער און עלטע־ען? ווען איך וואָלט געבאָרען געוואָרען פֿון היידען אָדער מחמד'אַנער, וואָלט איך דען געווען שולדיג אין דעם, וואָס איך בין ניט קיין קריסט? און דאָך פֿערזיכערען אונז אונזערע געלערנטע פריסטער און רבנים, דאָס אַ גערעכטער גאָט וועט אָהן באַרמהערציגקייט פֿערדאַמען די אַלע, צו וועלכע ער האָט ניט אַרויסגעוויזען זיין גענאָד און האָט געמאַכט אונמעגליך פֿאַר זיי צו זיין קריסטען. דעם מענשען'ס געבורט ווענדט זיך געוויס ניט אָן איהם; מען האָט איהם ניט געפֿרעגט, צו ער וויל קומען אויף דער וועלט, צו ניט. די נאַטור האָט זיך ניט געהאַלטען מיט איהם אַן עצה, פֿון וועלכע עלטערען און אין וועלכען לאַנד ער וויל געבאָרען ווערען. די מיינונגען, וועלכע ער האָט, צו ריכטיג, צו ניט, זיינען די פֿרוכט פֿון זיין ערציהונג, וועלכע איז וויי־דער ניט אָבהענגיג פֿון איהם. זיינע ליידענשאַפֿטען און זיינע בעגעהרען זיינען די נויטווענדיגע פֿאָלגען פֿון זיין טעמפּעראַמענט, וועלכען די נאַטור האָט איהם געגעבען. אין דעם משך פֿון זיין גאַנצען לעבען ווערען זיין ווילען און זיינע האַנדלונגען בעשטימט דורך זיינע פֿערבינדונגען, זיינע געוואוינהייטען, זיינע געשעפֿטען, זיינע פֿערגניגענס, זיין געזעלשאַפֿט און דורך די געדאַנקען, וועלכע קומען צו איהם אָהן זיין ווילען; קורץ, דורך אַ מאַסע פֿון פּאַסירונגען און צופֿעלע, וועלכע זיינען אויסער זיין מאַכט. ניט זייענדיג אים שטאַנד פֿאָראויסצוזעהן די צוקונפֿט, ווייס ער ניט אין דיזען אויגענבליק, וואָס וועט פּאַסירען און וואָס ער וועט ווען אין דעם נעכסטען מאָמענט. דער מענש פֿון זיין געבורט ביז ער שטאַרבט, איז ניט איין מינוט פֿריי.

דער מענש, זאָגט איהר, וויל, איבערלייגט זיך, קלייבט אויס און בעשליסט, און דערפֿון ציהט איהר אַ שלוס, דאָס זיינע האַנדלונגען זייינען פֿריי. עס איז אמת, אַז דער מענש וויל, אָבער ער איז ניט דער הערר פֿון זיין ווילען און ווינשען. ער קען נור דאָס ווינשען, וואָס ער דענקט פֿאַר איהם איז ניצליך. ער קען ניט ליעב האָבען דעם שמערץ

אין פֿיינד האָבען דעם גענוס. מען זאָגט, אַז צייטענווייז האָט דער מענש בעסער ליעב צו ליידען, ווי צו האָבען פֿערגניגען, אָבער דאַן טהוט ער עס, אום נאָך דעם קורצען שמערץ צו האָבען אַ גרעסערען פֿערגניגען.

דער ליעבהאָבער גיט ניט זיין געליעבטער די שעהנקייט, פֿון וועלכע ער איז בעצויבערט; עס ווענדעט זיך דאַרום ניט אָן איהם, אויב ער זאָל ליעב האָבען אָדער ניט. ער איז ניט קיין בעל הבית איבער זיין פֿאַנטאַזיע אָדער זיין טעמפּעראַמענט, וועלכע בעהערשען איהם. און דערפֿון איז קלאָהר צו זעהן, אַז דער מענש איז ניט דער הערר איבער זיינע ווינשע, וועלכע קומען צו איהם גאָר אונגעפֿרעגט. אָבער, זאָגט איהר, דער מענש קען בעקעמפּפֿען זיינע ווינשע, אַלזאָ איז ער פֿריי. דער מענש ווידערשטעהט זיינע ווינשע נור דאַן, ווען זיי ציהען איהם אָב פֿון אַ זאַך, וועלכע איז איהם טהייערער, ווי זיינע ווינשע. אַ מענש, וואָס האָט מעהר מורא פֿאַר די שאַנדע און בעשטראָפֿונג ווי עס איז גרויס זיין ליעבע צו געלד, ווידערשטעהט נויטווענדיגער ווייזע דעם וואונש זיך צו צונעהמען פֿרעמדעס געלד.

„זיינען מיר ניט פֿריי, ווען מיר איבערלייגען זיך, דיינקען נאָך איבער עטוואָס?" די איבערלייגונג איז אַ נויטווענדיגע פֿאָלגע פֿון די אונגעוויסהייט, אין וועלכע מיר זיינען, צו וואָס עס וועלען פֿיהרען גע־וויסע האַנדלונגען. און אַזוי שנעל, ווי מיר קריגען געוויסהייט, אָדער עס דאַכט זיך אונז, אַז מיר וויסען עס אויף געוויס, מוזען מיר נויטווענדי־גער ווייזע אַזוי האַנדלען. אונזער אורטהייל, ריכטיג אָדער ניט איז ניט פֿריי. ער ווערט געבילדעט נויטווענדיגער ווייזע דורך אירעען, וועלכע מיר קריגען אָדער וועלכע האָבען זיך געבילדעט אין אונזער גייסט.

דער מענש איז ניט פֿריי אין זיין וואַהל. ער איז געצוואונגען דורך די נויטווענדיגקייט צו וועהלען דאָס, וואָס ער דענקט פֿאַר אַם מייסטען ביצליך און אַנגענעהם. ווען ער גיט אויף זיין וואַהל, ווערט ער דורך דעם גיט מעהר פֿריי. ער איז געצוואונגען עס אויפֿצוגעבען, ביז ער האָט זיך מעהר איבערלייגט. דער מענש, זאָגט איהר, טהוט זאַכען פֿון וועלכע ער ווייס, אַז זיי מוזען איהם שאַדען. דער מענש בעגעהט זעלבסטמאָרד. איז ער דאָך פֿריי. איך לייקען עס אָב. ווענדט זיך עס דען אָן דעם מענשען צו דענקען ריכטיג אָדער אונריכטיג? איז דען זיין קראַפֿט צו אורטהיי־לען, זיין חכמה ניט מעהר אָבהענגיג פֿון די מיינונגען, וועלכע ער האָט אָנגענומען און פֿון דער בילדונג פֿון זיין גייסט? נון, ווי באַלד ניט די ערשטע און ניט די צווייטע הענגען אָב פֿון זיין ווילען, קענען זיי פֿאַר קיין פֿאַל ניט בעווייזען זיין פֿרייהייט.

נון, זאָגט מען אונז: ווען אַ מענש פּאַרוועט זיך למשל עטוואָס צו טהאָן אָדער ניט צו טהאָן, איז ער דען ניט פֿריי? ניין, ענטפֿער איך.

דער וואונש צו געווינען די וועט, צווינגט אייך צו טהאָן די געוויסע זאַך אָדער ניט. „און ווי, ווען אַ מענש ענטשליסט זיך צו פֿערלירען אַ וועט?" וועט אימיצער געווים פֿרעגען. דאַן, ענטפֿער איך, אַז דער וואָונש צו בעווייזען, אַז איהר זייט פֿריי, איז מעכטיגער ווי דער וואונש צו געווינען די וועטע, און דיזער גראַדע האָט אייך געצוואונגען אַזוי צו האַנדלען און ניט אַנדערש. אָבער, וועט איהר זאָגען, איך פֿיהל מיך פֿריי. דאָס איז נור אַן איינרעדעניש, וועלכע מען קען פערגלייכען מיט דער פֿליג אין דער פֿאַבעל, וועלכע זיצענדיג אויף דעם געזעם פֿון אַ שווערען וואָגען, בילדעט זיך איין, אַז זי העלפֿט מיט עטוואָס דעם לויפֿען פֿון וואָגען; דער מענש, וועלכער האַלט זיך פֿאַר פֿריי אין זיין אויסוואַהל, איז ווי אַ פֿליג, וועלכע זאָל זיך איינבילדען צו קענען בעוועגען די גאַנצע וועלט.

דאָס אינערליכע געפֿיהל, וועלכעס מאַכט אונז גלויבען אַז מיר זיינען פֿריי עטוואָס צו טהאָן אָדער ניט צו טהאָן, קומט נור פֿון זעלבסט-נאַרעריי. ווען מיר אונטערזוכען ווירקליך די אמת'ע אורזאַכען פֿון אונזערע האַנדלונגען, געפֿינען מיר, דאָס זיי זיינען די נויטווענדיגע פֿאָלגען פֿון אונזערע ווינשע, וועלכע מיר האָבען קיינמאָל ניט אין אונזער מאַכט. איהר האַלט אייך פֿאַר פֿריי, ווייל איהר טהוט, וואָס איהר ווילט; אָבער זייט איהר דען פֿריי צו וועלען אָדער ניט צו וועלען? צו בעגעהרען אָדער ניט צו בעגעהרען? זיינען דען אייערע ווינשע ניט נויטווענדיגער ווייזע אַנגערעגט און אַרויסגערופֿען דורך אורזאַכען, וועלכע זיינען גאָר ניט אַבהענגיג פֿון אייך??

52.

דערפון דארף מען אבער ניט ציהען קיין שלום, אז די געזעלשאפט האט ניט קיין רעכט צו בעשטראפען די שלעכטע.

„ווען דער מענש האַנדעלט אימער געצוואונגענערהייט, ווען די מענשען זיינען ניט פֿריי, טו מיט וועלכען רעכט בעשטראָפֿט די געזעלשאַפֿט די שלעכטע, די פֿערברעכער? און איז עס דען ניט זעהר אונגערעכט צו בעשטראָפֿען וועזענס, וועלכע קענען ניט זיין אַנדערש"? אַזוי קען אונז מאַנכער פֿרעגען. דער תירוץ איז אָבער, ווען די שלעכטע מענשען האַנדלען אַזוי, ווי זיי קענען, האַנדעלט אויך אַזוי די געזעלשאַפֿט, בעשטראָפֿענדיג זיי, נור ווי זי קען. זי טהוט עס אוים דעם אויפֿגעצוואונגענעם וואונש זיך זעלבסט צו ערהאַלטען. געוויסע זאַכען פֿערשאַפֿען אונז אַ געפֿיהל פֿון שמערץ, דאַרום צווינגט אונז אונזער נאַטור צו האַסען דיזע זאַכען און זיי צו פֿערניכטען. אַ טיגער, געטריבען פֿון הונגער, פֿאַלט אָן אויף'י מענשען, וועלכען ער וויל אויפֿפֿרעסען. דער טיגער פֿאָלגט

נור זיין נאַטור, אָבער ווען דער מענש שיצט זיך פֿון איהם און דער־שיסט איהם, טהוט ער ווידער נור דאָסועלבע, צו וואָס זיין נאַטור צווינגט איהם.

53.

די ארגומענטען פאר דעם פרייען ווילען ווידערלייגט.

„ווען אַלעס איז אונטערוואָרפֿען דער נויטוועגדיגקייט, מוזען דאָך די אידעען און ווינשע פֿון די מענשען זיין אַזעלכע ווי זיי זיינען, טו וואַ־רום שטרעבען זיי זיי אויסצובעסערען? דאָס איז דאָך אומזיסטיגע אַרבייט?"

די טעות'ן פֿון די מענשען זיינען די נויטוועגדיגע פֿאָלגען פֿון זייער אונוויסענהייט. זייער אונוויסענהייט, זייער איינגעשפּאַרטקייט, זייער לייכטגלויביגקייט זיינען די נויטוועגדיגע פֿאָלגען פֿון זייער מאַנגעל אין ערפֿאַהרונג, זייער נאַבלעסיגקייט, זייער אויבערפֿלעכליכער דענקען פּונקט ווי דער פֿיבער און די פֿערשלאָפֿענקייט זיינען פֿאָלגען פֿון גע־וויסע קראַנקהייטען. די וואַהרהייט, ערפֿאַהרונג, נאָכדענקען, פֿערנונפֿט זיינען די בעסטע מיטעל אויסצוהיילען דעם פֿאַנאַטיזמוס און די נאַריש־קייט, פּונקט ווי אייז צום קאָפּ איז גוט פֿאַר אַ פֿיבער. אָבער, פֿרעגט איהר, וואַרום מאַכט ניט דיזע וואַהרהייט איהר ווירקונג אויף אַזוי פֿיעל קראַנקע קעפּ? דאַרום, ווייל עס זיינען דאָ פֿיעלע קראַנקהייטען, פֿאַר וועלכע עס איז קיין רפואה ניטאָ; ווייל עס איז אונמעגליך צו היילען איינגעשפּאַרטע קראַנקע, וועלכע ווילען ניט נעהמען די פֿערשריבענע מעדיצין; דאַרום, ווייל עס איז די אינטערעסע פֿון אייניגע מענשען ניט צו צולאָזען, אַז מענשען זאָלען אויסגעקורירט ווערען פֿון זייער קראַנקהייט.

אַן אורזאַכע ברייננט נור דאַן איהר ווירקונג, ווען זי ווערט ניט געשטערט פֿון מעכטיגערע אורזאַכען. עס איז אונמעגליך צו מאַכען אַ פֿאַנאַטישען מענשען אָננעהמען די בעסטע אַרגומענטען, ווייל ער הערט זיי גאָר ניט; אָבער עס איז נויטווענדיג, דאָס די וואַהרייט זאָל אַרויס־רייסען פֿון זייערע טעות'ן אַלע עהרליכע מענשען, וואָס זוכען די וואַהר־הייט. די וואַהרהייט איז אַן אורזאַכע. זי ברייננט אַרויס נויטוועגדיג איהר ווירקונג, ווען זי ווערט ניט ג׳שטערט דורך אַנדערע אורזאַכען, וועלכע האָבען צוליעב געוויסע גרינדע דערווייל נאָך מעהר מאַכט איבער'ן מענשען, ווי די וואַהרהייט.

54.

דער מענש איז ניט פריי אין זיין ווילען, אפילו נאך די לעהרען פון דער טהעאלאגיע גופא.

וואָלטען די טהעאָלאָגען מיט זיך אַליין ניט געשטאַנען אין אייביגען ווידערשפּרוך, וואָלטען זיי געמוזט צוגעבען, דאָס נאָך זייערע אייגענע

השערות קען דער מענש ניט פֿאַר איין אויגענבליק בעטראַכט ווערען אַלס פֿריי. זאָגען זיי דען אַליין ניט, דאָס דער מענש איז זיין גאַנצען לעבען אַבהענגיג פֿון גאָט? איז מען דען פֿריי, ווען דורך א קאַפּריז פֿון דיזען ערהאַבענעם ווילען הערט מען אויף צו עקזיסטירען? ווען גאָט האָט בע־שאַפֿען דעם מענשען פֿון גאָרנישט; ווען גאָט הערט ניט אויף אַכטונג צו געבען אויף זיין בעשעפֿענים; ווען אַלעס, וואָס פּאַסירט מיט איהם, איז נור אַ פֿאָלגע פֿון דעם געטליכען ווילען; ווען דער מענש פֿון זיך אַליין קען גאָר ניט טהאָן; ווען אַלעס, וואָס פּאַסירט מיט איהם, איז די ווירקונג פֿון דעם געטליכען ווילען; ווען ער קען ניט טהאָן דאָס מינ־דעסטע גוטע אָהן די גנאַדע פֿון הימעל — טו ווי קען מען דאַן בע־הויפּטען, אַז דער מענש אפילו פֿאַר איין מינוט פֿון זיין לעבען געניסט אירגענד וועלכע פֿרייהייט? ווען גאָט וואָלט ניט אונטערשטיצט דעם מענשען אין דעם מאָמענט, ווען ער זינדיגט, טו ווי וואָלט ער געקענט זינדיגען? און ווען גאָט לאָזט איהם דאַן לעבען, צווינגט ער דאָך איהם צו זינדיגען.

55.

אלע שלעכטס, אלע אונארדנונגען, אלע זינד קענען נאר צוגע־שריבען ווערען צו גאָט; און פאלגליך האט ער קיין רעכט ניט צו בעשטראפען אדער בעלוינען.

מען פֿערגלייכט אימער די גאָטהייט מיט אַ קעניג, געגען וועלכען די מענשען זיינען רעבעלישע אונטערטהאַנען. און מען בעהויפּטעט, דאָס ער האָט דאָס רעכט צו בעלוינען די אונטערטהאַנען, וועלכע בלייבען איהם טריי און צו בעשטראָפֿען די, וועלכע זיינען ווידערשפּענסטיג. דיזער פֿערגלייך איז אין קיין הינזיכט ניט ריכטיג. גאָט קירעוועט אַ מאַשינע, וועמעס אַלע רעדער ער האָט אַליין געשאַפֿען. דיזע רעדער בעוועגען זיך נור אַזוי, ווי ער האָט זיי געמאַכט. מען דאַרף נור בעשולדיגען זיין אונ־געשיקטקייט, ווען דיזע רעדער טראָגען ניט ביי צו דער האַרמאָניע פֿון דער מאַשין, אין וועלכע ער האָט זיי אַזוי שלעכט אַריינגעפּאַסט. גאָט איז אַ בעשאַפֿענדער קעניג, וועלכער האָט פֿאַר זיך בעשאַפֿען אַלערליי סאָרטען פֿון אונטערטהאַנען, וועלכער האָט זיי געבילדעט נאָך זיין איי־גענעם שכל, און וועמעס ווילען קיינער קען ניט ווידערשטעהן. ווען גאָט האָט אין זיין קעניגרייך רעבעלישע אונטערטהאַנען, איז דאָס געוועזן נאָך דעם ווילען פֿון גאָט צו האָבען אַזעלכע. ווען די זינד פֿון די מענשען צושטערען די אָרדנונג פֿון דער וועלט, פּאַסירט עס דאָך מיט גאָט'ס ווילען.

קיינער האָט ניט דעם מוטה צו צווייפלען אין גאָט'ס גערעכטיגקייט און דאָך געפינט מען אונטער דער הערשאַפט פון אַ גערעכטען גאָט נור אונגערעכטיגקייט און געוואַלטיגע עולות. די געוואַלט ענטשיידעט דעם שיקזאַל פון נאַציאָנען. די גערעכטיגקייט שיינט צו זיין פערטריבען פון דער ערד. אַ קליינע צאָהל מענשען טרייבט אונגעשטראָפט איהר בייזען שפיעל מיט דער רוהע, דעם גליק, דער פרייהייט און דעם לעבען פון אַלע אַנדערע. אַלעס איז אין אונאָרדנונג אין אַ וועלט, וועלכע ווערט רעגירט פון אַ גאָט, פון וועלכען מען זאָגט, אַז איהם געפעלט ניט דיזע אָרדנונג.

56.

די תפלות פון די מענשען צו גאָט איז אַ געניגענדער בעווייז, דאַס זיי זיינען ניט צופרידען מיט זיין געטליכען סדר.

און כאָטש די מענשען הערען ניט אויף צו לויבען די חכמה, די גוטסקייט, די גערעכטיגקייט, די טהייערע אָרדנונג, זיינען זיי דאָך אין דער אמת'ען קיינמאָל ניט צופרידען דערמיט. בעווייזען דאָך זייערע תפילות, וועלכע זיי שיקען אייביג צום הימעל, דאָס זיי זיינען פאַר קיין פאַל ניט צופרידען מיט דער אָרדנונג אויף דיזער וועלט; אַז ניט, וואָס וואָלטען זיי אַזוי פיעל תפילה געטהאָן? בעטען ביי גאָט הייסט צו האָבען מיסטרויען אין זיין גוטסקייט און חכמה; ד. ה. צו גלויבען, אַז אָהן די תפילות וואָלט ער ניט געטהאָן אַ זאַך, וואָס ער בעדאַרף טהאָן, אָדער עטוואָס, וואָס אַ גערעכטער און קלוגער גאָט דאַרף ניט טהאָן. בעטען ביי גאָט מיינט זיך צו ווענדען צו דעם, וואָס האָט אייך געמאַכט שמערצען, ער זאָל אייך פון זיי בעפרייען.

דער אָפטימיסט אָדער דער, וועמעס מיינונג איז, דאָס אַלעס איז גוט און אויסגעצייכענט אין דיזער וועלט, און וועלכער שרייט צו אונז, דאָס מיר לעבען אין דער בעסטער פון אַלע וועלטען, וואָלט, ווען ער וואָלט געווען לאָגיש און קאָנזעקווענט קיינמאָל ניט בעדאַרפט בעטען, און נאָך וויניגער האָט ער בעדאַרפט וואַרטען אויף אַן אַנדער וועלט, אין וועלכער דער מענש וועט זיין גליקליכער. קען עס דען געבען אַ בעסערע וועלט ווי די בעסטע?

מאַנכע טהעאָלאָגען האָבען ערקלעהרט דיזע אָפטימיסטען אַלס אפיקורסים, ווייל נאָך זייער לעהרע קומט אויס, אַז גאָט האָט ניט גע־קענט בעשאַפען קיין בעסערע וועלט, ווי די, אין וועלכער מיר לעבען. נאָך דער מיינונג פון דיזע רעליגיאָנס־געלעהרטע איז עס אַ בעליידיגונג פאַר גאָט, ווען מען ערקלעהרט, אַז עס איז דאָ עטוואָס, וואָס ער קען ניט טהאָן, אַז זיין מאַכט איז בעשרענקט. זעהען אָבער דיזע טהעאָלאָ־

גען ניט איין, אַז עס איז אַ פיעל קלענערע בעליידיגונג פאַר גאָט צו זאָגען, אַז ער האָט געשאַפען דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקענט, איידער צו זאָגען, דאָס ער האָט געקענט בעשאַפען אַ בעסערע וועלט, נור אויס זיין שלעכטסקייט האָט ער בעשאַפען אַזאַ נידערטרעכטיגע וועלט? ווען דער אָפּטימיסט, ערקלעהרענדיג, אַז גאָט האָט געשאַפען דאָס בעסטע, בעשרענקט ער זיין מאַכט, איז דער טהעאָלאָג, וואָס זאָגט, אַז גאָט האָט געקענט בעשאַפען בעסערעס, אַליין אַ גאָטס־לעסטערער, מאַכענדיג דעם אַלמעכטיגען גאָט פאַר אַזוי בייז און שלעכט.

57.

די „יענע וועלט" איז אַ חלום.

ווען מיר בעקלאָגען זיך אויף אונזערע צרות אויף דיזער וועלט, צייגט מען אונז אָן אויף אַן אַנדערע. מען זאָגט אונז, אַז דאָרט וועט אונז גאָט בעלוינען פאַר די אַלע צרות, וואָס מיר האָבען זיך אָנגעליטען אויף דיזער וועלט. אָבער ווער גאַראַנטירט אונז, אַז דאָס איז אַזוי? דער־זעלבער גאָט, וואָס קען דולדען אַזוי פיעל אונגערעכטיגקייט אויף דיזער וועלט, וואָרום זאָל ער דאָסזעלבע ניט טהאָן אויף יענער וועלט?

מען טרייסט אונז פאַר אונזערע ליידען זאָגענדיג צו אונז, דאָס גאָט איז געדולדיג, דאָס ער וואַרט לאַנג און בעצאָהלט זיכער. זעהט מען אָבער ניט איין, אַז עס פאַסט זיך גאָר ניט צו זאָגען אויף אַן אַלמעכ־טיגען, גערעכטען גאָט, דאָס ער איז געדולדיג? ווי קען אַ גערעכטער גאָט צולאָזען כאָטש פאַר איין אויגענבליק, אַז אַן אונגערעכטיגקייט, אַן אומזיסטער ליידען זאָל אים צען פאַסירען? איבערצולאָזען אַן אונגליק, וועלכען מען קען אָבשאַפען, צייגט אָדער שוואַכקייט אָדער איינפער־שטענדניס. צו דולדען דאָס שלעכטע, ווען מען קען דאָס אָבשאַפען, מיינט אויפצוהאַלטען דאָס שלעכטע.

איך הער אַ מענגע טהעאָלאָגען שרייען, אַז גאָט איז טאַקי גע־רעכט אָהן אַ ברעג, נור זיין גערעכטיגקייט איז ניט אַזעלכע, ווי די פון די מענשען. אָבער וואָס פאַר אַ סאָרט גערעכטיגקייט איז דאָס? וואָס פאַר אַן אידעע קען איך זיך מאַכען פון דיזער גערעכטיגקייט, וועלכע איז אַזוי אָפט עהנליך צו דער מענשליכער אונגערעכטיגקייט? הייסט עס דען ניט צו צוטומלען אַלע אונזערע בעגריפע פון רעכט און אונרעכט, ווען מען זאָגט אונז, אַז דאָס וואָס איז ביי גאָט גערעכט, איז ביי זיינע בעשעפעניסע אונגערעכט? ווי קען מען זיך נעהמען אַ וועזען צו אַ מוסטער, וועמעס פאָלקאָמענהייטען זיינען גראַדע דער היפוך פון די מענשליכע? גאָט, זאָגט איהר, איז דער אונבעגרענצטער הערר־שער איבער אונזער מזל; זיין גרויסע מאַכט בערעכטיגט איהם זיינע בעשעפעניסע אַזוי צו מאַכען, ווי ער האַלט עס אַם בעסטען. אַן ערד־

וואָרם, ווי דער מענש, האָט ניט זאָגאַר דאָס רעכט אַ פּיפּס צו טהאָן געגען דעם; דיזער טאָן איז דערזועלבער, וועלכען אַלע טיראַנען געברויכען, ווען זיי ווילען פֿערשטאָפּען די מיילער פֿון די, וועלכע ליידען אונטער זייער טיראַניי. דאָס קען ניט זיין די שפּראַכע פֿון אַ דינער פֿון גאָט, וועמעס גערעכטיגקייט מען לויבט אַזוי. זי איז ניט אַזאַ שפּראַך, וואָס זאָל אַרויסרופֿען רעספּעקט ביי אַ דענקענדען וועזען. איהר דינער פֿון אַ גערעכטען גאָט, איך זאָג אייך, אַז די העכסטע געוואַלט קען גאָט ניט געבען דאָס רעכט צו זיין אויף דאָס מינדעסטע גרויזאַם און אונגערעכט געגען זיינע בעשעפֿעניסע. אַ דעספּאָט איז קיין גאָט. אַ גאָט וואָס ערלויבט זיך צו טהאָן שלעכטעס, איז אַ טיראַן, און ער קען ניט דינען אַלס מוסטער פֿאַר דעם מענשען, ער מוז אין זייערע אויגען זיין אַן אָבשייליכער וועזען.

איז עס ניט זאָנדערבאַר, דאָס ווען מען וויל גאָט פֿערטהיידיגען, מוז מען איהם דורך דיזע פֿערטהיידיגונג סטעמפּלען פֿאַר דעם שלעכטסטען וועזען אויף דער וועלט? ווען מען הויבט זיך נור אָן בעקלאָגען איבער זיינע מעשים, וויל מען אונז גלייך צומאַכען דעם מויל דערמיט, וואָס מען ערקלעהרט, דאָס „גאָט איז דער הערר”, וואָס דאָס מיינט, אַז גאָט, וועלכער איז דער שטאַרקסטער, איז ניט אונטערוואָרפֿען אונטער די געוועהנליכע געזעצען און רעגעלען. אָבער דאָס רעכט פֿון דעם שטאַרקסטען מיינט די פֿערניכטונג פֿון דעם בעגריף פֿון רעכט. נור בלינדע קענען גלויבען, אַז דעם טיראַן איז אַלעס ערלויבט.

הערען מיר דען ניט, אין מיטען פֿון די גרעסטע ליידען, די פֿרומע זאָגען, דאָס דער ליעבער גאָט איז דער הערר? אַלזאָ, איהר נאַרישע פֿלוידערזעק, גלויבט איהר דען ווירקליך, אַז דער ליעבער גאָט שיקט אויף אייך די פּעסט, אַז דער ליבער גאָט איז די אורזאַכע פֿון דער הונגערנויטהה, מיט איין וואָרט, דאָס דער גוטער גאָט, ניט אויפֿהערענדיג גוט צו זיין, האָט דעם ווילען און דאָס רעכט אָנצושיקען אויף אייך די גרעסטע צרות, וועלכע איהר קענט נור אויסשטעהן און פֿיהלען! הערט ווענינגסטענס אויף צו רופֿען אייער גאָט גוט, ווען ער טהוט אייך נור בייז. זאָגט ניט, דאָס ער איז גערעכט; זאָגט, דאָס ער איז דער שטאַרקערער, און דאָס עס איז אייך אונמעגליך אויסצומיידען די קלעפּ, וועלכע ער דערלאַנגט אייך צוליעב זיין קאַפּריז.

גאָט, וועט איהר זאָגען, בעשטראָפֿט אונז נור פֿאַר אונזער טובה. אָבער וואָס פֿאַר אַ טובה קען האָבען אַ פֿאָלק, וועלכעס ווערט פֿערניכטעט פֿון די פּעסט און מלחמה, ווען עס ווערט אימער געהאַלטען אונטער דעם אייזערנעם דרוק פֿון טיראַנען? די אויגען פֿון גלויבען מוזען זאָנדערבאַרע אויגען זיין, ווען זיי זעהען נאָר אַ טובה אין די אַלע אונגליקען, וועלכע פּלאָגען די מענשהייט.

58.

אלעס, וואס ווערט דערצעהלט אין דער ביבעל און אין עוואנ־געליום וועגען יהוה, זיינען אזעלכע דומע און לעכערליכע ערפינדונגען, דאס זיי מאכען פון איהם אן אונגערעכטען און בארבארישען גאט.

וואָס פֿאַר אַ מאָדנע אידעען מוזען עס האָבען די קריסטען פֿון גאָט, ווען זיי גלויבען, אַז גאָט, אום צו ווערען שלום מיט די מענשען, וועלכע זיינען געווען שולדיג, ניט וויסענדיג די זינד פֿון זייערע עלטערן, האָט מקריב געווען זיין אייגענעם אונשולדיגען זוהן! וואָס וואָלטען מיר געהאַלטען פֿון אַ קעניג, וועמעס אונטערטהאַנען האָבען אָנגעהויבען צו רעבעלירען געגען איהם, אום זיך אַליין לייכטער צו מאַכען, וואָלט פֿעראורטהיילט צום טויט דעם יורש פֿון זיין קרוין, וועלכער האָט קיין אַנטהייל ניט גענומען אין דער רעוואָלוציאָן? דער קריסט וועט אויף דעם ענטפֿערן, דאָס גאָט האָט איינגעוויליגט אויף דעם גרויזאַמען טויט פֿון זיין זוהן אויס גוטסקייט צו זיינע אונטערטהאַנען, וועלכע זיינען אַליין מיט זייערע נאַטורען ניט אימשטאַנד צו בעפֿרידיגען זייערע גערעכטיג־קייטס־געפֿיהלען. אָבער די גוטסקייט צו פֿרעמדע גיט נאָך קיין רעכט ניט אַ טאַטען צו האַנדלען אונגערעכט און באַרבאַריש געגען זיין אייגענעם זוהן.

האָט אָבער דער איד פֿערנינפֿטיגערע אידעען פֿון דער געטליכקייט, ווי דער קריסט? אַ קעניג וועקט אויף דורך זיין שטאָלץ גאָט׳ס צאָרן, און יהוה שיקט אָן די פעסט אויף זיין אונשולדיג פֿאָלק. זיבעציג טויזענד אונטערטהאַנען ווערען אויסגעשלאַכטעט, אום צו בעשטראָפֿען דעם פֿעהלער פֿון איין מאָנאַרך, וועמען גאָט׳ס גוטסקייט האָט בעשלאָסען צו שאַנעווען.

און דאָך, טראָץ די אַלע שרעקליכע און באַרבאַרישע טהאַטען, וועלכע אַלע רעליגיאָנען טרייען אַרויפֿצוואַרפֿען אויף גאָט, קענען זיך די מענשען ניט ענטשליסען צו אורטהיילען איהם נאָך זיינע מעשים נאָך. זיי האָבען מורא, דאָס אפשר איז ער עהנליך צו די טיראַנען פֿון אונזער וועלט און ער קען נאָך ווערען שטאַרק בייז, ווען מען וועט אויף איהם זאָגען דעם אמת; זיי האָבען מורא, אַז ער זאָל געגען זיי ניט אויספֿיהרען נאָך פֿיעל ערגערע, גרויזאַמערע שטוקעס. זיי הערען זיך דאַרום צו צו זייערע פריסטער, וועלכע דערצעהלען זיי, אַז גאָט איז אַ צערטליכער פֿאָטער, דאָס ער איז אַ גערעכטער מאָנאַרך, וועמעס צוועק אויף דיזער וועלט בעשטעהט אין דעם, צו פֿערזיכערן זיך מיט דער

ליעבע און אַכטונג פֿון זיינע אונטערטהאַנען, און דאָס ער לאָזט זיי נאָר דאַרום פֿריי האַנדלען, אום זיי צו געבען די געלעגענהייט צו געפֿינען חן אין זיינע אויגען און פֿערדיענען פֿאַר זיך אַן אייביגען גליק, וועלכען ער איז גאָר ניט מחויב זיי צו געבען.

דורך וואָס פֿאַר בעווייזע קענען די מענשען דערקענען די צערט־ליכקייט פֿון אַ פֿאָטער, וועלכער האָט נור דאַרום געשיינקט דעם לעבען די מעהרצאָהל פֿון זיינע קינדער, כדי זיי זאָלען פֿיהרען אויף דיזער ערד אַ לעבען פֿול צרות און זאָרג? איז דען דאָ אַן ערגערע, אַ גיפֿטיגערע מתנה, ווי דיזע כלומרשט'דיגע פֿרייהייט, וועלכע גיט נור די מענשען די געלעגענהייט איהר צו מיסברויכען און דאַדורך זיך מאַכען אונגליקליך אויף אייביג?

צו וואָס פֿאַר אַ גרויזאַמען און שוידערליכען שפיעל צווינגט דען ניט גאָט די מענשען מיט דעם, וואָס ער האָט זיי געשיינקט דאָס לעבען? אַריינגעוואָרפֿען אין דיזער וועלט אָהן זיין איינשטימונג, בעגאַבט מיט אַ טעמפעראַמענט, וועלכען זיי קענען ניט בעהערשען, אויפֿגערעגט דורך ליידענשאַפֿטען און ווינשע, וועלכע זיינען אַ טהייל פֿון זייער נאַטור; אונטערוואָרפֿען צו פֿאַסטקעס, וועלכע זיי זיינען ניט ביכולת אויסצומיידען, געטראָגען פֿון צופֿעלע און פֿאַסירונגען, וועלכע זיי קענען ניט פֿאָראויס־זעהן און ניט אומענדערן — זיינען דיזע אומגליקליכע מענשען געצוואונגען צו פֿיהרען אַ לעבען, פֿאַר וועלכען זיי ווערען נאָך אָם ענדע שרעקליך בעשטראָפֿט. איז דאָס ניט די העכסטע גרויזאַמקייט?

רייזענדע דערצעהלען, דאָס אין אַ געוויסען טהייל פֿון אַזיען רעגירט אַ סולטאַן, וועלכער האָט ליעב צו טרייבען מערקווירדיגע פֿאַנטאַסטישע שפאַסען מיט זיינע אונטערטהאַנען. איינער פֿון די פֿיעלע איז אַזאַ מין סאָרט: ער זיצט לעבען אַ טיש, אויף וועלכען עס זיינען דאָ זעקס ביינדלעך מיט אַ בעכער. איין זייט פֿון טיש איז בעדעקט מיט גאָלד־שטיקער, אום אויפֿצורעגען דעם גאָלד־דורשט פֿון זיינע האָפֿלייט און זיינע אונטערטהאַנען, וועלכע זיינען אַרום איהם. ער קען די שוואַכקייט פֿון זיינע אונטערטהאַנען און רעדט צו זיי אַזוי צו זאָגען: „שקלאַווען, איך וויל אייער בעסטעס. עס איז מיין וואונש אייך רייך צו מאַכען און זעהן אייך אַלע גליקליך. זעהט איהר דיזען אוצר? נון, ער איז אייערער, טרייט איהם צו געווינען. מעג יעדער נאָך דער רייהע נעהמען אין האַנד דיזען בעכער מיט די ביינדלעך, און דער וואָס האָט דאָס גליק צו וואַרפֿען דעם צאָהל זעקס, דעם געהערט דער גאַנצער אוצר. אָבער איך זאָג אייך פֿאָראויס, דאָס יעדער, וואָס וועט ניט וואַרפֿען דעם פֿערלאַנגטען צאָהל, דער וועט אַריינגעוואָרפֿען ווערען אין קערקער, וואו, מיין גערעכטיגקייט

פֿאָדערט עס, ער זאָל פֿערברענט ווערען מיט אַ לאַנגזאַמען פֿייער.״ נאָך דיזער רעדע פֿון דעם מאָנאַרך שטעהען אַלע ווי פֿערשטיינערטע און קיינער וויל זיך ניט אונטערוואַרפֿען די געפֿאַהר פֿון אַזאַ שטראָף, טאָמער וועט ער ניט טרעפֿען. דאַן זאָגט דער דערצאָרנטער מאָנאַרך: „וואָס, קיינער שטעלט זיך ניט איין צו וואַרפֿען? אָבער דאָס וויל איך ניט! מיין עהרע פֿאָדערט, דאָס איהר זאָלט יאָ שפּיעלען. איהר וועט אַלזאָ יאָ שפּיעלען, און איהר מוזט מיר פֿאָלגען.״ ס׳איז נויטיג צו בעמערקען, דאָס די ביינדלעך פֿון דעם דעספּאָט זיינען אַזוי געמאַכט, דאָס אונטער הונדערט טויזענד שפּיעלער קען אפשר איינער געווינען, און אַזוי האָט דער מאָנאַרך דעם גרויסען פֿערגניגען אימער צו האָבען זיין געפֿענגנים גוט אָנגעפּאַקט, און זיינע רייכטהימער נעהמט זעלטען ווער צו.

מענשען! דיזער סולטאַן איז אונזער גאָט; דיזער אוצר איז דער הימעל, זיין קערקער איז די העללע, און איהר האָט צו וואַרפֿען, איהר מוזט וואַרפֿען...

מען הערט אונז ניט אויף צו זאָגען, דאָס מיר זיינען שולדיג דער השגחה אונענדליכע דאַנקבאַרקייט פֿאַר די פֿיעלע טובות, וועלכע זי גיסט אויס אויף אונז. איבערהויפּט האַלט מען אין איין לויבען דעם גליק פֿון לעבען. אָבער אַך! וויפֿיעל מענשען זיינען עס דאָ, וואָס זיינען צופֿרידען מיט זייער אַרט לעבען? ווען דער לעבען גיט אונז אַמאָל פֿערגניגען, טאָ מיט וויפֿיעל שמערצען איז עס אויסגעמישט? איז ניט אָפֿטמאָל איין גרויסער שטאַרקער שמערץ געניגענד, מיט איין קלאַפּ צו צושטערען דאָס רוהיגסטע, דאָס פֿרידליכסטע לעבען? זיינען דען דאָ פֿיעלע מענשען, וועלכע, ווען עס וואָלט זיך געווענדט אָן זיי, וואָלטען איינגעוויליגט אָנ-צופֿאַנגען אַזאַ לעבען אויף׳ס ניי אונטער דיזעלבע בעדינגונגען, אין וועלכע מען האָט זיי אַריינגעשליידערט אָהן זייער ווילען?

איהר זאָגט, אַז שוין דאָס עקזיסטירען אַליין אַן און פֿיר זיך איז אַ גרויסע ברכה. אָבער איז דען ניט דיזער עקזיסטירען, פֿערדונקעלט און געשטערט דורך זאָרג, דורך מורא, דורך קראַנקהייטען, וועלכע זיינען אָפֿט שרעקליך און וועלכע מען האָט גאָר ניט פֿערדיענט? איז דען ניט אונזער עקזיסטענץ אימער אין געפֿאַהר זיך צו ענדיגען מיט איינעם פֿון די גרעסטע אונגליקען? און זעהר וויניג מענשען זיינען דאָ, וועלכע האָבען ניט געטרונקען פֿון דיזען ביטערן בעכער פֿון אונגליק; אַ קליין הייפֿעלע גיט עס, וועלכע האָבען זיך אָפֿט ניט געוואונשען דעם טויט. און דערצו נאָך איז אונזער עקזיסטירען אָדער ניט-עקזיסטירען ניט פֿון אונז אָבגעהאַנגען. וועט דען דער פֿויגעל פֿיעל דאַנק שולדיג זיין דעם פֿויגעל-פֿאַנגער, וועלכער האַלט איהם אין אַ שטייגעל, און וועלכער וועט

איהם אויפֿעסען נאָכדעם, ווי ער וועט זיך האָבען מיט איהם גענוג אָנגעשפּיעלט ?

59.

די בעהויפּטונג, דאס דער מענש איז גאָט'ס ליעבלינג, איז א נארישקייט.

אונגעאַכטעט אויף די אַלע ליידען, וואָס דער מענש האָט אויסצוּשטעהן אין לעבען, דאָך האָט ער זיך איינגערעדט, אַז ער איז גאָט'ס ליעבלינג, און דאָס נור איהם אַליין האָט גאָט אין זינען. ער בילדעט זיך איין, דאָס דער גאַנצער וועלט-אַל איז פֿאַר איהם געמאַכט; ער רופֿט זיך מיט חוצפה „דער קעניג פֿון דער נאַטור" און ער פֿיהלט זיך העכער פֿון אַלע חיות. אָרימער מענש! ווי אַזוי קענסט דו בעגרינדען דיין גרויסען יחוס? דו רעדסט פֿון דיין שכל, פֿון דיינע פֿעהיגקייטען, וועלכע מאַכען דיך צום הערשער פֿון דיזער וועלט. אָבער דו שוואַכער הערשער פֿון דיזער וועלט, ביסט דו דען פֿאַר איין מאָמענט זיכער מיט דיין הערשאַפֿט? זיינען דען ניט די קלענסטע אַטאָמען פֿון דער מאַטעריע, וועלכע דו פֿעראַכטעסט אַזוי, גענוג אַוועקצונעהמען ביי דיר דיין טהראָן און דיין לעבען צוזאַמען? ענדליך, ווערט דען ניט דער קעניג פֿון דער נאַטור שפּייז פֿאַר די ווערים?

דו רעדסט צו אונז פֿון דיין נשמה. אָבער ווייסט דו, וואָס איז די פֿעראייניגונג פֿון אַלע דיינע אָרגאַנען, פֿון וועלכע דיין לעבען בעשטעהט?

קענסט דו דען אָבלייקענען אַ זעעלע ביי אַלע אַנדערע חיות, וועלכע פּונקט ווי דו, לעבען, דיינקען, אורטהיילען, פֿערגלייכען, זוכען דאָס פֿערגניגען און אַנטלויפֿען פֿון ליידען, און וועלכע בעזיצען מאַנכעסמאָל אָרגאַנען, וועלכע זיינען זיי פֿיעל ניצליכער, ווי דיר דיינע? דו בעריהמסט זיך מיט דיינע פֿעהיגקייטען, אָבער מאַכען דיר דען דיזע פֿעהיגקייטען, מיט וועלכע דו שטאָלצירסט אַזוי, גליקליכער ווי די אַלע אַנדערע בעשעפֿניסע? געברויכסט דו אָפֿט דיין שכל, מיט וועלכען דו שטאָלצירסט אַזוי? האָט דיר דען דיין רעליגיאָן ניט פֿערוועהרט צו פֿערלאָזען זיך אויף דיין שכל? זיינען דען די חיות, וועלכע דו פֿעראַכטעסט, ווייל זיי זיינען ניט אַזוי כיטע ווי דו, געפּלאָגט פֿון אַזוי פֿיעל זאָרג, האַרצוועהטאָג פֿון טויזענדע איינגערעדטע ליידענשאַפֿטען, פֿון טויזענדע איינגעבילדעטע בעדירפֿניסע, ווי דו ביסט עס? ווערען זיי ווי דו, געפּלאָגט פֿון דער פֿערגאַנגענהייט? האָבען זיי ווי דו, מורא פֿאַר דער צוקונפֿט? לעבענדיג נור אין דער געגענוואַרט, דאָס וואָס דו רופֿסט ביי זיי „אינסטינקט", און דאָס וואָס איך רוף אינטעליגענץ, איז דען דאָס ניט

געגוג אום זיי צו האלטען ביין לעבען, פערטהיידיגען זיי און זארגען פאר זייערע בעדירפניסע? איז דען דיזער אינסטינקט, פון וועלכען דו רעדסט מיט אזא פעראכטונג, ניט אפטמאל פון גרעסערן נוצען פאר זיי, ווי אלע דיינע גרויסע פעהיגקייטען פאר דיר? איז דען פאר זיי ניט פיעל בעסער זייער פרידליכע אונוויסענהייט, ווי אלע דיינע הויך-פליהענדע בעטראכטונגען און די נוצלאזע פארשונגען, וועלכע מאכען דיר אומ-גליקליך, און צוליעב וועלכע דו לאזט זיך אמאל הינרייסען צו ערמארדען די מיטגליעדער פון דיין אייגענעם מין? ענדליך, צי האבען דען די חיות, אזוי ווי פיעלע מענשען, א צושטערטע פאנטאזיע, וועלכע מאכט זיי ניט נור מורא האבען פאר'ן טויט, נאר אויך פאר די אייביגע מאטערנישען, וועלכע זיי גלויבען, דער טויט מוז ברייננגען מיט זיך?

ווען אויגוסטוס האט געהערט, דאס הורדוס, דער קעניג פון די אידען האט געלאזט ערמארדען זיינע אייגענע זיהן, האט ער אויסגערופען: „עס איז בעסער צו זיין הורדוס'ס חזיר, ווי זיינער א זוהן!" מען קען דאס זעלבע זאגען פון דעם מענשען אין אלגעמיין. דיזער ליעבלינג פון דער פארזעהונג איז אונטערוואָרפען פיעל גרעסערע געפאהרען, ווי אלע אנדערע חיות. גלויבט ער דען ניט, דאס נאכדעם ווי מיר האבען זיך שוין אזוי פיעל אנגעליטען אויף דיזער וועלט, זיינען מיר נאך אין געפאהר צו דארפען ליידען די צרות פון אן אייביגען גיהנום?

60.

א פערגלייך צווישען מענש און חיה.

וואו איז די ריכטיגע גרענעץ-ליניע צווישען די מענשען און די חיות? אין וואס אונטערשיידעט זיך דער מענש אייגענטליך פון די חיות, וועלכע ער רופט פיה? דורך זיין אינטעליגענץ, דורך די פעהיג-קייט פון זיין גייסט, דורך זיין פערשטאנד, זאגט מען, צייגט זיך דער מענש ארוים העכער פאר אלע אנדערע חיות. דיזע, זאגט מען, פאלגען נור זייערע חושים, אין וואס דער פערשטאנד האט זעהר א קליינעם חלק. דערפאר אבער קען דאך די חיה זעהר גוט אויסקומען אהן דעם פערשטאנד, ווייל איהרע בעדירפניסע זיינען פיעל וויינינגער אין צאהל. זייער אינסטינקט איז פאר זיי פאלשטענדיג גענוג, אום צו בעזארגען זיי מיט אלעם וואס זיי געברויכען, וועהרענד אבער ביין מענשען איז דער פערשטאנד ווייט ניט גענוג, אום ער זאל איהם מאכען זיין לעבען כאטש נור ערטרעגליך, אום ער זאל איהם פערשאפען די בעפרידיגונג פאר זיינע בעדירפניסע, וועלכע שטאמען פון זיין איינבילדונג, זיינע פאר-אורטהיילע און זיינע איינפיהרונגען.

די חיות ווערען ניט אויפגערעגט פון דיזעלבע זאכען, ווי דער מענש. ניט זיי האבען דיזעלבע בעדירפניסע און ניט דיזעלבע ווינשע און פאנטאזיען. די חיה ווערט שנעל צייטיג, עס איז אבער א זעלטענהייט צו זעהן א מענשען, וועמעס פעהיגקייטען זאלען זיין פאלשטענדיג רייף, און זיי זאלען איהם דיענען צו זיין אייגענעם גליק.

61.

עס זיינען ניטא קיין חיות אויף דער וועלט, וועלכע זאלען זיין עקעלהאפטער, ווי טיראנען און דעספאטען.

מען זאגט אונז, דאס די מענשליכע זעעלע איז א געגענשטאנד פאר זיך זעלבסט. ווען דאס וואלט אבער אזוי געווען, האט דיזעלבע זעעלע געדארפט זיין ביי אלע מענשען גלייך. אלע האבען געדארפט האבען די זעלבע גייסטיגע פעהיגקייטען; און דאך איז עס גאר ניט אזוי. די מענשען זיינען פונקט אזוי פערשידען אין זייערע גייסטיגע פעהיגקייטען, ווי אין זייערע פנים'ער. עס זיינען דא ווענעס אין דעם מענשליכען מין, וועלכע זיינען אזוי פערשידען איינע פון די אנדערע, ווי דער מענש איז פערשידען פון א פערד אדער פון א הונד. וואס פאר א גרויסע ווייטקייט עס איז דא צווישען דעם גייסט פון א לאקע, פון א ניוטאן און דעם גייסט פון א בויער, פון א האטענטאט אדער א לאפלענדער!

דער מענש אונטערשיידעט זיך נאר פון אנדערע חיות דורך זיין קערפער־בוי, וועלכער מאכט איהם פעהיג צו טהאן זאכען, וואס די חיות זיינען ניט אימשטאנד אויסצופיהרען. די פערשידענארטיגקייט, וועלכע מען געפינט אין די ארגאנען פון די מענשען, מאכט אונז קלאהר אויך דעם אונטערשייד, וואס עקזיסטירט צווישען זייערע גייסטיגע פעהיגקייטען. א העכערער אדער נידריגערער גראד פון פיינקייט אין דיזע ארגאנען, פון דער היציגקייט פון בלוט, פון דער שנעלקייט פון איהר צירקולאציאן, פון דער שטייפקייט אדער שוואכקייט פון די אדערן, מוזען נויטווענדיגער ווייזע ארויסברייננגען די פערשידענהייטען, וועלכע מיר בעמערקען אין די גייסטיגע פעהיגקייטען אין די מענשען. דורך איבונג, דורך געוואוינהייט, דורך ערציהונג, ענטוויקעלט זיך דער מענשליכער גייסט און ער הויבט זיך אויף איבער די ווענעס, וועלכע רינגלען איהם ארום.

דער מענש אהן די בילדונג פון גייסט און אהן די ערפאהרונג, איז פונקט אזא בריאה ווי די בהמה, וועמען עס פעהלט דער פערשטאנד און די פלינקקייט. א נאר איז דער מענש, וועמעס ארגאנען בעוועגען זיך לאנגזאם, וועמעס מארך מען קען נור מיט שוועריגקייט אויפוועקען, וועמעס בלוט פליסט זעהר לאנגזאם. א מענש פון גייסט איז דער, וועמעס

אָרגאַנען זיינען זעהר פֿלינק, וועלכער פֿיהלט שנעל, וועמעס מאַרך בעוועגט זיך לייכט; אַ געלעהרטער איז דער מענש, וועמעס אָרגאַנען און מאַרך האָבען זיך לאַנג געאיבט אויף די זאכען, וועלכע אינטערעסירען איהם און מיט וועלכע ער בעשעפֿטיגט זיך.

איז דען אויף אַזאַ אופן דער מענש אָהן בילדונג, אָהן ערפֿאַהרונג, אָהן פֿערשטאַנד ניט פֿיעל פֿערעכטליכער און דאַרף מען איהם ניט מעהר האַסען, ווי דעם קלענסטען וואָרים? איז דען דאָ אין דער נאַטור אַ העסליכערעס וועזען, ווי אַ טיבערוס, אַ נעראָן, אַ קאַליגולאַ? האָבען דען די זעעלען פֿון דיזע צושטערער פֿון דעם מענשליכען געשלעכט, וועלכע זיינען בעקאַנט אַלס בעזיעגער, עטוואָס מעהר ווערטה, ווי די זעעלע פֿון אַ בער, אַ לייב אָדער אַ פּאַנטהער? זיינען דען דאָ אויף דער וועלט העסליכערע חיות, ווי די טיראַנען?

די אָפֿטע ווילדע משונה'דיגע מעשים פֿון די מענשען פֿערניכטען באַלד אין די אויגען פֿון דער פֿערנונפֿט די מעלות, מיט וועלכע דער מענש בעריהמט זיך געגען אַנדערע וועזענס. וויפֿיעל מאָל צייגען אַרוים מאַנכע חיות מעהר גוטסקייט, איבערלייגטקייט און דיינקינגס־קראַפֿט, ווי די חיה, וועלכע האַלט זיך פֿאַר דעם קעניג איבער אַלע אַנדערע חיות! זיינען דען דאָ צווישען די מענשען, וועלכע זיינען אַזוי אָפֿט פֿערשקלאַפֿט און אונטערדריקט, אַזעלכע גוטע געזעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציאָנען, ווי צום ביישפיעל, ביי די מוראַשקעס, ביהנען אָדער די ביבער? זעהט מען אַמאָל זיך פֿערזאַמלען ווילדע חיות אויף אַ פֿעלד, אום צו פֿערניכטען איינע די אַנדערע? זעהט מען עפּעס ביי זיי עהנליכעס צו דאָס, וואָס איז ביי אונז אַ רעליגיאָנס־קריעג? די גרויזאַמקייט פֿון פֿיעלע חיות געגען אַנדערע מינים, איז נור די פֿאָלגע פֿון הונגער, פֿון דער בעדירפֿניס זאַט צו זיין. די גרויזאַמקייט פֿון מענש געגען מענש איז נור די פֿאָלגע פֿון גאוה, פֿון נאַרישען שטאָלץ פֿון זייערע הערען און פֿון זייער אייגענער פֿערפֿלוכטער נאַרישקייט.

די, וועלכע ווילען זיך איינבילדען אָדער ווילען אונז איינריידען, אַז אַלעס אין דיזער וועלט איז בעשאַפֿען פֿאַר'ן מענשען, קימען אין אַ גרויסע פֿערלעגענהייט, ווען מען פֿרעגט זיי, צו וואָס טויגען דעם מענשען די אַלע געפֿעהרליכע חיות, וועלכע מאַכען איהם דעם לעבען אַזוי ביטער? וואָס פֿאַר אַ נוצען האָט דער ליעבלינג פֿון גאָט — דער מענש — דערפֿון, ווען ער ווערט געביסען פֿון אַ גיפֿטיגע שלאַנג, געשטאָכען פֿון אַ מאָסקיטאָ און צוריסען פֿון אַ טיגער? וואָלטען דען ניט אַלע דיזע חיות געאורטהיילט פונקט אַזוי ריכטיג, ווי אונזערע טהעאָלאָגען, ווען זיי וואָלטען בעהויפּטעט שטייף און פֿעסט, אַז דער מענש איז גאָר פֿאַר זיי בעשאַפֿען?

62.

א מעשה׳לע פון די מזרח־לענדער.

ניט ווייט פון באַגדאַד האָט אַ געוויסער הייליגער דערוויש פערבראַכט רוהיג זיינע יאָהרען אין שטרייגנער איינזאַמקייט. אום ער זאָל פאַר זיי גאָט בעטען, פלעגען די אַרומיגע שכנים איהם ברייגנען טעגליך צו עסען און צו טרינקען. דער הייליגער האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו דאַנקען גאָט פאַר זיינע חסדים, וואָס ער טהוט מיט איהם. „אָה, אַללאַה", האָט אויסגעשריען דער הייליגער דערוויש, „ווי גרוים איז דיין גענאָד און דיין ליעבע צו די, וואָס דיענען דיר! וואָס האָב איך געטהאָן, אום צו פערדיענען אַזוי פיעל גוטסקייט? אָה, הערר פון די הימלען, פאָטער פון דער נאַטור, וועלכע שבחים, וועלכע תפלות זיינען גרוים און שטאַרק גענוג צו לויבען דיין גוטסקייט צו די מענשען?" און דורכגעדרונגען פון אַ געפיהל פון דאַנקבאַרקייט טהוט דער דערוויש אַ נדר צום זיבעטען מאָל צו געהן נאָך מעקקאַ.

דער קריעג, וועלכער איז יעמאָלט אָנגעגאַנגען צווישען די טערקען און די פערזער, האָט איהם ניט געקאָנט צוריקהאַלטען פון די אויספיהרונג פון זיין נדר. פול מיט פערטרויען אויף גאָט לאָזט ער זיך אַוועק אויף זיין רייזע. זיינע הייליגע קליידער שיצען איהם פון יעדע געפאַהר; מיט זייער הילף קומט ער דורך דורך דעם פיינדליכען לאַגער. ניט נור וואָס ער ווערט ניט בעלעסטיגט, נור פון די סאָלדאַטען פוןביידע פאַרטייען צייגט מען איהם אַרויס עהרע און אַכטונג.

ענדליך, שוואַך פון צופיעל וואַנדערן, זעהט ער זיך געצוואונגען צו זוכען שוץ געגען די שטראַהלען פון אַ ברענענדיגער זונן. ער געפינט דיזען שוץ אין דעם קיהלען שאָטען פון אַ גרופע פאַלמען־בוימער, וועמעס וואָרצלען ווערען בעוואַסערט פון אַ קלאָהרען טייך. אויף דיזען איינזאַמען פלאַץ, וואו די שטילקייט ווערט נור אונטערבראָכען דורך דעם רוישען פון טייכעל און דעם סוויסטשען פון די פויגעל, געפינט דער הייליגער דערוויש ניט נור אַ טהייערן פלאַץ צום אָברוהען, נאָר אויך אַ פרעכטיגען מאָהלצייט. ער דאַרף נור אויסשטרעקען די האַנד, אום אָבצורייסען טייטלען און אַנדערע טהייערע פרוכט. דער טייך גיט איהם די מיטעל צו שטילען זיין דורשט. דער גרינער גראָז, ווי אַ ווייכער קאַרפעט לאַדעט איהם איין זיך אויסצורוהען, און ער פאַלט אַריין אין אַ זיסען שלאָף.

נאָכדעם ווי ער כאַפט זיך אויף געהט ער זיך טובל זיין, ווי עס פאַסט פאַר אַ הייליגען דערוויש און רופט אויס אין ענטציקונג: „אָה, אַללאַה, ווי גרוים איז דיין גוטסקייט צו די מענשען־קינדער!"

געזעטיגט, געקרעפֿטיגט, פֿריש און מונטער געהט אונזער דערוויש זיין וועג. אַ לאַנגע צייט געהט ער דורך אַ שעהנע פֿרוכטבאַרע געגענד, זיינע בליקען בעגעגענען נור פֿעלדער, פֿערזועט ביט בלומען, בוימער, אָנגעלאָדען מיט פֿרוכט. גערירהרט דורך דיזען אַנבליק, הערט ער ניט אויף צו לויבען גאָט און זיין השגחה, וועלכע איז אַזוי בעשעפֿטיגט מיט דעם מענשליכען גליק. עטוואָס וויטער אָבער קומט ער צו צו די בערג, אויף וועלכע עס איז אַביסעל שווערלעך אַרויפֿצוקלעטערן. אָבער אַזוי שנעל ווי ער דערגרייכט דעם שפּיץ פֿון באַרג, פֿערשפּרייט זיך פֿאַר זיינע אויגען אַ שרעקליך העסליכע סצענע. זיין זעעלע איז גאַנץ איבערראַשט פֿון דיזען שודערליכען אַנבליק. ער זעהט אַ גרויסע שטיק לאַנד פֿערוויסט דורך פֿייער און שווערד. ער טהוט אַ וואָרף אַהין זיינע בליקען און ער דערזעהט, אַז דאָס פֿעלד איז שרעקליך בלוטיג און איז אין גאַנצען פֿערשפּרייט מיט אַ הונדערט טויזענד אויסגעשלאַכטעטע מענשליכע קערפערם — דער טרויעריגער רעשטעל נאָך אַ בלוטיגער שלאַכט, וואָס איז דאָ אויסגעפֿאָכטען געוואָרען מיט איינינע טעג צוריק. אָדלערס, גייערס, ראָבען, וועלף, פֿרעסען דיזע טויטע קערפערס, מיט וועלכע די ערד איז צוגעדעקט. דיזער אַנבליק מאַכט אונזער דערוויש זעהר טרויעריג. זייענדיג געבענשט פֿון הימעל מיט דער בעזונדערער פֿעהיגקייט צו פֿערשטעהן די שפּראַך פֿון חיות, הערט ער אַ וואָלף, אָנגעשטאָפּט מיט מענשען-פֿלייש, זינגענדיג אַזאַ מין שירה צוגאָט: „אָה, אַללאַה, ווי גרויס איז דיין גוטסקייט צו די וואָלפֿען-קינדער! דיין פֿערזאָרגענדע חכמה מאַכט דיזע מענשען וואָס זיינען פֿאַר אונז אַזוי געפֿעהרליך, צו פֿיהרען מלחמה צווישען זיך; דאָס איז דיין חכמה, וועלכע מאַכט, אַז אונזערע פֿיינד זאָלען איינע די אַנדערע אויסמאָרדען, און אויף אַזאַ אופֿן פֿערזאָרגען אונז מיט אַזאַ פּראַכטפֿאָלען מאָהלצייט! אָה, אַללאַה, ווי גרויס איז דיין גוטסקייט פֿאַר אונז, וואָלפֿען-קינדער!"

63.

עס איז נאַריש צו זעהן נור גוטעס אין דיזער וועלט און גלויבען, דאס אלעס איז נור פארן מענשען געשאפען.

אַ בערוישטע פֿאַנטאַזיע זעהט אין דער גאַנצער וועלט נור די גוטסקייט פֿון גאָט; אַ רוהיגער גייסט געפֿינט אָבער גוטס און שלעכטס. „איך לעב" זאָגט איהר; אָבער איז דיזער לעבען אימער אַ ברכה? איהר זאָגט: „בעטראַכט נור די ערד, וועלכע בעדעקט זיך פֿאַר אייך מיט בוימער, מיט תבואה; בעטראַכט די בלומען, וועלכע דערפֿרעהען אייער אויג, און ברײנגען אייך אַזעלכע טהייערע ריחות; בעטראַכט דיזע בוימער, וועלכע בויגען זיך אונטער דער שווערער משא פֿון זייער פֿרוכט;

דיזע טייכען, וועלכע פליסען נור, אום אייער דורשט צו שטילען; דיזע ימים, וועלכע נעהמען ארום די גאנצע ערד, אום צו מאכען פאר אייך לייכטער דעם האנדעל; דייזע חיות, וועלכע א פערזארגענדע נאטור האדעוועט אויף צו אייער געברויך!"

יא, איך זעה דיזע אלע זאכען, און איך פרעה מיך איבער זיי, ווען איך קען. אבער אין פיעלע לענדער איז דיזע שעהנע זונן אין גאנצען פערדעקט פון מיר. אין אנדערע מוטשעט מיר איהר צו גרויסע היץ, זי ברייננט שטורמס, שרעקליכע קראנקהייטען, זי טריקענט אוים די פעלדער און די לאנקעס בלייבען אהן גרינס, די תבאות ווערען פערברענט, די קוואלען אויסגעטריקענט, און מיט גרוים מיה קען איך נור שלעפען מיין לעבען, און איך זיפץ אונטער די גרויזאמקייטען פון א נאטור, וועלכע איהר געפינט צו זיין אזוי מילד. ווען דיזע ימים ברייננען מיר רייכטהימער, געווירצען, איבערפליסיגע לעבענסמיטעל, בריינגען זיי אבער אויך אנדערע מענשען די ערגסטע אומגליקען. דער נארישער שטאלץ פון דעם מענשען איז עס, וואס מאכט איהם זיך איינריידען, אז ער איז דער מיטעלפונקט פון דעם גאנצען וועלט־אל. ער בעשאפט א וועלט און א גאט פאר זיך אליין. ער האלט זיך פאר וויכטיג גענוג, אום צו בריינגען די נאטור צו האנדלען, ווי עס פאסט פאר איהם, ווי אבער עס קומט צו די רעכטע פון אנדערע חיות, רעדט ער ווי אן אטהעאיסט.

ווארים, בילדעט ער זיך דען ניט איין, אז אלע אנדערע חיות זיינען בלויז אויטאמאטען פון גאנץ ווייניג בעדייטונג פאר די השגחה פון דעם וועלט־בעשעפער, און דאס עס ארט איהם גאר ניט, צי עס געהט זיי גוט אדער שלעכט אויף דיזער וועלט? די מענשען בעטראכטען גליקליכע אדער אונגליקליכע פאסירונגען, געזונדהייט אדער קראנקהייט, לעבען און טויט, מאנגעל און איבערפלוס, אלס בעלוינונגען אדער בעשטראפונגען פאר דעם געברויך אדער מיסגעברויך פון פרייחייט געגען דעם ווילען פון גאט. אורטהיילען די מענשען פונקט אזוי, ווען עס האנדעלט זיך אום די חיות? ניין, כאטש זיי זעהען די חיות ליידען און געניסען, לעבען און שטארבען פונקט ווי זיי, דאך קומט זיי גאר אויף'ן זינען ניט ארויף צו פרעגען, פאר וועלכען פערברעכען, אדער פאר וועלכע מצוות קומט עס די חיות אזוי? און האבען דען ניט פיעלע טהעאלאגען, אום זיך ארויסצוהעלפען פון דיזער שווערער לאגע בעהויפטעט, אז די חיות האבען גאר קיינע געפיהלען?

ווילען די מענשען אמאל אויפגעבען זייערע נארישע איינריידעניסען? ווילען זיי אמאל פערשטעהן, אז די נאטור איז ניט פאר זיי געמאכט? ווילען זיי ניט אמאל איינזעהן, אז די נאטור, וועלכע בעשאפט אלע וועזענס, בעהאנדעלט אלעמען גלייך, נאך דיזעלבע געזעצע? קענען זיי

ניט פערשטעהן, אז אלע ארגאנישע וועזענס זיינען אזוי בעשאפען צו לעבען און צו שטארבען, צו געניסען און צו ליידען? ענדליך, ווילען זיי אמאל צוגעבען, דאס דיזע פעהיגקייטען, אויף וועלכע זיי זיינען אזוי שטאלץ, מאכען זיי אפט פיעל אונגליקליכער ווי די חיות, ביי וועלכע מ'ר געפינען ניט די פאראורטהיילע, די פוסטע גאוה, די נארישקייטען, וועלכע זיינען אזוי געפעהרליך פאר דעם מענשליכען גליק?

64.

וואס איז די נשמה? מען וויים גאר ניט פון איהר. וואלט דיזע זאגענאנטע זעעלע געווען פון אן אנדער שטאף ווי דער קערפער, וואלטען זיי זיך אונמעגליך געקענט פעראייניגען.

מענשען איבערנעהמען זיך איבער אלע אנדערע חיות דערמיט, ווייל זיי זאגען, דאס זיי זיינען די אויסשליסליכע בעזיצער פון אן אונשטערבליכער זעעלע. אבער ווי נור איהר הויבט זיי אן צו פרעגען, וואס איז עס דיזע זעעלע, הויבען זיי אן צו ריידען ווי צוטומעלטע. עס איז א געגענשטאנד, וועלכען קיינער קען ניט; עס איז א געהיימע קראפט, וועלכע איז גאנץ אנדע־ש ווי דער קערפער; עס איז א גייסט, פון וועלכען זיי האבען ניט דעם מינדסטען בעגריף. פרעגט זיי, אויף וועלכען אופן קען דיזער גייסט, וועלכען זיי שטעלען זיך פאר פונקט ווי גאט, אהן אירגענד וועלכע ממשות, זיך פעראייניגען מיט'ן קע־פער? ווועלען זיי אייך ענטפערען, דאס זיי ווייסען גאר ניט פון דעם אלעם, אז דאס איז פאר זיי אליין א סוד, און דאס דיזע פעראייניגונג איז די ווירקונג פון גאט'ס אלמעכטיגקייט. דאס זיינען די קלאהרע בעגריפע, וועלכע די מענשען מאכען זיך פון דער פערבארגענער, אדער ריכטיגער, איינגע־בילדעטער נשמה, וועלכע זיי האלטען פאר דער ספרוזשינע פון אלע זייערע האנדלונגען.

נון, ווען די נשמה וואלט ווירקליך געווען א גאנץ אנדער זאך ווי דער קערפער, און וואלט מיט איהם גאר ניט געהאט געמיינשאפטליכעס, דאן וואלט אירגענד וועלכע פעראייניגונג צווישען דיזע צוויי גאנץ פער־שידענע געגענשטענדע געווען אן אונמעגליכקייט. אויסערדעם, ווען די זעעלע וואלט געווען עטוואס אנדערש ווי דער קערפער, וואלט זי געמוזט אויך גאנץ אנדערש האנדלען; און דאך זעהען מיר, דאס אלעס וואס דער קערפער פיהלט, ווערט אויך גלייך איבערגעגעבען צו דער זאגע־נאנטער זעעלע, און דאס דיזעביידע געגענשטענדע האנדלען צו יעדער צייט אין איינקלאנג איינער מיט'ן צווייטען.

איהר וועט אונז זאָגען, דאָס אויך דיזע האַרמאָני איז אַ געהיימניס, און איך פֿון מיין זייט זאָג אייך, דאָס איך קען ניט זעהען מיין זעעלע, דאָס איך קען און פֿיהל בלויז מיין קערפּער, דאָס הייסט, מיין קערפּער, וועלכער פֿיהלט, דיינקט, אורטהיילט, ליידעט און געניסט, און דאָס אַלע פֿעהיגקייטען פֿון דיזען קערפּער זיינען נור די אייגענשאַפֿטען פֿון דיזען מעכאַניזמוס. וואָלט מיין קערפּער געווען אַנדערש געבויט, וואָלטען אויך זיינע אייגענשאַפֿטען געווען אַנדערע.

65.

די עקזיסטענץ פֿון א נשמה איז א גאנץ גרונדלאזע השערה, און די עקזיסטענץ פֿון אן אונשטערבליכער נשמה איז נאך א פיעל נארישערע פארשטעלונג.

כאָטש עס איז אינמעגליך פֿאַר'ן מענשען צו מאַכען זיך דעם מינדעסטען בעגריף פֿון דער נשמה און פֿון דעם גייסט, וועלכער בעלעבט איהר, דאָך גלויבען זיי, אַז דיזע נשמה איז אונשטערבליך. אַלעס בעווייזט, דאָס די מענשען קענען נור דיינקען און פֿיהלען דורך די הילף פֿון זייערע חושים און אָרגאַנען, וועלכע זיינען פֿון אַ גאַנץ מאַטעריעלער נאַטור. אפילו ווען מען נעהמט שוין אָן די עקזיסטענץ פֿון אַ זעעלע, מוז מען דאָך צוגעבען, דאָס זי איז אין גאַנצען אָבהייניגיג פֿון דעם קערפּער, און צוזאַמען מיט איהם פֿיהלט זי אַלעס, וואָס ער אַליין פֿיהלט. און דאָך רעדט מען זיך איין, אַז די זעעלע איז גאָר עפּעס אַנדערעס ווי דער קערפּער. מען בעהויפּטעט, דאָס זי קען פֿיהלען און ווירקען גאָר אונ־אַבהייניגיג פֿון דעם קערפּער, מיט איין וואָרט, מען זאָגט, אַז דיזע זעעלע איז אין גאַנצען אויסגעטהאָן פֿון דעם גוף, קען ליידען און געניסען גאַנץ פֿאַר זיך זעלבסט. אויף אַזאַ פלאָנטער פֿון בעגריפֿע גרינדעט זיך עס דער גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט פֿון דער זעעלע.

ווען איך פֿרעג, וועלכע גרינדע מען האָט צו דיינקען, אַז די נשמה איז אונשטערבליך, ענטפֿערט מען מיר, אַז דאָס וואָס דער מענש ווינשט צו זיין אונשטערבליך, איז אַ בעוויז, אַז זיין זעעלע, זיין נשמה, איז טאַקי אונשטערבליך. אָבער איך ענטפֿער אויף דעם: איז דען דער וואונש נאָך אַ זאַך שוין אַ גענוגענדער בעוויז, אַז די זאַך איז אויך דאָ, און דאָס אייער וואונש קען ערפֿילט ווערען? וואָס פֿאַר אַ מאָדנע לאָגיק איז עס צו זאָגען, דאָס עטוואָס מוז זיין, וייל מען האָט אַזאַ הייסען וואונש, אַז דאָס זאָל זיין? זיינען דען די אַלע ווינשע, געבאָרען פֿון דער מענשליכער פֿאַנטאַזיע, אַ בעוויז פֿאַר די ווירקליכקייט?

די אונגלויביגע, זאָגט מען, וועלכע האָבען ניט קיין צוטרויען אין אַ צוקינפטיגען לעבען, ווינשען צו ווערען פערניכטעט. זעהר שעהן! אָבער זיינען זיי דען ניט אַזוי גוט בערעכטיגט צו ציהען דערפון אַ שלום. דאָס עס וועט ווערען פון זיי גאָר ניט, פונקט ווי די גלויביגע פיהלען זיך בערעכטיגט זיך אָנצוטשעפען אָן אַן אייביגען לעבען, ווייל זיי ווינשען דאָס ?

עס איז קלאָהר, דאָס דער מענש שטאַרבט אָב אין גאַנצען. פאַר די, וועלכע זיינען ניט בעפאַלען פון דער רעליגיעזער משוגעת, קען ניט זיין עטוואָס קלעהרער, ווי אַז דער מענשליכער קערפער, נאָכדעם ווי דער לעבען איז אין איהם אויסגעלאָשען, איז נור אַ מאַסע, וואָס קען ניט מאַכען די מינדעסטע בעוועגונג, פון וועמעס ווירקען דאָס לעבען בעשטעהט. מען בעמערקט ניט אין דעם טויטען קערפער קיין צירקולירען פון בלוט, קיין אָטהעמצוג, קיין פערדייען, קיין וואָרט, קיין געדאַנק. מען זאָגט, אַז דאָס איז דאַרום, ווייל די נשמה האָט זיך אָבגעטהאָן פון גוף. אָבער ווען מען זאָגט, אַז די נשמה וועלכע מען קען ניט, איז דער קוואַל פון לעבען, איז פונקט דאָסועלבע ווי מען וואָלט גאָר ניט געזאָגט.

קיין זאַך איז ניט נאַטירליכער און איינפאַכער, ווי צו גלויבען, דאָס דער טויטער מענש לעבט ניט מעהר, און קיין זאַך איז ניט אַזוי אונזיניג, ווי צו גלויבען, אַז דער טויטער מענש איז נאָך אימער לעבעדיג.

מיר לאַכען איבער די נאַאיוויטעט פון איינעגע פעלקער ביי וועמען עס אַ מנהג מיטצוגעבען די טויטע עסען אין זייערע קברים, גלויבענדיג, דאָס דיזע שפייזען קענען זיי דאָרט אויף יענער וועלט זיין נויטהווענדיג און ניצליך. איז עס אָבער דען לעכערליכער צו גלויבען, אַז טויטע מענשען עסען, ווי דאָס טויטע מענשען דיינקען און פיהלען? דאָס די טויטע ליידען און געניסען, דאָס זיי פיהלען חרטה אָדער פרייד, נאָכדעם ווי די אָרגאַנען, וועלכע האָבען געקענט אין זיי דערוועקען דיזע געדאַנקען און געפיהלען, זיינען שוין געוואָרען צו זאַמד און צו שטויב? צו זאָגען, דאָס די נשמות פון די מענשען נאָך'ן טויט קענען זיין גליקליך אָדער אונגליקליך, הייסט צו בעהויפטען, דאָס די מענשען קענען זעהן אָהן די אויגען, הערען אָהן די אויערן, שמעקען אָהן דעם נאָז, פיהלען אַ טעם אָהן דעם גומען, אין טאַסטען אָהן הענד און אָהן הויט. און דאָך זיינען דאָ גאַנצע נאַציאָנען, וועלכע האַלטען זיך פאַר גאַנץ פערנינפטיג, וואָס גלויבען אין דיזע אונמעגליכקייטען.

די אמונה אין דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה בעהויפטעט, דאָס די נשמה איז אַ גייסט; אָבער איך פרעג דאַן אימער ווידער און ווידער: „וואָס איז דאָס אַ גייסט ?"

דאָס איז אַזאַ געגענשטאַנד, וועט איהר ענטפֿערן, וועלכער פֿערנעהמט גים קיין פּלאַץ, וועלכער קען קיינמאָל ניט פֿערניכטעט ווערען, און וועלכער האָט גאָר ניט קיין געמיינשאַפֿליכעס מיט'ן גוף. אָבער דאַן איז דאָך אַ קשיא, ווי קומט עס, דאָס די נשמה וואַקסט, ווערט קרעפֿטיג אָדער שוואַך אין איינקלאַנג מיט'ן גוף?

איהר וועט אונז אויף דאָס אַלעס ענטפֿערן, אַז דאָס זיינען סודות. אָבער אויב דאָס איז אַלעס אַ געהיימנים, דאַן פֿערשטעהט איהר דאָך גאָר ניט דערפֿון, און ווען איהר פֿערשטעהט גאָר ניט פֿון אַ זאַך, טו ווי קענט איהר אַזוי זיכער ערקלעהרען, דאָס אייער זעעלע איז אונשטערבליך? צו גלויבען אין דער עקזיסטענץ פֿון אַן אונקערפּערליכער זעעלע מיינט צו גלויבען אין עטוואָס, פֿון וואָס מען קען זיך קיין ווירקליכען בעגריף ניט מאַכען; עס הייסט צו גלויבען אין ווערטער, וועלכע האָבען ניט קיין שום זינן. צו בעשטעטיגען די זאַך, אַז זי איז אַזוי ווי איהר זאָגט, וועהרענד איהר קענט עס גאָר ניט וויסען, איז די העכסטע שטופּע פֿון דומהייט, אויב נאָך ניט אויך פֿון חוצפּה.

זיינען ניט די טהעאָלאָגען זאָנדערבאַרע פֿאָרשער? אַזוי שנעל ווי זיי קענען ניט אויסגעפֿינען די נאַטירליכע אורזאַכע פֿון עטוואָס, געפֿינען זיי גלייך אוים אַן אורזאַכע, וועלכע זיי רופֿען אָן איבער־נאַטירליך. זיי טראַכטען אוים גייסטער, פֿערבאָרגענע אורזאַכען, אונערקלעהרליך ווירקענדע וועזענס, אָדער נאָך בעסער, ווערטער, וועלכע זיינען פֿיעל דונקעלער ווי די זאַכען, וועלכע זיי מיינען צו ערקלעהרען. לאָמיר בלייבען ביי דער נאַטור, ווען מיר ווילען זיך ערקלעהרען איהרע ערשיינונגען; לאָמיר לאָזען אין אַ זייט די אַלע אורזאַכען, וועלכע זיינען צו פֿיין, דאָס מיר זאָלען זיי קענען בעגרייפֿען מיט אונזערע חושים און געדאַנקען; און לאָמיר איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל זיך ענטשליסען, דאָס אויסער דער נאַטור וועלען מיר קיינמאָל ניט קענען געפֿינען אַן ערקלעהרונג פֿאַר די אַלע רעטענישען, וועלכע מיר געפֿינען אין דער נאַטור. מיט וועלכען רעכט קענען די טהעאָלאָגען, אפילו פֿון זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט, בעהויפּטען, אַז די מאַטעריע איז אונפֿעהיג אַליין צו דיינקען און צו פֿיהלען? הייסט עס דען ניט, אַז דערמיט בעהויפּטען זיי, אַז עס איז שוין דאָ עטוואָס, וואָס גאָט קען ניט טהאָן? ווי קומט עס, אַז דער גלויביגער אין גאָט גלויבט ניט, אַז גאָט האָט געקענט בעשאַפֿען אַזאַ מאַטעריע, וועלכע דיינקט און פֿיהלט? ווייניגסטענס, ווען מיר נעהמען אָן אַ מאַטעריע, וועלכע דיינקט און פֿיהלט, קענען מיר זיך שוין אייניגער מאָסען ערקלעהרען די אורזאַכע פֿון דעם געדאַנק אָדער פֿון דעם, וואָס דיינקט אין אונז; ווען אָבער מיר ערקלעהרען דעם געדאַנק אַלס אַן אונקערפּערליכען וועזען, ערקלעהרען מיר זיך גאָר ניט, און טאַפּען אַלץ אין דער פֿינסטערניס.

66.

עס איז פאלש, ווען מען זאגט, אז דער מאטעריאליזמוס ערנידריגט דעם מענשען.

מען ווענדעט איין, אַז דער מאַטעריאַליזמוס מאַכט פֿון דעם מענשען אַ בלויזע מאַשין, און דאָס ווערט בעטראַכט אַלס אַ גרויסע חרפה פֿאַר דעם גאַנצען מענשליכען מין. איז עס אָבער ניט פֿיעל מעהר ערנידריגענד פֿאַרן מענשען, ווען מען זאָגט, אַז דער מענש האַנדעלט נאָך די געהיימע קאַפּריזען פֿון אַ גייסטיגען וועזען אָדער פֿון אַ געוויסען „איך־ווייס־אַליין ניט־וואָס", וועלכער בעלעבט איהם, ניט ווּסענדיג ווי אַזוי?

עס איז לייכט איינצוזעהן, דאָס די אורזאַכע וואָרום מען דיינקט, דאָס די נשמה איז מיט עטוואָס מעהר מיוחס ווי דער גוף, איז נור די, ווייל פֿון דער נשמה ווייס מער גאָר ניט, און מיט דעם גוף איז מען מעהר בעקאַנט, און מען רעדט זיך איין, אַז מען פֿערשטעהט אַלע בע־וועגונגען און אַלע טריעבע פֿון דעם קערפּער. אָבער די גאַנצע איינריי־דעניש איז פֿאַלש. יעדער וואָס דיינקט נאָר אביסעל נאָך ווייס, אַז די איינפֿאַכסטע בעוועגונגען פֿון אונזער קערפּער זיינען פֿאַר אונז רעטענישען, וועלכע זיינען פֿאַר אונז פונקט אַזוי שווער צו לייזען, ווי די געהיימניסע פֿון אונזער געדאַנק.

די גרויסע אַכטונג וואָס די מענשען האָבען פֿאַר דעם גייסט, קומט נור דערפֿון, ווייל זיי קענען ניט ערקלעהרען זיין עקזיסטענץ אויף אַ פֿערנינפֿטיגען שטייגער. די פֿעראַכטונג, וועלכע אונזערע מעטאַפיזיקער פֿיהלען צו דער מאַטעריע, קומט דערפֿון, וואָס אַ צו נאָהנטע בעקאַנט־שאַפֿט מיט עטוואָס פֿיהרט צו גערינגשעצונג און צו פֿעראַכטונג. ווען זיי זאָגען אונז, אַז די נשמה איז העכער און איידעלער ווי דער גוף, זאָגען זיי ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נור דאָס, אַז וואָס זיי קענען ניט איז שעהנער ווי דאָס, וואָס זיי קענען, ווי דאָס פֿון וואָס זיי האָבען יאָ אַ בעגריף.

67.

די אמונה אין א צווייטען לעבען איז בלויז ניצליך פאר די, וואס פראפיטירען פון דעם אויף דעם חשבון פון גלויביגען עולם.

מען הערט פֿאַר אונז ניט אויף צו לויבען דעם נוצען פֿון דער לעהרע אנבער אַ צווייטען לעבען. מען זאָגט, אַז ווען דאָס וואָלט אפילו נור געווען אַ פֿאַנטזיע, איז זי אויך ניצליך, ווייל זי מאַכט דעם מענש צו זיין גוט און איידעל. אָבער איז עס טאַקי אַזוי זיכער, דאָס דיזע לעהרע

מאַכט דעם מענשען קליגער, איידעלער און בעסער? צייכנען זיך דען אוים די נאַציאָנען, וועלכע גלויבען אין דיזע לעהרע, מיט בעזונדערע שעהנע מדות און גוטע אויפפיהרונגען? ווערט דען ניט צו יעדער צייט די זיכטבאַרע וועלט פאָרגעצויגען איידער די אונזיכטבאַרע? ווען די מענשען, וועלכע שפּיעלען זיך אויף, אַלס אונזערע לעהרער און פיהרער, וואָלטען אַליין געוואוסט עטוואָס מעהר און געווען אויך אַביסעל בעסערע מענשען, וואָלטען זיי פיעל מעהר אויפגעטהאָן דורך די ווירקליכקייט, ווי דורך די ניט-געשטויגענע און ניט געפלויגענע בבא-מעשיות; אָבער שווינדלער, רויבער און עהרגייציג ווי זיי זיינען, האָבען די געזעצגעבער איבעראַל געפונען, אַז עס איז פיעל בעסער איינצושלעפערן די נאַציאָנען דורך פוסטע מעשיות, ווי צו לערהנען זיי וואַהרהייטען, ווי צו ענטוויקלען זייער פערשטאַנד, ווי צו בעגייסטערן די מענשען פאַר דאָס, וואָס איז ווירקליך גוט און איידעל.

די טהעאָלאָגען האָבען גאָר אָהן שום ספק געהאַט גוטע גרינדע, וואַרום זיי האָבען געמאַכט די נשמה אַלס עטוואָס אונקערפּערליכעס. זיי נויטיגען זיך אין נשמות, אין פאַנטאַזיעס, אום צו בעזעצען מיט זיי די די אויסגעטראַכטע הימלען, וועלכע זיי האָבען כלומרשט ענטדעקט. מאַטעריעלע זעעלען וואָלטען דאָך געמוזט שטאַרבען, ווי אַלע אַנדערע קערפּער, און ווען די מענשען וואָלטען געגלויבט, אַז צוזאַמען מיט זייערע קערפּער שטאַרבען אויך די נשמות, וואָלטען דאָך די געאָגראַפען פון אַ יענער וועלט פערלאָרען יעדע פּרעטענזיע צו פיהרען זייערע נשמות אין די אונבעקאַנטע וועלטען. זיי וואָלטען ניט געקענט ציהען פאַר זיך קיינע פּראָפיטען אָהן די האָפנונגען, מיט וועלכע זיי קאָרמענען די מענשען אויף אַ יענער וועלט, אָדער אָהן דעם שרעק-סיסטעם, דורך וועלכען זיי דערדריקען די מענשהייט ביז צו דער ערד. ווען די צוקינפטיגע וועלט איז פון קיין נוצען ניט פאַר דעם מענשליכען געשלעכט אין אַלגעמיין, איז זי אָבער פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאַר די, וועלכע האָבען אויף זיך גענומען די ראָלע צו פיהרען די מענשען אין יענע אונבעקאַנטע וועלטען.

68.

ס'איז ניט ריכטיג, אַז דער גלויבען אין אַ יענע וועלט איז אַ טרייסט; און ווען עס זאָל שוין יאַ זיין, איז עס נאָך אַלץ קיין בעווייז ניט, אַז דיזע בעהויפּטונג איז אמת.

„אָבער", וועט מען זאָגען, „איז דען ניט די לעהרע פון דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה אַ לעהרע פול מיט טרייסט פאַר דעם

מענשען, וועלכער פיהלט זיך אָפט זעהר אונגליקליך אין דיזען לעבען? און ווען אפילו דאָס זאָל זיין אַ טעות, איז ער אָבער ניט זיס און אַנגע־נעהם? איז עס דען ניט אַ גליק פאַר דעם מענשען צו גלויבען, דאָס ער וועט זיך אַליין איבערלעבען, און איין שעהנעם טאָג וועט ער זיין אַזוי גליקליך, ווי ער האָט עס קיינמאָל ניט געקענט זיין אויף דיזער ערד?"

אַזוי פרעגט מען אונז, אָבער אויף אַזאַ אופן מאַכען די אָרעמע מענשען זייער פערלאַנג פאַר דעם מאָסשטאַב פון דער וואַהרהייט. ווייל זיי ווינשען צו לעבען אייביג און צו זיין גליקליכער ווי זיי זיינען, שליסען זיי דערפון, דאָס זיי וועלען אייביג לעבען און דאָס אין דער אונבעקאַנ־טער וועלט וועלען זיי זיין גליקליכער, ווי אין דיזער וועלט, וואו זייער חלק איז צו אָפט נור ליידען און שמערצען. נו, איז דאָך דאַן די פראַגע, אויב מענשען גלויבען ווירקליך אַזוי, טו וואַרום ווילען זיי אַזוי שטאַרק ניט שטאַרבען? אָה, איהר מענשען, ענטשליסט אייך אָהן בעדויערן און אָהן קלאָגען צו פער־לאָזען דיזע וועלט, וועלכע גיט אייך מעהר שמערצען ווי גליק! „אָבער וואָס וועט ווערען פון מיר?" פרעגסט דו מענש... דאָס, וואָס דו ביסט געווען מיט איינינע מיליאָנען יאָהרען פריהער. דו ביסט דאַן געווען „איך־וויים־ניט־וואָס", און ענטשליס זיך אויך ווידער צו ווערען דערזעלבער „איך־וויים־ניט־וואָס. קעהר זיך צוריק פריעדליך אין דאָס לגעמיינע הויז, פון וועלכע דו ביסט אַרויסגעקומען, אַליין ניט וויסענדיג און ניט וועלענדיג, אונטער דער איצטיגער געשטאַלט און שטאַרב ניט בעקלאָגענדיג זיך און אָהן פערדרוס, ווי אַלע איבעריגע בעשעפעניסע אַרום דיר.

מען הערט אונז ניט אויף צו ווידערהאָלען, דאָס די רעליגיעזע בעגריפע גיבען די אונגליקליכע זעהר פיעל טרייסט. מען זאָגט, דאָס די אידעע פון דער אונשטערבליכקייט פון דער זעלע און פון אַ גליקליכערן לעבען, גיט צו מוטה דעם מענשען און מאַכט פאַר איהם מעגליך אַריבערצוטראָגען די אַלע אונהיימליכקייטען פון לעבען. דער מאַטעריאַ־ליזמוס ווידער, זאָגט מען, איז אַ טרויעריגע לעהרע, אַ לעהרע, וואָס ערנידריגט נור דעם מענשען, וואָס שטעלט איהם אויף איין שטופע מיט די חיות, וואָס צוברעכט זיין מוטה, און וועלכער האָט נור אין אויסזיכט פאַר'ן מענשען געגצליכע פערניכטונג, וואָס קען איהם נור טרייבען צו פערצווייפלונג און צו זעלבסטמאָרד, ווען ער הויבט נור אָן צו ליידען אין דיזען לעבען. די גרויסע קונסט פון די טהעאָלאָגען בעשטעהט נור אין דעם, צו בלאָזען היים און קאַלט, אַרויפצוזאָגען אַ מורא און דאַן אויך בערוהיגען און טרייסטען. וועדליג די טהעאָלאָגען זאָגען, זיינען דאָ צווייערליי לעבענס נאָך'ן טויט, גליקליכע און אונגליקליכע. עס איז קיין זאַך ניט אַזוי שווער, ווי צו מאַכען זיך פאַר ווערטה צו לעבען אין יענער

גליקליכער וועלט, און קיין זאַך איז ניט אַזוי לייכט, ווי אַריינצופּאַלען אין די אייביגע פּייניגונג פון גיהנום, וועלכען גאָט האָט אָנגעגרייט פאַר די, וואָס האָבען איהם דערצאָרנט. האָבען דען די, וועלכעריידען פון דעם זיסען לעבען נאָך׳ן טויט פערגעסען, אַז פאַר די מעהרצאָהל פון די מענשען שטעהט פאַר, ווערדליג נאָך זייערע בעגריפע, אַ לעבען פון די שרעקליכסטע ליידען? איז דען די אידעע פון אַ פאַלשטענדיגער פער־ניכטונג ניט פיעל בעסער, ווי די אידעע פון אַ לעבען, פול מיט די גרויזאַמסטע פּלאָגען?

איהר זאָגט, אָה פילאָזאָפען, דאָס די אידעע פון אַ גליקליכען לעבען איז אַנגענעהם. גוט, מיר שטימען מיט אייך איין אין דעם. עס איז ניטאָ קיין מענש, וואָס זאָל זיך ניט ווינשען אַ בעסערן לעבען ווי דער, וועלכען ער פיהרט אויף דיזער ערד; אָבער ווען דער גן עדן איז אַזוי שעהן און אַנציהענד, איז דאָך אָבער דער גיהנום דעסטאָ עקעל־האַפטער, שרעקליכער און אַבשטויסענדער. זאָגט איהר דען אַליין ניט, דאָס אַ שמאָלינקער און שווערער שטעג פיהרט צו די גליקליכע וועלטען, און דאָס אַ ברייטער וועג פיהרט צו די וועלטען פון אונגליק? ווידער־האָלט איהר דען ניט אייביג, אַז די צאָהל פון די אויסערוועהלטע איז זעהר קליין, און די צאָהל פון די פערדאַמטע איז זעהר גרויס? בעדאַרפט איהר דען ניט, אום צו ווערען גערעטעט, די גנאַדע פון גאָט, וועלכע ער טהיילט אויס נור צו די וויינינע? נון, גוט! איך זאָג אייך, דאָס דיזע אידעען זיינען פאַר קיין פאַל ניט אַזעלכע, וואָס גיבען דעם מענשען טרייסט און ערלייכטערונג. איך זאָג אייך, דאָס איך וויל ליעבערסט איין פאַר אַלע מאָל ווערען פערניכטעט, ווי אייביג ברענען; דער שיקזאַל פון אַזאַ מענשען, שיינט מיר אַ פיעל גליקליכערער צו זיין, ווי דער פון די מענשען, וואָס האָבען מורא, אַז זיי קענען ווערען פערדאַמט אויף אייביג. איך זאָג אייך, אַז די מיינונג, וועלכע בעפרייט מיך פון די דריקענדע זאָרג פין דיזער וועלט, איז פאַר מיר פיעל אַנגענעהמער, ווי די אונגעוויסהייט, די פורכט, אין וועלכע איך ווער אַריינגעוואָרפען דורך אַ גלויבען אין אַ גאָט, וועלכער איז נור גוט צו אייניגע וויינינע, און פערדאַמט צו אייביגע ליידען אַלע איבעריגע. נור די נאַרען און פאַנ־טאַזיאָרען קענען זיך איינריידען, אַז דער גלויבען אין אַ גאָט גיט אימיצען טרייסט אין מאַכט לייכטער דעם לעבען. נור אַ קלאָהרער, פערנינפטיגער מאַטעריאַליזמוס איז דאָס אימשטאַנד צו טהאָן. יעדענפאַלס, דער גלויבען אין אַ גאָט געווים ניט.

69.

אלע רעליגיאנען שטיצען זיך נור אויף איינבילדונג. דער גאט-געפיהל איז נור א געוואוינהייט.

אַלע רעליגיעזע פרינציפען זיינען נור בלויז די קינדער פֿון דער פֿאַנטאַזיע. די ערפֿאַהרונג און די פֿערנונפֿט האָבען אין זיי קיין הלק נים. עס איז אַ זעהר שווערער עסק זיי צו בעקעמפֿען, ווייל די וואָס ליידען פֿון דיזע פֿאַנטאַזיעס, זיינען מייסטענס אונפֿעהיג צו דיינקען קלאָהר. דער יעניגער, וועלכער גרייפֿט אָן די רעליגיאָן מיט די וואַפֿען פֿון פֿערנונפֿט, קען פֿערגליכען ווערען צו אַ מענשען, וואָס געהט הרג'נען פֿליעגען מיט אַ שווערד. ווי דער שווערד לאָזט זיך נאָר אַראָב צו דער־לאַנגען דעם קלאַפּ, פֿליהען די פֿליגען און די נאַרישע פֿאַנטאַזיעס אַוועק אויף אַ רגע, זיי קעהרען זיך באַלד אָבער ווידער צוריק, זיי, די נאַרישע פֿאָראורטהיילע, פֿערנעהמען ווידער זייער פלאַץ אין קאָפּ, פֿון וועלכען מען האָט גערעכענט זיי צו האָבען פֿערטריבען.

אַזוי גיך ווי מיר ענטזאַגען זיך אָנצונעהמען די בעווייזע, וועלכע די טהעאָלאָגיע גיט אונז פֿון גאָט'ס עקזיסטענץ, הויבט מען אָן צו אונז ריידען פֿון אַן „אינערליך געפֿיהל", פֿון אַ „טיעפֿע איבערצייגונג", פֿון אַן אונבעזיעגבאַרע נייגונג, וועלכע איז מיטגעבאָרען מיט יעדען מענשען, און וועלכע מאַכט איהם גאָר אָהן זיין ווילען צו זוכען און צו געפֿינען אַ גאָט, אַ בעשעפֿער, און מעג מען איהם וואָס פֿיר אַ בעווייזע געבען געגען גאָט, וועט ער אָבער אַלץ בלייבען פֿעסט ביי זיין אינערליכע איבערצייגונג, אַז אַ גאָט עקזיסטירט.

נון, ווען מען בעטראַכט דיזען איינגעבאָרענעם געפֿיהל, געפֿינט מען, אַז דאָס איז בלויז געוואוינהייט, וועלכע מאַכט בלינד אפילו געגען די שטאַרקסטע בעווייזע, און פֿיהרט די גרעסטע צאָהל פֿון די מענשען, זאָגאַר די אויפֿגעקלעהרטסטע, צוריק צו די פֿאָראורטהיילע פֿון דער יוגענד, וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָט אָבער דיזער אינערליך געפֿיהל, דיזע אונבע־גרינדעטע איבערצייגונג, געגען די ווירקליכקייט, וועלכע בעווייזט אונז, אַז דאָס וואָס ענטהאַלט אין זיך גופא אַ ווידערשפרוך, קען נים עקזיסטירען...

מען זאָגט צו אונז גאַנץ ערנסט, אַז קיין גאָט איז ניטאָ. און דאָך איז קיין זאַך נים בעוויזען געוואָרען אַזוי קלאָהר, ווי אַז דאָס וואָס די מענשען האָבען ביז איצט געזאָגט פֿון גאָט איז פוסטע פֿאַנטאַזיעס, און דאָס דיזער גאָט איז אַן אונמעגליכקייט, אַ משוגע'נע פֿאַנטאַזיע, און דאָס אַ וועזען קען אין זיך טראָגען די אַלע ווידערשפּרעכענדע אייגענ־שאַפֿטען, מיט וועלכע אַלע רעליגיאָנען פֿון דער וועלט פוצען איהם אויס.

איז דען דער גאָט פֿון די טהעאָלאָגען און דעאיסטען ניט קלאָהר און דייטליך אַן אורזאַכע, וועלכע קען זיך בשום אופן ניט צוזאַמענפּאָרען מיט איהרע פֿאָלגען? אויף וואָס פֿאַר אַן אופן מען זאָל עס אָנפֿאַנגען, מוז מען אָדער אויסטראַכטען עפּעס אַן אַנדער מין גאָט אָדער מען מוז זיך מודה זיין, אַז דער גאָט פֿון ביז איצט, וועלכער איז געווען אין איין און דערזעלבער צייט זעהר גוט און זעהר בייז, זעהר מעכטיג און זעהר שוואַך, אונבעוועגליך און פֿערענדערליך, פֿאָלקאָמען און דאָך אָהן אירגענד וועלכען פּלאַן אין אַלע זיינע האַנדלונגען; אַ פֿריינד פֿון אָרדנונג, אונטער וועמעס הערשאַפֿט עס איז אימער אונאָרדנונג; זעהר גערעכט און זעהר אונגערעכט, געשיקט און אומגעלומפּערט — זיינען מיר דען ענדליך ניט געצוואונגען צוצוגעבען, אַז עס איז אונמעגליך צוזאַמענצוקניפּען דיזע אַלע ניט איינשטימענדע אייגענשאַפֿטען, וועלכע מען שרייבט צו צו אַ וועזען, וועגען וועלכען מען קען ניט זאָגען קיין איינציגען וואָרט אום ניט זיך צו פֿערפּלאָנטערן אין טויזענדע ווידערשפּריכע. זאָל מען נור פּרובירען איין אייגענשאַפֿט צו מאַכען פֿאַר אַ געטליכע און גלייך ווערט אויסגעפֿונען, אַז ווערדליג די ווירקונגען, איז עס פּונקט קאַפּויר צו די אויסגעטראַכטע אייגענשאַפֿט.

70.

יעדע רעליגיאָן איז בלויז א סיסטעם, וועלכע איז ערפֿונדען געוואָרען צו פֿערגלעטען די ווידערשפּריכע דורך שווינדעל.

די טהעאָלאָגיע וואָלט מיט רעכט זיך געקענט רופֿען די לעהרע פֿון ווידערשפּריכע. יעדע רעליגיאָן איז נור אַ סיסטעם צו ברייגען אין איינקלאַנג בעגריפֿע, וועלכע קענען קיינמאָל ניט האַרמאָנירען. דורך געוואוינהייט און מורא קומט מען דערצו, דאָס מען שפּאַרט זיך איין צו גלויבען אין דעם גרעסטען אונזין, אפילו ווען מען בעווייזט עס אייך. אַלע רעליגיאָנען זיינען לייכט צו בעקעמפֿען, אָבער עס איז שווער זיי אויסצוראָטען. די פֿערנונפֿט איז מאַכטלאָז געגען די געוואוינהייט, וועלכע איז דעם מענשענס צווייטע נאַטור. עס זיינען דאָ פֿיעלע מענשען, זאָגסט זעהר פֿערנינפֿטיגע, וועלכע האָבען אויך געהאַט די געלעגענהייט אויסצוגעפֿינען דעם רעליגיעזען אונזין, און דאָך, סוף כל סוף קענען זיי זיך ניט העלפֿען, און קעהרען זיך אום צוריק צו דער רעליגיאָן.

ווען מען בעקלאָגט זיך, אַז מען פֿערשטעהט גאָר ניט פֿון דער רעליגיאָן, און דאָס אויף שריט און טריט געפֿינט מען דומהייטען, וועלכע ווידערשפּרעכען איינע די צווייטע, ענטפֿערט מען אונז, דאָס מיר זיינען ניט בעשאַפֿען, אום צו דערקענען די וואַהרהייט, וועלכע די רעליגיאָן

גיט אונז, דאָס די פערנונפט פיהרט אונז אויף'ן פאַלשען וועג. מען פערזיכערט אונז, אַז דאָס וואָס קומט אוים אַ נאַרישקייט אין די אויגען פון מענשען, קען זיין איז די גרעסטע חכמה ביי גאָט. פאַר וועמען עס עקזיסטירט ניט אונמעגליכעס. ענדליך, אום פּטור צו ווערען פון אַלע פראַגען, העלפט מען זיך דערמיט, וואָס מען ערקלעהרט אַלעס פאַר געהיימניסע.

71.

אונזין און נוצלאז זיינען די וואונדער. וועלכע זיינען ערפונדען געוואָרען אין דעם אינטערעס פון די פריסטער.

וואָס איז אַ וואונדער? ווען איך פאָרש נאָך גוט די זאַך, געפין איך באַלד אויס, אַז אַ וואונדער איז אַ ווידערשפרוך, אַן אונזינן, וואָס מען קען אַיש אָנטאַפּען. אַן אָפּענבאַרע אונמעגליכקייט, איבער וועלכע די טהעאָלאָגען ווילען, אַז די מענשען זאָלען צומאַכען זייערע אויגען. מיט איין וואָרט, אַ וואונדער איז אַלעס, וואָס גייסטליכע פיהרער קענען אונז ניט ערקלעהרען.

עס איז פאַר די דיענער פון דער רעליגיאָן פון דעם גרעסטען נוצען דאָס די פעלקער זאָלען גאָר ניט פערשטעהן פון דעם, וואָס זיי לעהרנען. מען קען בשום אופן ניט אונטערזוכען דאָס, וואָס מען פערשטעהט ניט. אַלע מאָל, ווען מען קען אַליין ניט זעהן, איז מען געצוואונגען צו לאָזען זיך פיהרען פון אַנדערע. וואָלט די רעליגיאָן געווען פערשטענדליך, וואָלטען די פריסטער ניט געמאַכט אַזעלכע גוטע געשעפטען.

עס איז ניט דאָ קיין רעליגיאָן אָהן וואונדער. די וואונדער זיינען אַ וועזענטליכער טהייל פון דער רעליגיאָן. אַ רעליגיאָן אָהן וואונדער וואָלט געווען אַ ווידערשפרוך אין דעם אויסדרוק. דער גאָט, וועלכען די זאָגע-נאַנטע דעאיסטען האָבען אָנגענומען, איז אַליין דער גרעסטער וואונדער פאַר אַ גייסט, וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט איהם.

אַלע פון גאָט ענטפּלעקטע רעליגיאָנען זיינען פול מיט געהיימניס-פאָלע לעהרען, אונפערשטענדליכע פרינציפּען, אונגלויבליכע וואונדער, ווידערזיניגע מעשיות, וועלכע זיינען נור אויסגעקלעהרט געוואָרען, אום צו פערטומלען דעם פערשטאַנד. יעדע רעליגיאָן ענטפּלעקט פאַר אונז אַ פערבאָרגענעם גאָט, וועמעס וועזען איז אַ וואונדער. דעריבער זיינען זיינע האַנדלונגען, וועלכע מען שרייבט איהם צו, פונקט אַזוי אונפער-שטענדליך ווי ער גופא. די גאָטהייט האָט אין די פיעלע רעליגיאָנען פון אונזער ערד אימער געוועדט אויף אַ זעהר געהיימניספאָלען אופן. איבעראַל

האָט זי זיך נור ענטפּלעקט, אום צו לאָזען וויסען די אָרעמע מענשען, אַז זיי מוזען גלויבען אין דאָס, וואָס זיי קענען ניט פּערשטעהן.

וואָס מעהר געהיימניסע אַ רעליגיאָן האָט, וואָס מעהר זי שטעלט פּאָר פּאַר'ן גייסט אונגלויבליכע זאַכען, דאָס מעהר שאַנסען האָט זי צו געפּעהלען די מענשען. וואָס מעהר אַ רעליגיאָן איז איינגעוויקעלט אין פינסטערניס, דעסטאָ מעהר דוכט זי זיך אוים צו זיין געטליכער; דאָס מעהר איז זי אין איינקלאַנג מיט דעם עצם פון אַ פּערבאָרגענעם וועזען, פון וועלכען מען האָט ניט קיין בעגריף.

די אונוויסענהייט האָט שוין אַזאַ טבע, דאָס זי האָט ליעב דאָס אונבעקאַנטע, דאָס פערבאָרגענע, דאָס אונגלויבליכע, זאָגאַר דאָס שרעקליכע, דאָס שוידערליכע, איידער דאָס וואָס איז וואַהר. די וואַהרהייט רעגט ניט אַזוי אויף די פאַנטאַזיע, ווי דאָס וואָס איז אייסגעטראַכט, און וואָס יעדער קען זיך אויסטייטשען, ווי איהם איז אַם ליעבסטען. דאָס פראָסטע פאָלק פערלאַנגט ניט בעסערעס, ווי צו הערען מעשיות.. די פריעסטער האָבען געטהאָן דעם רצון פון דיזע געמיינע נארישע מענשען און קאָרמענען זיי זייט טויזענדער יאָהרען מיט דיזע מעשיות. מיט דעם האָבען זיי אַריינגעקראָגען די פאַנטאַזיאָרען, די פרויען און די אונוויסענדע. מענשען פון דיזען סאָרט פאָדערן ניט קיין צו שטריינגע בעווייזע. די ליעבע צו דער וואַהרהייט געפינט מען נור ביי ווייניגע, ווּעמעס פאַנטאַזיע ווערט קאָנטראָלירט דורך דעם געדאַנק.

די דאָרף-פּויערים זיינען די, וואָס זיינען אַם מייסטען צופרידען מיט זייער גלח, ווען ער מישט נור אַריין גענוג לאַטיינישע ווערטער אין זיינע דרשות. די אונוויסענדע דיינקען אימער, דאָס דעריעני'גער וועלכער רעדט מיט זיי פון זאַכען וואָס זיי פערשטעהען ניט, מוז זיין אַ היבש געלעהרנטער מאַן. אין דעם ליגט די אמת'ע אורזאַכע פון די לייכט-גלויבינקייט פון די פעלקער און די מאַכט פון די, וועלכע שפּיעלען זיך אויף אַלם זייערע פיהרער.

צו ריידען צום מענשען פון געהיימניסע, הייסט נור ריידען אום ניט פערשטאַנען צו ווערען. דער, וועלכער רעדט מיט רעטעניזשען, מיינט אָדער זיך לוסטיג צו מאַכען איבער די מיט וועמען ער רעדט, אָדער ער האָט אַ נוצען דערפון, און קלאָהר זיך אויסדריקען וועט איהם שאַדען. יעדע געהיימניס איז נור דער אויסדרוק פון מיסטרויען, פורכט און שוואַכקייט. די קעניגע און זייערע דיענער האַלטען זייערע פלענער געהיים, ווייל זיי האָבען מורא, אַז זייערע פיינד, דערוויסענדיג זיך דערפון זאָלען זיי ניט שטערען אין דעם. האָט אויך גאָט מורא, אַז מען זאָל זיינע פלענער ניט צושטערען, וואָס ער האַלט זיי אַזוי געהיים? וואָס נוצט עס איהם צו האָבען געהיימניסע פאַר אונז? און ווען מען וועט נור

זאָגען, דאָס אונזער שוואַכער פערשטאַנד קען ניט בעגרייפען אַזעלכע זאַכען, ענטפער איך: „טו צו וואָס טויג מיר די רעליגיאָן?" וואָס פאַר אַ ווערטה האָט אַ מוסר־דרשה פאַר אַ סטאַדע שעפסען? גאָר ניט. פונקט אַזוי קען דאָך קיין ווערטה ניט האָבען פאַר'ן מענשען אַ רעליגיאָן, וועלכע ער קען בשום אופן ניט פערשטעהן.

72.

אן אלגעמיינער גאט וואלט געדארפט אנטפלעקען פאר דער וועלט אן אלגעמיינע רעליגיאן.

די גאָטהייט ווערט אויף פערשידענע טהיילען פון דער ערד אַזוי פערשידענאַרטיג פערשטאַנען, דאָס די מענשען האַסען און פעראַכטען זיך גראַדע צוליעב די פערשידענהייט פון זייערע רעליגיעזע בעגריפע. די אַנהייננגער פון פערשידענע גלויבענס געפינען איינע די אַנדערע לעבערליך און נאַריש. די הייליגסטע צערעמאָניעס פון איין רעליגיעזער סעקטע ווערען פערשפאָטעט און אָבגעלאַכט פון אַן אַנדער סעקטע. נון, אָבער, אַז גאָט האָט זיך שוין יאָ איינמאָל גענומען די מיה צו אַנטפלעקען זיך פאַר די מענשען, האָט ער דאָך לכל הפחות זיך געקענט ווייזען צו אַלעמען גלייך, כדי די שוואַכע, נאַרישע מענשען זאָלען פערשפאָרען צו ברעכען זיך די קעפ, נאָכפאָרשענדיג און קיינמאָל ניט אויסגעפינענדיג, וועלכער גאָט איז דער ריכטיגער, און וועלכער וועג איז דער בעסטער איהם צו דיענען?

אַן אַלגעמיינער גאָט האָט בעדאַרפט אַנטפלעקען פאַר די מענשען אַן אַלגעמיינע רעליגיאָן. און דורך וואָס פאַר אַ שלים־מזל זיינען דאָס געקומען אויף דער וועלט אַזוי פיעל פערשידענע רעליגיאָנען? וועלכע איז עס די אמת'ע אונטער דער גרויסער צאָהל, פון וועלכע יעדער איינער בעהויפטעט, אַז דאָס איז זיין רעליגיאָן, וואָס איז די ריכטיגע? מען האָט געגוג אורזאַכען צו גלויבען, אַז קיין איין איינציגע פון דיזע רעליגיאָנען האָט די מעלה צו זיין אמת. די שפּאַלטונגען און שטרייטערייען פון די פערשידענע מיינונגען זיינען אָהן צווייפעל סמנים פון דער דונקעלהייט און אונפערשטענדליכקייט פון די פרינציפען, אויף וועלכע עס ווערען אויפגעבויט די אַלע רעליגיעזע בנינים.

73.

דאס וואס די רעליגיאן איז אונפערשטענדליך, איז דער בעסטער בעווייז, אז זי איז נוצלאז.

ווען די רעליגיאָן וואָל געווען פאַר אַלע מענשען אַ נויטווענדיגקייט, וואָלט זי געמוזט זיין פאַר אַלעמען בעגרייפליך. וואָלט די רעליגיאָן געווען

פֿאַר די מענשען פֿון דער גרעסטער וויכטיגקייט, וואָלט מען דאָך געדאַרפֿט ערוואַרטען פֿון גאָט'ס גוטסקייט, אַז ער זאָל מאַכען פֿאַר זיי די רעליגיאָן וואָס קלעהרער און וואָס דייטליכער. איז עס דאַרום ניט וואונדערבאַר צו בעמערקען, אַז גראַדע דאָס וואָס איז פֿון אַזאַ וויכטיגקייט פֿאַר'ן מענשען, מוז זיין גראַדע אַ זאַך, וואָס איז אַזוי פֿינסטער, און איבער וואָס איהרע לעהרער האַלטען די גאַנצע צייט אין איין רייסען זיך? עס איז ביז איצט נאָך קיינמאָל ניט געלונגען די פריעסטער פֿון איין סעקטע זיך צוזאַמענצורייידען און איינפֿערשטאַנען צו ווערען, אויף וועלכער אַרט און וועיזע מען זאָל פֿערשטעהן די בעפֿעהלע פֿון אַ גאָט, וועלכער זאָל כלומרשט האָבען זיך געוויזען צו זיי!...

מען קען פֿערגלייכען די וועלט, וועלכע מיר בעוואוינען, מיט אַ מאַרק, וואו אויף פֿערשידענע פלעצער עס שטעהען פֿערשידענע שאַרלאַטאַנעס, פֿון וועלכע יעדער רייסט זיך מיט אַלע קרעפֿטען צוצוציהען צו זיך די פֿערבייגעהענדע, און מאַכט גלייך מיט דער בלאָטע די אַלע אַנדערע היילמיטעל, וועלכע זייער־ע קאָנקורענטען באָטען אָן צום פֿערקויף. יעדע ביידעל האָט איהרע קונים, וועלכע זיינען איבערציינגט, דאָס נור זייערע דאָקטוירים האָבען די ריכטיגע מעריצין, כאָטש זיי פֿיהלען זיך קיינמאָל ניט בעסער, נאָכדעם ווי זיי פֿערשלינגען די פֿערשידענע פילען, אָדער זיי זעהען, אַז זיינען ניט וויניגער קראַנק, ווי די, וועלכע געהען צו אַנדערע שאַרלאַטאַנעס, דאָך האַלטען זיי זיך נאָך אַלץ שטייף און פֿעסט ביי זייער גלויבען, אַז זייער דאָקטאָר איז דער בעסטער.

פֿרומקייט — דאָס איז אַ קראַנקהייט פֿון דער פֿאַנטאַזיע, וועלכע מען קריגט ווען מען איז נאָך זעהר יונג. דער פֿרומער מאַן איז אַ היפּאָכאָנדריקער, (איינער וואָס ליידעט פֿון אַ מילץ־קראַנקהייט) וועלכער מאַכט זיין קראַנקהייט אַלץ ערגער, וואָס מעהר ער קורירט זיך. דער קלוגער מענש וויל ניט וויסען פֿון די אַלע הייל־מיטעל, ער פֿיהרט בעסער אַ נאָרמאַלען לעבען, און לאָזט איבער פֿאַר דער נאַטור צו טהאָן דאָס איבעריגע.

עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך, וואָס איז לעבע־ליבער אין די אויגען פֿון דעם פֿערנינפֿטיגען מענשען, ווי דער שטרייט פֿון די מענשען, וואָס גלויבען אין פֿערשידענע, כאָטש גלייך אונזיניגע, רעליגיאָנען.

אַ קריסט דיינקט, דאָס דער קאָראַן, דער הייליגער בוך, דורך וועלכען גאָט האָט זיך ענטפלעקט צו די מחמד'אַנער, איז נור אַ פלאָנטער פֿון נאַרישע פֿאַנטאַזיעס. דער מחמד'אַנער פֿון זיין זייט האַלט דעם קריסט פֿאַר אַן אונגלויביגען, פֿאַר אַ הונד, און זעהט אין זיין רעליגיאָן נור אונזינן. ער רעדט זיך איין, דאָס ער האָט דאָס רעכט צוצונעהמען

פֿון איהם זיין לאַנד און צו צווינגען איהם מיט'ן שווערד אין דער האַנד, אָנצונעהמען די רעליגיאָן פֿון זיין געטליכען נביא. מעהר פֿון אַלץ גלויבט ער, אַז קיין זאַך איז ניט אַזוי דום, ווי צו דיינקען, אַז אַ מענש קען זיין אַ גאָט, און בעטען צו איהם ווי צו אַ גאָט, אָדער צו גלויבען אין דער דריי־איינינגקייט. דער פּראָטעסטאַנטישער קריסט לאַכט איבער דעם קאַטוילישען, און פּונקט אַזוי דיינקט דער קאַטוילישער קריסט איבער דעם פּראָטעסטאַנטישען. דער דעאיסט ווידער, ערלויבט זיך צו שפּאַסען איבער די אַלע אַנדערע גלויביגע.

האָט דען ניט אַ בעריהמטער טהעאָלאָג (האַרדווין) איינגעזעהן, וואָס דאָס איז פֿאַר אַן אונזין אַנצוערקענען אַ גאָט און זיך מיט איהם צו בעשעפֿטיגען? „פֿאַר אונז", זאָגט ער, „וועלכע גלויבען אין אַ גאָט, וועלכע נעהמען אָן די עקזיסטענץ פֿון אַ וואונדערבאַרען וועזען, קען שוין קיין זאַך ניט זיין שווער צו גלויבען. גלויבט מען איינמאָל אין דיזע וואונדער, איז שוין קיין גרעסערע וואונדער ניטאָ, אין וועלכע מען זאָל זיך דאַרפֿען אָנטהאָן אַ כח צו גלויבען."

און ווירקליך, קען דען זיין עטוואָס מעהר ווידערשפּרעכענדעס, מעהר אונמעגליכעס, ווי די בעשאַפֿונג פֿון דאָס שטאָף דורך אַ וועזען, וואָס איז אַליין ניט קיין שטאָף, און וועלכער איז דאָך די אורזאַכע פֿון אַלע אומענדערונגען, וועלכע מיר בעמערקען אין דער נאַטור? איז דען דאָ עטוואָס, וואָס זאָל זיין אַזוי דערווידער דעם מענשליכען פֿערשטאַנד, ווי דער גלויבען, דאָס אַ גוטער, מעכטיגער און גערעכטער וועזען רעגירט איבער דער וועלט, וועלכע איז פֿול מיט דומהייט, שווינדעל, בעטרוג, פֿערברעכען און אונאָרדנונג דאַן, ווען נור איין וואָרט פֿון איהם, פֿון דעם מעכטיגען וועזען, וואָלט געווען גענוג צו מאַכען אַ סוף צו דעם אַלעם? מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט גלויבט ניט אַ פֿרומער אין אַנדערע ניט געשטויגענע מעשיות, אַז ער גלויבט אין די עקזיסטענץ פֿון אַזאַ וועזען?

74.

דער גאָט פֿון די דעאיסטען איז ניט ווייניגער אונזיניג און פֿול מיט ווידערשפּריכע, ווי דער גאָט פֿון די טהעאָלאָגען.

דער דעאיסט זאָגט צו אונז: „היט אייך צו גלויבען און צו בעטען צו אַזאַ גאָט, ווי די טהעאָלאָגען שטעלען אייך פֿאָר. מיין גאָט איז גוט און קלוג אָהן אַ ברעג. ער איז דער פֿאָטער צו אַלע מענשען; ער איז דער מילדעסטער הערשער. ער פֿילט אָן די וועלט מיט זיינע ברכות".

אָבער, ענטפער איך, זעהט איהר דען ניט, אַז אַלעס וואָס קומט ווירקליך פאָר אין דיזער וועלט, איז פונקט אין געגענזאַץ צו אַלע מעלות, וועלכע איהר טשעפעט צו צו אייער גאָט? אין דער צאָהלרייכער פאַמיליע פון דיזען צערטליכען פאָטער, זעה איך נור אונגליקליכע. אונטער דער הערשאַפט פון דיזען גערעכטען מאָנאַרך זעה איך, ווי דער פערברעכען איז זיעגרייך און די טוגענד אויף צרות. פון די וואוילטהאַטען, וועלכע איהר זעהט אין אייער בעגייסטערונג, געפין איך ניט קיין שפור. פערקעהרט, אָנשטאָט זיי געפין איך אַ באַרג מיט צרות, וועלכע איהר מאַכט זיך ניט זעהענדיג. און פונקט ווי די פריעסטער, אויב איהר וועט מיר נור וועלען טרייסטען, וועט איהר מיר מוזען צוזאָגען אַ יענע וועלט; טו זייט טאַקי אַזוי גוט און קלעהרט עפעס אויס אַן אַנדער גאָט, וויל דער, וועלכען איהר האָט ביז איצט אויסגעקלעהרט, איז פונקט אַזוי פול מיט ווידערשפריכע, ווי דער גאָט פון די טהעאָלאָגען. אַ גוטער גאָט, וועלכער טהוט שלעכטעס, אָדער וועלכער לאָזט צו, אַז דאָס שלעכטעס זאָל געטהאָן ווערען; אַ גאָט, וואָס איז אַזוי פול מיט אונגערעכטיגקייט, און אונטער וועמעס הערשאַפט די אונשולד ווערט אַזוי אָפט און ביטער גערריקט און פערפאָלגט; אַ פאָלקאָמענער גאָט, וועלכער ברייננגט אַרויס אַזעלכע אונפאָלקאָמענע און עלענדע בעשעפעניסע — איז דען אַזאַ גאָט ניט דער גרעסטער אונבעגרייפליכסטער וואונדער?

איהר זאָגט, דאָס איהר מוזט זיך שעהמען, דאָס מען האָט געקענט אייערע מיטמענשען מאַכען גלויבען, דאָס גאָט האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ מענשען, און דאָס וואו־עס־איז אין אַ ווינקעל פון אַזיען, האָט ער זיך געלאָזט קרייציגען. איהר האַלט דעם גלויבען אין די דריי־אייניגקייט פאַר דעם העכסטען אונזינן. קיין זאַך שיינט אייך ניט צו זיין לעכערליכער, ווי דאָס גאָט זאָל זיך פערוואַנדלען אין ברויט, און וועלכער לאָזט זיך יעדען טאָג אויפעסען אויף טויזענדע פערשידענע פלעצער. אָבער זיינען דען דיזע אַלע וואונדער מעהר געגען דעם פערשטאַנד, ווי אַ גאָט וואָס נעהמט נקמה? האָט דער מענש, נאָך אייער מיינונג, אַ פרייען ווילען אָדער ניט? ניט אין דעם ערשטען און ניט אין דעם צווייטען פאַל קען אַ גאָט, וואָס האָט נור אַ פונק פון גערעכטיגקייט, איהם בעשטראָפען, אָדער בעלוינען פאַר זיינע מעשים. איז דער מענש פריי, איז ער עס דאָך, וויל גאָט האָט איהם אַזוי בעשאַפען, איז דאָך אַלזאָ גאָט די ערשטע אורזאַכע פון אַלע זיינע האַנדלונגען. און איז דער מענש ניט פריי, און טהוט דאָס וואָס ער מוז, קומט דאָך איהם אודאי קיין בעלוינונג און קיין שטראָף. פיעלע מענשען פערשטעהען גאַנץ גוט אייניציגע געוויסע נאַרישקייטען פון די רעליגיאָנען, אָבער זיי האָבען ניט דעם מוטה צוריקצוגעהן צו דעם קוואַל, פון וואַנען עס נעהמען זיך די אַלע נאַרישקייטען. מען וויל עס ניט איינזעהן, אַז דער גלויבען אין אַ

גאָט, פול מיט ווידערשפריכע, מוז פיהרען צו אַ לאַנגע רייהע פון די לעבערליכסטע פאַנטאַזיעס.

75.

די בעהויפטונג, דאס אין אלע צייטען האט יעדעס פאלק געגלויבט אין א גאט, איז נאך ווייט ניט קיין בעוויז, אז א גאט עקזיסטירט טאקע.

מען גלויבט שטיל צו מאַכען די, וואָס לייקענען אין די עקזיסטענץ פון גאָט, מיט דעם וואָס מען זאָגט זיי, אַז צו אַלע צייטען און אין אַלע לענדער איז געווען אַנערקענט די הערשאַפט פון אַ גאָט; דאָס עס איז ניט דאָ קיין פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס זאָל ניט גלויבען אין אַן אונזיכטבאַרען, מעכטיגען וועזען.

אָבער, איז דען דער גלויבען פון אַלע מענשען בכוח צו מאַכען פון אַ טעות אַן אמת? אַ בעריהמטער פילאָזאָף האָט גאַנץ ריכטיג געזאָגט, אַז די וואַהרהייט קען ניט פערניכטעט ווערען ניט דורך די אַלגעמיינע טראַדיציאָנען און ניט דערמיט, וואָס אַלע מענשען דיינקען, אַז עס איז ניט אַזוי. אַן אַנדער פילאָזאָף האָט אויך גאַנץ ריכטיג בעמערקט, דאָס אַ גאַנצע אַרמיי פון פילאָזאָפען קען ניט אומענדערן דעם עצם פון אַ פאַלשקייט און מאַכען עס פאַר אַ וואַהרהייט.

עס איז געווען אַ צייט, ווען אַלע מענשען האָבען געגלויבט, דאָס די זונן דרעהט זיך אַרום די ערד, און דאָס די ערד שטעהט שטיל אין דעם צענטער פון דעם וועלט-סיסטעם. אַלע פעלקער פון דער ערד, מיט דער אויסנאַהמע פון אייניגע געבילדעטע, גלויבען נאָך ביז היינטיגען טאָג אין מכשפים און גייסטער. פונדעסטוועגען וועט קיין שכלדיגער מענש צוליעב דעם ניט האַלטען זיך פאַר אַ מחויב אָנצונעמען דיזען גלויבען; אָבער די פערנינפטיגסטע מענשען האַלטען עס פאַר אַ חוב צו גלויבען אין אַן אַל-וועלטליכען גייסט!

76.

אלע געטער זיינען פון בארבארישער אבשטאמונג. אלע רעליגיאנען זיינען אלטע מאנומענטען פון אונוויסענהייט, פון אבערגלויבען, פון גרויזאמקייט; און די מאדערנע רעליגיאנען זיינען אלטע איבערגעניצוועטע נארישקייטען.

אַלע געטער, אין וועלכע די מענשען גלויבען, שטאַמען פון יענע צייטען, ווען די מענשען זיינען נאָך געווען באַרבאַרען. עס איז קלאָהר, אַז נור

גאַנץ נאַרישע פֿעלקער האָבען זיי ערפֿונדען, אָדער זיי זיינען אויף זיי אַרויפֿגעלייגט געוואָרען פֿון כיטרע און עהרגייציגע הערשער. די מענשען צו יענער צייט האָבען ניט געהאַט ניט די פֿעהיגקייטען און ניט דעם מוטה צו אונטערזוכען די זאַכען, וועלכע מען האָט מיט אַלע שרעקליכע און שענדליכע מיטעל געצוואונגען זיי אָנצונעהמען.

ווען מיר קוקען זיך צו אַביסעל נעהנטער צו דעם גאָט, צו וועלכען עס בעטען נאָך איצט די געבילדעטסטע נאַציאָנען, מוזען מיר מודה זיין, אַז ער טראָגט אין זיך פֿיעלע כאַראַקטערציגע פֿון אַ גאַנץ ווילדען ווערען. צו זיין ווילד מיינט, ניט אַנצוערקענען קיין אַנדער רעכט, ווי נור דאָס רעכט פֿון געוואַלט; עס הייסט צו זיין גרוויזאַם אָהן אַ שיעור און אָהן אַ מאָס; עס הייסט צו פֿאָלגען נור דעם אייגענעם קאַפּריז; עס הייסט ניט צו האָבען קיין פֿאָרזיכטיגקייט און קיין געלאַסענקייט.

די רעליגיעזע מיינונגען פֿון די מענשען פֿון אַלע לענדער זיינען נור אַלטע מאָנומענטען פֿון דער אונוויסענהייט, לייכט-גלויביגקייט, פֿורכט און גרוויזאַמקייט פֿון זייערע אור-אור-עלטערען. יעדער ווילדער איז אַ קינד, וועלכעס נעהמט מיט גרוים לוסט אין זיך אַריין אַלעס, וואָס איז איבעררעשענד און וואונדערבאַר; דאָס איז אַ קינד, וואָס דיינקט קיינמאָל ניט נאָך וועגען דאָס, וואָס רעגט אויף זיין פֿאַנטאַזיע. זיין אונקענטניס איבער די נאַטור איז די אורזאַכע, וואָרום ער ערקלעהרט אַלעס דאָס וואָס שיינט איהם צו זיין אויסעראָרדענטליך, אַלס די אַרבייט פֿון מכשפים און גייסטער. אין די אויגען פֿון דעם ווילדען זיינען די פּריעסטער מכשפים, וועלכע זיינען, נאָך זיין מיינונג, בעגאַבט מיט אַ געטליכע מאַכט, און פֿאַר וועלכע ער מוז דאָרום האָבען דעם גרעסטען רעספּעקט. וואָס זיי זאָגען איז פֿאַר איהם אַ הייליגטהום, און זיי זיין דאַגעגען קען פֿאַר איהם זיין די גרעסטע סכנה.

אין רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען זיינען די מעהרסטע מענשען נאָך אַלץ געבליבען דיזעלבע אַלטע באַרבאַרען. די מאָדערנע רעליגיאָנען זיינען בלויז אַלטע דומהייטען, וועלכע זיינען ניט מעהר ווי איבערגעטהאָן אין אַ ניי העמדעל. ווען די אַלטע ווילדע האָבען געריכטעט זייערע געבעטע צו בערג, טייכען, שלאַנגען, בוימער; ווען די קלוגע עגיפּטער האָבען געהאַלטען אַלס הייליג קראָקאָדילען, מייז, ציבעלעס א.ז.וו., טהוען מיר, ציוויליזירטע פֿעלקער ניט פֿיעל געשייטער, ווען מיר בעטראַכטען פֿאַר געטליך דעם ברויט, און ווען מיר ריידען זיך איין, אַז דורך דעם ברויט ברייגגען דאָס די פּריעסטער אַרונטער צו אונז די גאָטהייט. איז דען דער „ברויט-גאָט" ניט דער געטש פֿון פֿיעלע קריסטליכע נאַציאָנען? מיט וואָס זיינען דאָס דיזע נאַציאָנען בעסער פֿאַר די אַלטע ווילדע?

77.

אלע רעליגיעזע מנהגים טראגען דעם שטעמפעל פון דומהייט און בארבאריזמוס.

די גרויזאַמקייט, די דומהייט פֿון דעם ווילדען מענשען האָבען זיך צו אַלע צייטען אַרויסגעצייגט אין די רעליגיעזע מנהגים, וועלכע זיינען געווען גרויזאַם און דום. דער גייסט פֿון באַרבאַריי לעבט נאָך ביז היינט, ער דורכדרינגט די רעליגיאָנען, צו וועלכע עס געהערען די געבילדעטסטע פֿעלקער. זעהען מיר נאָך איצט ניט, ווי עס ווערען געבראַכט מענשליכע קרבנות צו דער גאָטהייט? זיינען דען ניט דאָ נאָך ביז איצט בלוטיגע געזעצע, נאָך וועלכע אַ מענש, וואָס גלויבט ניט אין גאָט, ווערט גע־פייניגט אויף'ן שרעקליכסטען אופן, כדי צו געפֿינען לייטזעליגקייט אין גאָט'ס אויגען, אום ער, דיזער אכזר, זאָל ניט אויסלאָזען דעם כעס אויף אַלעמען? די מאָדערנע נאַציאָנען האָבען דורך דעם איינפֿלוס פֿון זייערע פריעסטער נאָך איבערטראָפֿען די באַרבאַרישע נאַציאָנען אין גרויזאַמ־קייט. ביי די ווילדע פֿעלקער געפֿינען מיר ניט אַזאַ שרעקליכע אינסטי־טוציאָן, ווי די אינקוויזיציע.

ווען מען זעהט, דאָס געבילדעטע און געלעהרענטע נאַציאָנען קניען נאָך אימער פֿאַר דעם באַרבאַרישען גאָט פֿון די אַמאָליגע אידען, וועלכע זיינען געווען צו יענער צייט די גרעסטע באַרבאַרען; ווען מען זעהט די געבילדעטע פֿעלקער זיך צושפּאַלטען אין סעקטען, וועלכע האַסען, פֿער־אַכטען און פֿלוכען איינע די אַנדערע; ווען מען זעהט גאַנץ פֿעהיגע מענשען זיך בעשעפֿטיגען מיט דעם ווילען פֿון אַ גאָט, וועלכער איז פֿול מיט קאַפּריזען, ווילט זיך אויסרופֿען: אָה, מענשען, איהר זייט נאָך באַרבאַריש! איהר זייט נאָך אַלץ ניט מעהר ווי קליינע קינדער, ווי נור מען הויבט אָן צו ריידען פֿון רעליגיאָן.

78.

וואס עלטער א רעליגיאן איז, דאס פערדעכטיגער איז זי.

ווער עס האָט נור אַ בעגריף פֿון דער אונוויסענהייט, לייכטזיניגקייט, נאַכלעסיגקייט און דומהייט פֿון דער גרויסער מאַסע, וועט צו יעדער צייט מעהר קריטיש זיך פֿערהאַלטען צו די מיינונגען, וועלכע זיינען אַם מייסטען פֿערברייטעט. די מייסטע מענשען אונטערזוכען ניט און פֿאָרשען ניט; זיי לאָזען זיך פֿיהרען בלינד דורך די געוואוינהייט און די אויטאָ־ריטעט. זיי האַלטען זיך געוועהנליך ביי די רעליגיעזע מיינונגען, וועלכע זיי קענען אַם וויינינגסטען פֿערשטעהן. פֿרעגט נור איינעם פֿון פֿאָלק,

אויב ער גלויבט אין גאָט, און ער וועט זיין גאַנץ ערשטוינט, דאָס מען קען גאָר צווייפֿלען אין דעם. פֿרעגט איהם ווייטער, וואָס ער פֿערשטעהט אונטער דעם וואָרט „גאָט", ברייננט איהר איהם אין די גרעסטע פֿער־לעגענהייט. איהר וועט באַלד איינזעהן, אַז עס איז איהם אונמעגליך צו פֿערבינדען אירגענד וועלכען געדאַנק מיט דעם וואָרט, וועלכען זיין מויל געברויכט אַזוי אָפֿט. ער וועט אייך זאָגען, אַז גאָט איז גאָט, און איהר וועט אויסגעפֿינען, דאָס ניט ער וויים, וואָס ער דיינקט פֿון גאָט, און ער קען אויך ניט די מינדעסטע אורזאַכע, וואָרום ער גלויבט אין אַ גאָט.

אַלע פֿעלקער ריידען פֿון אַ גאָט, אָבער ווי פֿערשידען איז דער גאָט ביי יעדען פֿאָלק! און איז דער מענש אַליין אין איינקלאַנג מיט זיין מיינונג וועגען גאָט? ניין, דיזע אידעע ענדערט זיך ביי איהם לויט די ענדערונגען, וואָס קומען פֿאָר אין זיין קערפּער און גייסט. דאָס איז אַלעס אַ בעוויז, ווי אונזיכער איז דער גלויבען אין גאָט. אונטער וועלכע אומשטענדען מענשען זאָלען ניט זיין, זיינען דאָך אָבער דאָ געוויסע וואַהרהייטען, אין וועלכע אַלע זיינען איינשטימיג; מיט דער אויסנאַהמע פֿון משוגעים גיבען אַלע צו, אַז צוויי מאָל צוויי איז פֿיער, דאָס די זון שיינט, דאָס אַ גאַנצעס איז גרעסער פֿון אַ טהייל פֿון דאָס גאַנצע, דאָס גערעכטיגקייט איז אַ גוטע זאַך, דאָס מען מוז זיין גוט, אום צו געווינען די ליעבע פֿון די מענשען; דאָס אונגערעכטיגקייט און גרויזאַמקייט קענען ניט געהן האַנד אין האַנד מיט גוטסקייט. זיינען אָבער די מענשען פּונקט אַזוי איינינג צווישען זיך, ווען זיי ריידען פֿון גאָט? אַלעס וואָס זיי זאָגען און דיינקען פֿון איהם, ווערט באַלד ווידערלייגט פֿון די ווירקונגען, וועלכע מען שרייבט איהם צו.

גיט פֿערשידענע מאַהלערס אויסצומאָהלען אַ פֿאַנטאַזיע. יעדער פֿון זיי, מאַכענדיג זיך דערפֿון אַן אַנדער פֿאָרשטעלונג, וועט עס פֿערשידען אויסמאָהלען. איהר וועט ניט געפֿינען קיין עהנליכקייט צווישען די בילדער פֿון דער פֿאַנטאַזיע, וועמעס פֿאָרטרעט פֿערשידענע מאַהלערס האָבען געמאָהלט. און מאָהלען דען אַלע טהעאָלאָגען עטוואָס אַנדערס, ווי אַ פּוסטע פֿאַנטאַזיע, וועלכע יעדער מאָהלט און פּוצט אוים אויף זיין שטייגער? — טו פֿון וואַנען זאָל זיך נעהמען די איינינקייט?

עס זיינען ניטאָ קיין צוויי מענשען אויף דער ערד, וואָס זאָלען האָבען דיזעלבע אידעען פֿון זייער גאָט.

79.

וועגען דער לעהרע, דאָס גאָט האָט זיך געוויזען צו די מענשען.

מען וויל אונז איינריידען איבער דער גאַנצער וועלט, דאָס אַ גאָט האָט זיך בעוויזען צו די מענשען. וואָס האָט ער אָבער זיי געלאָזט

וויסען? האָט ער זיי זיכער בעוויזען, דאָס ער עקזיסטירט? ער האָט זיי געזאָגט, וואו ער געפינט זיך? האָט ער זיי געזאָגט, וואָס פאַר א וועזען ער איז? האָט ער זיי ערקלעהרט דייטליך זיינע פלענער און געדאַנקען? און ווען ער האָט עס יאָ געזאָגט, שטימט עס דען איין מיט דעם, וואָס ער טהוט אָדער עס פאַסירט מיט זיין ווילען? ניין, געוויס ניט! עס הייסט נור, אַז גאָט האָט געזאָגט צו די מענשען, אַז ער „איז דער, וועלכער איז", דאָס ער איז אַ פערבאָרגענער גאָט, דאָס זיינע וועגען קענען ניט אויסגעפאָרשט ווערען, דאָס ער ווערט שרעקליך בייז, ווען מען האָט נור דעם מוטה צו וועלען פערשטעהן זיינע מעשים אָדער, ווען מען וויל נור געברויכען דעם שכל צו אורטהיילען איבער איהם און זיינע ווערק.

ווען איך פאָרש נאָך דעם געטליכען ווילען, ווי ער איז אויסגעדריקט אין די כלומרשט געטליכע אַנטפּלעקונגען, געפין איך נור לעבערליכע פאָרשריפטען, צערעמאָניעס, וואָס קיינער פערשטעהט ניט זייער צוועק, קינדערשע מנהגים, און אַן עטיקעטע, וועלכע פאַסט זיך גאָר ניט צו דער נאַטור פון אַ מאָנאַרך, נדבות, קרבנות, כפרות, וועלכע זיינען אין דער ווירקליכקייט זעהר ניצליך פאַר גאָט'ס פריעסטער אָבער זעהר שווער און שעדליך פאַר די אַלע איבעריגע בירגער. איך געפין אויך, אַז דיזע אַלע געזעצע האָבען דעם צוועק צו פערשפרייטען קנאה און שנאה צווישען די מענשען, צו מאַכען די מענשען זיך אויפפיהרען ווי ווילדע חיות איינע געגען די אַנדערע, ווען זייערע גלויבענס אין דעם גאָט, וועלכער זאָל זיך האָבען בעוויזען צו דעם מענשען, איז פערשידען.

80.

וואו איז דען דער בעוויז, אז גאט זאל זיך האבען אמאל בעוויזען צום מענשען און מיט איהם גערעדט?

זיינען דען די זיטען־לעהרען, וועלכע ווי מען זאָגט שטאַמען פון גאָט אַליין, ווירקליך געטליך אָדער בעסער פאַר די, וועלכע יעדער דיינקענדער מענש קען אויסטראַכטען? אָדער זיינען זיי נור דאַרום געטליך, ווייל קיין מענש קען ניט פערשטעהן און איינזעהן וואָס פאַר אַ נוצען זיי ברייננען? נאָך דיזע לעהרע איז עס די גרעסטע טוגענד, ווען דער מענש פערלייקענט, פערקריפעלט זיין אייגענע נאַטור, ווען דער מענש אָפּפערט אויף זיין שכל, און ווען ער האַסט און פיינגט זיך זעלבסט. דיזע געט־ליכע פאָרשריפטען לעהרנען אונז די ערהאַבענקייט פון אַ האַנדלונג, וואָס איז גרוייזאַם געגען זיך אַליין און ברייננגט די אַלע אַנדערע קיין נוצען ניט.

ווי אַזוי האָט זיך עס גאָט בעוויזען? האָט ער זעלבסט געלאָזט וויסען זיינע געזעצע? האָט ער מיט זיין אייגענעם מויל גערעדט צו די מענשען? מען זאָגט, דאָס גאָט האָט זיך קיינמאָל ניט בעוויזען צו אַ גאַנצען פֿאָלק, נור דאָס ער האָט דערצו זיך בענוצט מיט איינינע אויסגעקליבענע מענשען, וועלכע האָבען גענומען אויף זיך די שווערע אַרבייט איבערצוגעבען דעם איבעריגען פּראָסטען פֿאָלק גאָט'ס ווילען. דאָס פֿאָלק אַליין האָט קיינמאָל די זכיה ניט געהאַט צו ריידען מיט גאָט און אַריינצוגעהן אין קדשי קדשים. נור די געטליכע דיענער אַליין האָבען געהאַט דאָס רעכט אַהין אַריינצוגעהן און דערצעהלען דעם פֿאָלק, וואָס דאָרט טהוט זיך.

און ווען איך בעקלאָג מיך, דאָס איך געפֿין ניט אין די געטליכע ענטפּלעקונג, ניט די חכמה, און ניט די גוטסקייט, און ניט די גערעכטיגקייט, וועלכע פּאַסען פֿאַר אַ גאָט; ווען איך האַלט שטאַרק אין חשד די אַלע, וואָס שפּיעלען זיך אויף אַלס פֿערמיטלער צווישען גאָט און מענש, און ערקלעהר זיי אַלס איינפֿאַכע שאַרלאַטאַנעם און בעטריגער, פֿערזיכערט מען מיר, דאָס גאָט האָט זיין הסכמה געגעבען צו דער מיסיאָן פֿון דיזע מענשען דורך די וואונדער, וועלכע ער האָט בעוויזען דורך זיי.

אָבער דאַן פֿרעג איך, וואָלט עס דען ניט געווען פֿיעל איינפֿאַכער זיך אַליין צו ציינען צום עולם און ריידען מיט איהם? און ווען מיר פֿאַלט אַמאָל איין צו אונטערזוכען דיזע אַלע וואונדער, געפֿין איך, אַז זיי זיינען אונוואַהרשיינליכע געשיכטען, דערצעהלט פֿון מענשען, וועלכע האָבען געהאַט די גרעסטע אינטערעסע, אַז די אַלע אַנדערע מענשען זאָלען גלויבען, אַז זיי זיינען די געשיקטע פֿון גאָט.

וואָס פֿאַר עדות ברייננט מען אונז דען, אום מיר זאָלען קענען גלויבען אין די אונגלויבליכע וואונדער? מען ווייזט אונז אָן אויף דעם, וואָס גאַנץ פּראָסטע מענשען האָבען מיט טויזענד יאָהרען צוריק געזאָגט, אַז זיי האָבען געזעהן. אָבער, ווען עס זאָל שוין אפילו אמת זיין, אַז יענע פּראָסטע מענשען האָבען טאַקע עס אַזוי געזאָגט, קען מען דאָך אָבער האָבען דעם פֿערדאַכט, דאָס זיי האָבען זיך געלאָזט פֿערפֿיהרען פֿון זייער אייגענער איינבילדונג, אָדער זיך געלאָזט פֿערבלענדען פֿון די קונצען פֿון גאַנץ געשיקטע שווינדלער.

אָבער, ענטפֿערט מען אויף דעם, דיזע וואונדער זיינען דאָך פֿערשריבען אין די ביכער, וועלכע זיינען דורך פֿיעלע טראַדיציאָנען געקומען צו אונז. ווער האָט עס איבערגעגעבען דיזע אַלע וואונדער? עס זיינען אָדער דיזעלבע מענשען, וואָס האָבען געגרינדעט די רעליגיאָ-

נען, אָדער דאָס זיינען געווען זייערע אַנהייגגער. הייסט עס אַלזאָ, אַז וואָס די רעליגיאָן אָנבעלאַנגט זיינען גראַדע די עדות די ריכטיגע, וועלכע זיינען אַליין פּעראינטערעסירט אין דער זאַך, און אַ רשע איז דער וואָס צווייפעלט אָדער בעשטרייט די גלויבווירדיגקייט פון זייערע וואונדער!

81.

אויב גאט האט יא גערעדט, דאן איז עס גאנץ זאנדערבאר, וואס ער האט צו די אנהענגער פון יעדער סעקטע גערעדט גאנץ אנדערש.

גאָט האָט אויף פערשידענע אופנים גערעדט צו יעדען פאָלק אין יעדען לאַנד. דער אינדיער גלויבט ניט אַ וואָרט פון דאָס אַלעס, וואָס ער האָט גערעדט צו די כינעזער. דער מחמד'אַנער האַלט פאַר אַן אויסגעטראַכטע מעשה דאָס, וואָס גאָט האָט גערעדט צו די קריסטען. דער איד בעטראַכט ביידען, דעם קריסט און מחמד'אַנער, אַלס געמיינע פעלשער פון דער הייליגער תורה, וועלכע זיין גאָט האָט געגעבען צו זיינע אבות. דער קריסט, שטאָלץ אויף די נייעסטע אָפּענבאַרונג, פערדאַמט דעם אינדיער, דעם כינעזער, דעם מחמד'אַנער און אויך דעם איד, פון וועמען ער האָט איבערגענומען די הייליגע ביכער. ווער האָט אונרעכט אָדער רעכט? יעדער שרייט: איך בין עס! יעדער ברייגגט דיזעלבע בעווייזע, יעדער רעדט צו אונז פון זיינע וואונדער, זיינע נביאים און זיינע מערטירער. דער פערנינפטיגער מענש ענטפערט דערויף, אַז זיי זיינען אַלע משוגע; דאָס גאָט האָט קיינמאָל צו קיינעם ניט גערעדט, אויב עס איז אמת, אַז ער איז אַ גייסט, וועלכער האָט ניט קיין מויל און ניט קיין צונג; דאָס גאָט האָט ניט געקענט, ניט בעדיענענדיג זיך מיט די אָרגאַנען פון אונז געוועהנליכע בשר ודם'ס, דערצעהלען זיינע בעשעפּניסע, וואָס זיי זאָלען דיינקען פון איהם און וואָס ער פערלאַנגט פון זיי.

די אָנהייגגער פון די פערשידענע רעליגיאָנען בעשולדיגען איינע די אַנדער אין אַבערגלויבען און גאָטלאָזיגקייט. די קריסטען עקעלט פאַר דעם היידנישען, מחמד'אַנישען און כינעזישען אַבערגלויבען. די רוימישע קאַטאָליקען רופען די פּראָטעסטאַנטישע קריסטען גאָטעסלעסטערער. און די לעצטע זיינען אין אייביגער מלחמה מיט דעם גלויבען פון רוים. זיי האָבען אַלע רעכט. גאָט-לעסטערונג מיינט צו האָבען שלעכטע מיינונגען פון אַ גאָט, צו וועמען מען בעט. צו זיין אַבערגלויביש, מיינט ניט צו האָבען פון גאָט קיין ריכטיגע פאָרשטעלונג. און די אַלע פערשידענע רעליגיעזע מענשען, בעשולדיגענדיג איינע די אַנדערע אין

אבערגלויבען, זיינען גלייך צו יענע האַרבאַטע, וועלכע רופען איינע די אַנדערע: קייליקעס.

זיינען עפּעס דייטליך די ערקלעהרונגען, וועלכע גאָט זאָל האָבען אַנטפּלעקט דורך זיינע אויסערוועהלטע שלוחים? אָך, עס זיינען ניט דאָ קיין צוויי מענשען, וועלכע זאָלען זיי פערשטעהן אויף דעם זעלבען אופן. און די, וועלכע ערקלעהרען עס פאַר דעם המון, זיינען צווישען זיך אונאייניג. אום דיזע אַנטפּלעקונגען עטוואָס קלאָהר צו מאַכען, העלפט מען זיך מיט בילדער, מיט פּשט'לאַך, פּלפּולים. איבעראַל דאַרף מען די הילפע פון מענשליכען גייסט אום פונאַנדער־צופּלאָנטערן דאָס, וואָס גאָט זאָל האָבען געזאָגט. און דאָס מערקווירדיגסטע פון אַלעם איז, דאָס גאָט האָט אימער אויסגעקליבען צו ענטפּלעקען זיינע סודות אַלץ אַזעלכע מענשען, וועלכע מען קען פערדעכטיגען, דאָס אָדער זיי האָבען זיך זעלבסט אָבגענאַרט, אָדער זיי האָבען געהאַט גענוג גרונד צו נאַרען אַנדערע.

82.

די אבסורדיטעט פון די זאגענאנטע וואונדער.

די גרינדער פון אַלע רעליגיאָנען האָבען בעוויזען, דאָס זיי זיינען די געשיקטע פון גאָט דורך נסים. וואָס איז אָבער אַ נס?

דאָס איז אַ פּראָצעס, וואָס איז דירעקט געגען די געזעצע פון דער נאַטור. ווער אָבער האָט, נאָך אייער מיינונג, געמאַכט דיזע נאַטור־געזעצע? גאָט. הייסט עס דאָך, אַז גאָט, וועלכער האָט נאָך אייער מיינונג אַלעס פאָראויסגעזעהן, שטערט אַליין זיינע אייגענע פון איהם געמאַכטע געזעצע, וועלכע צייגען אַזוי שטאַרק אַרויס זיין גרויסע חכמה. הייסט עס אַלזאָ, אַז דיזע געזעצע זיינען פעהלערהאַפט, אָדער דאָס אונטער געוויסע אומשטענדען, שטימען זיי ניט מיט גאָט'ס פּלענער, ווייל איהר זאָגט דאָך אַליין, אַז גאָט האָט זיי געמוזט אָבשאַפען און האַנדלען דאַגעגען זיי. מען וואָלט אונז זעהר געוואָלט איבערצייגען, דאָס איינינגע הייליגע מענער קענען שאַפען וואונדער, אָבער אום צו שאַפען אַ וואונדער, מוז מען דאָך האָבען די פעהיגקייט צו שאַפען נייע אורזאַ־כען, וועלכע זאָלען אַרויסברייינגען נייע פאָלגען, וועלכע זיינען צוואווידער דער נאַטור פון די אַלטע אורזאַכען. קען מען עס אָבער בעגרייפען, אַז גאָט וועט געבען אירגענד וועלכען מענשען די אונבע־גרייפליכע מאַכט צו שאַפען פון דעם תוהו־ובוהו נייע אורזאַכען? איז עס צו גלויבען, אַז אַ גאָט, וועלכער ענדערט זיך ניט, זאָל געבען דעם מענשען די מאַכט צו ענדערן זיין פּלאַן, אָדער צו פערבעסערען — אַ

מאַכט, וועלכע ער אַליין, נאָך דעם עצם פון זיין אונפערענדערליכקייט, האָט ניט!

די וואונדער, ניט נור וואָס זיי פערשאַפען גאָט ווייניג כבוד, ניט נאָר בעווייזען זיי ניט די געטליכקייט פון יעדער רעליגיאָן, נור פערקעהרט, זיי צושטערען די אַלע אידעען פון אייביגקייט, פון בעשטענדיגקייט, פון אונפערענדערליכקייט, וואָס מיר האָבען פון גאָט. וואָס פאַר אַ פנים האָט דער טהעאָלאָג מיט די אַלמעכטיגקייט פון זיין גאָט, ווען ער קומט אונז דערצעהלען אַ מעשה, אַז גאָט האָט געמוזט מאַכען אַ נס, ד.ה., צושטערען זיינע אייגענע געזעצע, זיינע אייגענע פלענער, אום אויסצו־פיהרען ביי די מענשען, אַז זיי זאָלען איהם כאָטש עטוואָס גלויבען. און פערגעסט ניט, אַז קיינמאָל טהוט ניט גאָט אַליין דיזע וואונדער. שטענדיג דאַרף ער דערצו האָבען די מענשליכע הילף. עס דאַרף דוכט זיך קלאָהר זיין פיר יעדען וואָס האָט נור עטוואָס מארך אין קאָפ, אַז אַן אַלמעכ־טיגער וועזען דאַרף נור וועלען, דאָס אַלע זאָלען גלויבען וואָס ער וויל, ניט געברויכענדיג דערצו פערשידענע קונץ־שטיק.

83.

וואס פאר א שליסע מען דארף ציהען פון די דערצעהלטע נסים.

וואָס זאָלען מיר דיינקען פון רעליגיאָנען, וועלכע בעגרינדען זייער געטליכקייט אויף נסים, אויף וועלכע זיי אליין וואַרפען אַ שטאַרקען חשד? ווי זאָלען מיר גלויבען די וואונדער, איבער וועלכע עס ווערט דערצעהלט אין די הייליגע ביכער פון די גלוביגע, וואו גאָט אַליין בע־ריהמט זיך, אַז ער מאַכט האַרט די הערצער און פערבלענדעט די אויגען פון די, וועמען ער וויל פערדאַרבען; וואו גאָט אַליין ערלויבט די בייזע גייסטער און מכשפים צו ווייזען פונקט אַזעלכע גרויסע וואונדער, ווי די פון זיינע אייגענע דיענער; וואו עס ווערט נביאות געזאָגט, דאָס דער אפי'ורום וועט האָבען די מאַכט צו ווייזען פונקט אַזעלכע וואונדער, וועלכע זיינען אימשטאַנד צו מאַכען זיך גוט ט־ייסלען דעם גלויבען פון גאָט'ס אויסערוועהלטע? ווי זאָלען מיר דערקענען, אויב גאָט וויל אונז בעלעהרען אָדער גאָר שטלען אונז אַ פאַסטקע? ווי אַזוי זאָלען מיר וויסען, אויב די וואונדער קומען פון גאָט אָדער גאָר פון טייפעל? אום צו העלפען אונז פון דיזער פערלעגנהייט, זאָגט פאַסקאַל מיט אַ גרויסען אָנשטעל פון ערנסטקייט, דאָס מען מוז די לעהרע נאָך די וואונדער און די וואונ־דער נאָך דער לעהרע בעאורטהיילען. אויב עס איז געוועזען אַמאָל אַ לעבערליכער פלאָנטער, איז עס זיכער דער אַרגומענט פון פאַסקאַל, פון איינעם פון די גרעסטע פערטהיידיגער פון דער קריסט־ליכער רעליגיאָן. וועלכע רעליגיאָן אין דער וועלט מיינט דען ניט, אַז

זי איז די בעסטע און ברייננט ניט אַ גאַנצען זאַק מיט וואונדער צו אונטערשטיצען איהר בעהויפּטונג?

איז אַ נס אימשטאַנד צו פערניכטען די קלאָהרקייט פון אַ בעוויזענע וואַהרהייט? ווען אַ מענש וואָלט בעזעסען די געהיימנים צו היילען אַלע קראַנקע, צו מאַכען גלייך אַלע הינקעדיגע, לעבעדיג צו מאַכען אַלע טויטע, אויפצוהויבען זיך אין דער לופט, אָבצוהאַלטען דעם לויף פון דער ערד, וואָלט ער דערמיט מיר געקענט בעווייזען, אַז צוויי מאָל צוויי איז ניט פיער? דאָס איינס איז דריי און דריי איז איינס? דאָס דער גאָט וואָס פילט אָן די גאַנצע וועלט מיט זיין גרויסקייט, האָט זיך מיט אַמאָל געקענט פערוואַנדלען אין אַן אַזיאַטישען איד? דאָס אַ גאָט, וועלכען מען רופט אונפערענדערליך, וואָס זעהט אַלעס פאָראויס און איז אַזוי קלוג, האָט פלוצלונג געענדערט זיין מיינונג איבער זיין רעליגיאָן, זיין אייגענע אַרבייט און האָט איהר אָנגעהויבען אויסבעסערען?

84.

נאך די פרינציפּען פון דער רעליגיאן גופא, דארף יעדע נייע אפענבארונג בעטראכט ווערען אלס גאטעס-לעסטערונג.

יעדע רעפאָרם, וואָס מענשען מאַכען אין אַ רעליגיאָן, איז אמת'ע גאָטעס-לעסטערונג; וואָרום מיינט דען ניט יעדע רעפאָרם אין רעליגיאָן, אַז גאָט האָט ניט געקענט געבען זיין רעליגיאָן די נויטיגע שטאַרקייט און פאָלקאָמענהייט? ווען מען זאָגט, אַז גאָט, ווען ער האָט געגעבען דאָס ערשטע געזעץ, האָט זיך בלויז צוגעפּאַסט צו די אויבערפלעכליכע אידעען פון דעם פאָלק, וועלכען ער האָט געוואָלט אויפקלעהרען, מיינט עס דאָך ניט קיין אַנדער זאַך, דאָס גאָט האָט ניט געהאַט ניט די מאַכט און ניט דעם ווילען צו מאַכען דעם פאָלק, וועלכען ער האָט געוואָלט אויפקלעהרען, אַזוי פערשטענדיג, ווי עס האָט געמוזט זיין, אום איהם געפעהלען צו ווערען.

דער קריסטענטהום איז אַ גאָטס-לעסטערונג, אויב עס איז ווירקליך אמת, אַז דער יודענטהום איז אַמאָל געוועזען אַ רעליגיאָן, וועלכע איז געקומען פון אַלמעכטיגען גאָט גופא. קריסטענטהום מיינט אָדער פעהלער אין דעם געזעץ, וועלכען גאָט האָט געגעבען דורך משה, אָדער שוואַכקייט און בייזקייט אין דעם גאָט, וועלכער האָט ניט געהאַט ניט די מאַכט און ניט דעם ווילען די אידען אַזוי צו בעשאַפען, דאָס זיי זאָלען איהם קענען געפעהלען. אַלע נייע רעליגיאָנען אָדער די רעפאָרמען אין די אַלט רעליגיאָנען זיינען נאָר בעגרינדעט אין גאָט'ס לייכטזיניגקייט, נאַרישקייט אָדער בייזקייט.

85.

זאגאר די בלוט פֿון די מערטירער איז א בעוויז געגען די וואונדער און געטליכקייט פֿון קריסטענטהום.

ווען די געשיכטע דערצעהלט מיר פֿון די ערשטע אַפּאָסטעלס, פֿון די גרינדער אָדער רעפֿאָרמאַטאָרס פֿון די רעליגיאָנען זעהר גרויסע וואונדער, ערצעהלט זי מיר אָבער אויך גלייכצייטיג, דאָס דיזע אַפּאָס־טעלס און רעפֿאָרמאַטאָרס זיינען געווען אין זייער צייט פֿון אַלעמען פֿעראַכטעט, פֿערפֿאָלגט, און אַלס רוהע שטערער אויך געטויטעט. עס ווילט זיך מיר דאַרום שטאַרק ניט גלויבען, אַז זיי האָבען ווירקליך אויפֿ־געטהאָן די אַלע וואונדער, וואָס מען דערצעהלט זיך אָן פֿון זיי. און ווירקליך, דורך זייערע וואונדער האָבען זיי דאָך געדאַרפֿט געווינען אין דער מאַסע אַ סך אָנהייננער, וועלכע וואָלטען זיי געווים געשיצט געגען אַלע צרות. מיין ניט־גלויבען ווערט נאָך פֿיעל גרעסער ווען מען זאָגט מיר, דאָס דיזע וואונדער אויפֿטהוער זיינען שרעקליך געקוועלט געוואָרען און דאַן געטויטעט. ווי זאָל מען גלויבען, דאָס גאָט׳ס שלוחים, פֿערטרויט מיט אַזאַ געטליכע מאַכט און מיט אַזעלכע פֿעהיגקייטען אויפֿצוטהאָן אַזוי פֿיעל וואונדער, האָבען צום מאָל ניט געקענט אויפֿטהאָן פֿאַר זיך דיזען קליינעם וואונדער צו שיצען זיך געגען די פֿערפֿאָלגונגען פֿון זייערע פֿיינד?

מען בעטראַכט דיזע פֿערפֿאָלגונגען גופא אַלס אַ בעוויז פֿאַר דער רעליגיאָן פֿון די, וועלכע האָבען אויסצושטעהן אַזוי פֿיעל צרות. אָבער אַ רעליגיאָן, וועלכע בעריהמט זיך מיט דעם טויט פֿון אַזוי פֿיעל מער־טירער, און וועלכע דערצעהלט אונז, דאָס איהרע פֿערברייטער און לעהרער האָבען געמוזט אויסשטעהן אַלערליי פיין און שמערץ, קען ניט זיין די רעליגיאָן פֿון אַן אַלמעכטיגען און גערעכטען גאָט. אַ גוטער גאָט וואָלט ניט צוגעלאָזען, אַז גראַדע די מענשען, וואָס האָבען אויף זיך גענומען די אויפֿגאַבע צו פֿערברייטען זיין לעהרע און לאָזען וויסען די מענשען זיין ווילען, זאָלען אַזוי שלעכט בעהאַנדעלט ווערען. אַן אַלמעכ־טיגער גאָט, ווען ער וואָלט געוואָלט גרינדען אַ רעליגיאָן, וואָלט ניט געפֿיהרט זיינע געטרייעסטע דיענער אין אַזעלכע פֿערפלאָנטערטע און פֿינסטערע וועגען. ווען מען זאָגט, אַז עס איז גאָט׳ס ווילען, אַז די רעליגיאָן זאָל בעזיעגעלט ווערען דורך מענשען בלוט, הייסט עס צו זאָגען, אַז דיזער גאָט איז שוואַך, אונגערעכט, אונדאַנקבאַר און בלוט־דורשטיג, און דאָס ער איז אויף אַ זעהר העסליכען אופֿן מקריב זיינע געזאַנדטע צו זיינע עהרגייציגע פלענער.

86.

אויך דער פאַנאַטיזמוס פון די מערטירער בעווייזט ניט די וואהרהייט פון דער רעליגיאָן.

צו שטאַרבען פאַר אַ רעליגיאָן איז נאָך ניט קיין בעוויי, אַז זי איז וואַהר אָדער געטליך. העכסטענס קען עס זיין אַ בעוויי, דאָס די וואָס שטאַרבען פאַר איהר דיינקען, אַז זי איז וואַהר. אַ פאַנטאַזיאַר בעווייזט דורך זיין טויט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נור דאָס דער רעליגיעזער פאַנאַטיזמוס איז מאַנכעסמאַל שטאַרקער, ווי די ליעבע צום לעבען. אויך אַ בעטריגער קען אַמאָל שטאַרבען מוטהיג; ער מאַכט דאַן, ווי דער ווערטעל געהט, פון דער נויט אַ טוגענד. מאַנכעסמאָל ווערט מען איבעררײַשט און געריהרט פון דעם אַנבליק פון איידעלע מוטהיגקייט און זעלבסט־לאָזען שטרעבען, וועלכע מאַכען פיעלע מענשען צו פריידיגען די לעהרע, ווען עס איז זאָגאַר דאָ די גרעסטע געפאַהר, אַז זיי זאָלען דערפאַר שרעקליך פערפאָלגט ווערען. פון דיזער איבערגעבענהייט פאַר'ן מענש־ליכען גליק ציהט מען שליסע צוגונסטען פון דערר עליגיאָן, וועלכע דיזע איידעלע מענשען פריידיגען. אָבער אין גרונד גענומען איז דיזע איידעל־קייט און גוטסקייט נור עטוואָס וואָס דוכט זיך. ווער עס וואַגט ניט, דער געווינט ניט. אַ מיסיאָנער וויל מיט דער הילפע פון זיין לעהרע מאַכען זיין גליק. ער ווייס, דאָס ווען עס וועט איהם אָבגליקען, וועט ער ווערען בעריהמט, ער וועט ווערען דער הערשער איבער די, וועלכע וועלען איהם קרוינען אַלס זייער פיהרער. ער איז זיכער צו ווערען אַזאַ מענש, פאַר וועלכען אַלע וועלען זאָרגען, און פאַר וועמען מען וועט האָבען די גרעסטע אַכטונג. ער האָט אַ גוטען גרונד צו ערוואַרטען, אַז עס וועט איהם קיין זאַך ניט פעהלען. דאָס זיינען די אמת'ע אורזאַכען, וועלכע בלאָזען אויף אין אַזעלכע העלע פלאַמען דעם ענטהוזיאַזמוס און די ליעבע פון מאַנכע רעליגיאָנס־פריידיגער, וועלכע מען זעהט אַרומרייזען איבער דער וועלט.

צו שטאַרבען פאַר אַ מיינונג בעווייזט אויף אַזוי פיעל די וואַהרהייט אָדער די גוטסקייט פון דיזער מיינונג, ווי דער שטאַרבען אויף'ן שלאַכט־פעלד בעווייזט דעם גוטען רעכט פון דעם קעניג, פאַר וועמעס אינטע־רעסען אַזוי פיעל גוטע מענשען זיינען נאַריש גענוג זיך אויפצואָפּפערען. דער מוטה פון אַ מערטירער, וועלכער איז פער'שכור'ט פון דער אידעע פון אַ גן עדן, איז אין קיין פאַל ניט איבערנאַטירליכער, ווי דער מוטה פון אַ סאָלדאַט, וועלכער, געבלענדעט פון דער אידעע פון בעריהמטהייט, געהט רוהיג דעם טויט אַנקעגען. וואָס פאַר אַן אונטערשייד איז דען דאָ צווישען אַ ווילדען איראָקעזער, וועלכער זינגט, וועהרענד ער ווערט

פֿערברענט ביי אַ לאַנגזאַמען פֿייער און אַ מאַרטירער פֿון רעליגיאָן? די פֿריידיגער פֿון אַ נייער לעהרע ווערען פֿערפֿאָלגט און בעזיעגט, ווייל זיי ויינען די שוואַכערע. די אַפּאָסטעלס אַרבייט איז געוועהנליך אַ געפֿעהר־ליכע. און דער מוטהיגער טויט זייערער בעווייזט ניט מעהר די וואַהרהייט פֿון זייערע פּרינציפּען, ווי דער טויט פֿון אַ סטראַסען־רויבער איז ניט קיין בעוויז, דאָס ער האָט רעכט געהאַט צו שטערען די רוהע פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט. די אַרבייט פֿון דעם מיסיאָנער האָט צו יעדער צייט געגעבען שפּייז און נאַהרונג דעם מענשליכען עהרגייץ, און אויך די מעגליכקייט צו לעבען בעקוועם אויף די קאָסטען פֿון דעם פּראָסטען פֿאָלק. דיזע פֿאָרטהיילע זיינען שוין גענוג, אום ניט צו קוקען אויף די געפֿאַהרען, וועלכע רינגלען זיי אַרום.

87.

די טהעאָלאָגיע מאכט פון איהר גאט א פיינדפון מענשליכען שכל און פערשטאנד.

איהר, גאָטעס געלעהרטע, זאָגט אונז, דאָס „וואָס עס איז נאַריש־קייט אין די אויגען פֿון מענשען, איז די גרעסטע חכמה ביי גאָט, וועלכער האָט הנאה צו פֿערפּלוטענען די חכמה פֿון די חכמים". אָבער זאָגט איהר אונז אויך ניט צו גלייכער צייט, דאָס די חכמה איז אַ מתנה פֿון הימעל? ווען איהר זאָגט אונז, דאָס אונזער חכמה געפֿינט ניט חן אין גאָטס אויגען, דאָס אין זיינע אויגען איז זי בלויז נאַרישקייט, דאָס ער פֿערטומעלט די קעפּ פֿון די קלוגע, זאָגט איהר דאָך שוין דערמיט אַליין, דאָס אייער גאָט איז דער פֿריינד פֿון די נאַרען, און דאָס ער וועט זיך שרעקליך אָברעכענען מיט דעם מענשען, וואָס האָט אַ ביסעל מאַרך אין קאָפּ. איז עס ניט עפּעס מאָדנע, דאָס מען קען גאָר דאַן זיין אַ פֿיינד פֿון אייער גאָט, ווען מען ערקלעהרט זיך פֿאַר אַ פֿיינד פֿון אויפֿקלעהרונג און פֿון דעם געזונדען מענשען־פֿערשטאַנד?

88.

גלויבען און פערשטאנד זיינען קיינע מחותנים, און צווישען דיביידע איז דער לעצטער פיעל מעהר ווערטה.

נאָך די בעגריפֿע פֿון דער טהעאָלאָגיע איז דער גלויבען אַ צושטימונג וואָס ווערט געגעבען פֿון איינעם אָהן פֿערשטאַנד, אָהן איבערלייגונג. די רעליגיאָן פֿערלאַנגט, אַז מען זאָל גלויבען אין אַלעס, וואָס איז ניט קלאָהר, דונקעל, וועלכעס איז אָפֿט גאַנץ דאַגעגען דעם שכל הישר. נון,

ווען מען זאָגט, אַז דער שכל הישר קען ניט זיין קיין ריכטער איבער'ן גלויבען, גיט מען דען ניט צו, אַז גלויבען אין שכל קענען ניט געהן האַנד אין האַנד? די טהאַטזאַך, דאָס די דיענער פֿון גאָט האָבען בע־שלאָסען דעם מענשליכען פֿערשטאַנד אַריינצוליינען אין חרם, איז דער בעסטער בעווייז, דאָס זיי אַליין האָבען אויסגעפֿונען, אַז שכל און גלויבען זיינען צווישען זיך ווי פֿייער מיט וואַסער. „גיט אויף אייער פֿערנונפֿט, טרויט ניט אייערע אויגען, אייערע אויערען און אַלע אַנדערע חושים אייערע. אונטערוואַרפֿט אייך, גאָר ניט פֿרעגענדיג קיין קשיות, צו אַלעס וואָס מיר גיבען אייך אַלס די געבאָט פֿון הימעל". דאָס איז די אַלגעמיינע שפּראַך פֿון אַלע פּריעסטער פֿון דער גאַנצער וועלט. איבער קיין איינ־ציגען פּונקט הערשט קיין איינשטימיגקייט צווישען זיי, אויסער אין דעם פּונקט, אַז מען טהאָר ניט נאָכדיינקען, ווי באַלד עס האַנדעלט זיך אום די פּרינציפּען, וועלכע זיי האַלטען פֿון דער גרעסטער וויכטיגקייט פֿאַר אונזערע נשמות. דער דיינקענדער מענש האָט דאַרויף נור איין זאַך צו ענטפֿערען:

איך וויל ניט אויפאָפּפֿערען מיין פֿערשטאַנד, ווייל נור דער פֿערשטאַנד אַליין איז אימשטאַנד צו לעהרנען מיר צו מאַכען אַ חילוק צווישען דעם וואָס איז גוט און שלעכט, אמת און פֿאַלש. אויב, ווי איהר זאָגט, מיין שכל קומט פֿון גאָט, וועל איך קיינמאָל ניט גלויבען, דאָס אַ גאָט, וועלכען איהר האַלט פֿאַר אַזוי גוט, זאָל מיר נור האָבען געגעבען די פֿערנונפֿט, אום צו שטעלען פֿאַר מיר אַ פֿאַסטקע, אין וועלכע איך זאָל אַריינפֿאַלען און ברעכען האַלז און געניק. פּריעסטער! זעהט איהר דען ניט, דאָס ווען איהר טרעט אַזוי דעם פֿערשטאַנד מיט די פֿיס, פֿערלוימדעט איהר אייער גאָט, וועמעס מתנה צו די מענשען איז געווען דער שכל, וואָס ער האָט אונז געגעבען?

איך וועל זיך ניט ענטזאַגען פֿון דער ערפֿאַהרונג, ווייל זי איז ניט דער ערך אַ פֿיעל בעסערער פֿיהרער אין לעבען, ווי די פֿאַנטאַזיע, אָדער אַלס די אויטאָריטעט פֿון די פֿיהרער, וועלכע מען וויל אויפֿצווינגען אויף מיר. דיזע ערפֿאַהרונג לעהרענט מיר, דאָס דער ענטהוזיאַזמוס און אַמביציע קענען פֿערשלעפּען אייך אין אַלערליי טעות'ן, און דאָס מיין ערפֿאַהרונג איז פֿאַר מיר פֿיעל מעהר ווערטה, ווי די צייגניסע פֿון מענשען, פֿון וועמען איך דיינק, דאָס אָדער זיי זיינען נאַרען און קענען זיך אַליין אָבנאַרען, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבען אַן אינטערעס אַנדערע צו נאַרען.

איך וועל ניט פֿערלייקענען מיינע חושים, ווייל איך ווייס, אַז טראָץ דעם וואָס זיי קענען מיר מאַנכעסמאָל טאַקי פֿערפֿיהרען, אָבער פֿון דער אַנדערער זייט ווייס איך, דאָס זיי וועלען מיר ניט אַלע

מאָל אָבנאַרען. איך ווייס זעהר גוט, אַז די אויג ווייזט מיר די זונן פיעל קלענער, ווי זי איז אין דער אמת'ן, אָבער די ערפאַהרונג, וועלכע איז נור די אייבינגע אויפפאַסונג פון די חושים, לעהרענט מיר, דאָס וואָס אַ זאַך איז ווייטער פון אונז, דאָס קלענער זעהט זי אויס. און אויף אַזאַ אופן קום איך צו דער איבערצייגונג, דאָס די זונן איז פיעל גרעסער, ווי אונזער ערד.

ווען מען וואָרענט מיר ניט צו טרויען מיינע חושים, פערניכטעט מען פאַר מיר אויך די בעוויזע פון יעדע רעליגיאָן. ווען די מענשען קענען זיין אָבגענאַרט פון זייער איינבילדונג, און ווען די חושים זיינען אַזעלכע, אַז מען קען זיך ווייניג פערלאָזען אויף זיי, טו ווי קען מען פערלאַנגען, אַז איך זאָל גלויבען די וואונדער, וועלכע אונזערע אור־אור־עלטערען האָבען געזעהן? פאַרוואָס איז עס ניט מעגליך, אַז זייער אויג זאָל זיי ניט האָבען אָבגענאַרט, ווי מיר מיין אויג? ווען מיינע חושים זיינען קיין געטרייע פיהרער, אויף וועלכע מען מעג זיך פערלאָזען, לעהרענט מען מיך דערמיט, אַז איך זאָל זאָגאַר ניט גלויבען די וואונדער, וועלכע איך זעה מיט מיינע אייגענע אויגען.

89.

ווי דום און נאַריש דאָס איז פון דיאיעניגע וואָס ווילען, אַז אמונה זאָל פערנעהמען דעם פלאַץ פון שכל.

איהר הערט ניט אויף צו זאָגען, דאָס די וואַהרהייטען פון דער רעליגיאָן שטעהען איבער דער פערנונפט, אָבער גיט איהר דערמיט ניט צו, אַז דיזע וואַהרהייטען זיינען ניט געמאַכט פאַר פערנינפטיגע וועזענס? צו זאָגען, אַז דער שכל קען אונז פערפיהרען, מיינט צו זאָגען, דאָס די וואַהרהייט איז פאַלש און אַז דאָס ניצליכע קען שעדליך זיין. איז אָבער די פערנונפט עטוואָס אַנדערס, ווי נור די ערקענטניס פון דאָס, וואָס איז ניצליך און וואַהר? אַחוץ דעם, אַזוי ווי אונזער שכל איז דאָך שוין איינמאָל אַזוי ווי ער איז, און אונזערע חושים אַזוי ווי זיי זיינען, מיינט עס דאָך, ווען מען זאָגט אונז, אַז די פערנונפט און אונזערע חושים זיינען ניט קיין ריכטיגע פיהרער, דאָס אונזערע פעהלער זיינען נויטווענדיגע, אונפערמיידליכע, דאָס אונזער אונוויסענהייט איז אַזעלכע, וועלכע איז גאָר אונמעגליך פאַר אונז אַמאָל צו בעזייטיגען און דאָס דאַריבער קען אונז גאָט ניט בעשטראָפען, ניט טהאָנדיג די גרעסטע אונגערעכטיגקייט דערביי, דערפאַר וואָס מיר האָבען געפאָלגט די איינ־ציגע פיהרער און וועגווייזער, וועלכע ער האָט אונז געגעבען. צו זאָגען, דאָס מיר זיינען מחויב צו גלויבען אין זאַכען, וועלכע אונזער שכל בע־נעהמט ניט, איז פונקט אַזוי לעכערליך, ווי ווען מען וואָלט אונז געזאָגט,

אַז מיר זיינען מחויב זיך אויפצוהויבען אין דער לופט אָהן פליגלען... צו זאָגען, אַז עס זיינען דאָ זאַכען, איבער וועלכע מיר טהאָרען ניט דיינקען און נאָכפאָרשען, הייסט צו זאָגען, אַז אין די אַנגעלעגענהייט, וועלכע איז פאַר אונז אַם וויכטיגסטען, דאַרפען מיר זיך פערלאָזען אויף אַ פאַנטאַזיע.

אונזערע טהעאָלאָגען זאָגען אונז, דאָס מיר מוזען בריינגען אונזער פערשטאַנד אַלס אַ קרבן צו גאָט, אָבער וואָס פאַר אַ זינן האָט עס צו אָפּפערען אונזער שכל צו אַ וועזען, וועלכער גיט אונז אַזעלכע מתנות, וועלכע מיר טהאָרען ניט געברויכען? וואָס פאַר אַ צוטרוי קענען מיר האָבען צו אַ גאָט, וועלכער, ווי די טהעאָלאָגען אַליין לעהרנען אונז, איז גענוג שלעכט צו מאַכען האַרט די הערצער אונזערע, צו מאַכען אונז בלינד און אויסשטעלען פאַר אונז נעצען און פאַסטקעס, אין וועלכע מיר זאָלען אַריינפאַלען? און ענדליך, וואָס פאַר אַ צוטרוי קענען מיר האָבען צו די פיהרער, צו די דיענער פון גאָט, וועלכע, אום עס זאָל זיי לייכטער זיין אונז צו פיהרען, הייסען אונז, בעפעהלען אונז, מיר זאָלען זיך די אויגען פערבינדען?

די מענשען ריידען זיך איין, דאָס די רעליגיאָן איז פון זעהר גרויסער וויכטיגקייט פאַר זיי, און דאָך, ווי וויכטיג זי איז פאַר זיי, נעהמען זיי ואיהר אָן גאָר ניט האָבענדיג אין זינען איהר צו אונטערזוכען. ווען איהר נעהמט איבער איינעמס ביכער, איינעמס הויז, איינעמס אַ געשעפט, זעהט איהר אַלעס גוט נאָך, אום זיך צו זיכערען געגען דעם מינדעסטען בעטרוג. ניט אַזוי איז עס אָבער מיט דער רעליגיאָן. יעדער נעהמט איהר אָן אַזוי בלינד, גאָר אָהן די מינדעסטע נאָכפאָרשונג.

צוויי אורזאַכען זיינען דאָ, וואַרום די מענשען זיינען אַזוי נאַכלעסיג אין דעם אונטערזוכען פון זייער גלויבען: די ערשטע איז דער געפיהל דאָס עס איז אונמעגליך צו דורכדרינגען אַזוי פיעל פינסטערעס און פער־פלאָנטערטעס; דען גלייך אין אָנפאַנג שרעקט אָב די רעליגיאָן יעדען גייסט, וואָס איז ניט בעזאָנדערס גערן נאָכצופאָרשען און נאָכצוזוכען. די צווייטע אורזאַכע איז, וואָס יעדער איינער האָט מורא זיך איינצורייסען מיט די פאָרשריפטען פון דער רעליגיאָן, וועלכע יעדער בעוואונדערט' אָבער וועלכע נור וויינעגע נעהמען זיך די מיה צו פאָלגען איהר אין אַלע פרטים. פיעלע מענשען האַלטען פונקט אַזוי די רעליגיאָן, ווי איינער וואָס האָט אַן אַלטען דאָקומענט, וועלכען ער פוילט זיך גאָר ווען עס איז נאָכצוקוקען, און האַלט איהם נור וואו עס איז פערשטעקט, אים צו קענען איהם געברויכען אין פאַל, ער וועט איהם דאַרפען.

90.

דער גלויבען פאסט נור ווארצלען ביי די מענשען, וואס זיינען אונוויסענד אדער פויל צו דיינקען.

די שילער פֿון דעם גריכישען פֿילאָזאָף פּיטאַגאָראַס האָבען געהאַט אַן אונבעגרענעצטען גלויבען אין די לעהרען פֿון זייער רבי׳ן. „ער האָט עס געזאָגט״, איז ביי זיי שוין געווען אַ גענוגענדער ענטפֿער אויף אַלע פֿראַגען. די מעהרסטע מענשען האַנדלען פונקט אַזוי ווייניג פֿערנינפֿטיג. אין רעליגיאָן־זאַכען ווערט אַ מגיד, אַ גלח, אַן אונוויסענדער מאָנאַך דער געדאַנקען־מייסטער. דער גלויבען אונטערשטיצט די שוואַכקייט פֿון דעם מענשליכען גייסט, פֿאַר וועלכען דער דיינקען איז אַ זעהר שווערע אַרבייט. עס איז ניט דער ערך לייכטער צו פֿערלאָזען זיך אויף אַנדערע, ווי אַליין צו פֿאָרשען. אַזוי ווי די ערפֿאָרשונג געהט צו לאַנגזאַם און שווער, געפֿעלט זי פונקט אַזוי ווייניג די מיט שלעכטע קעפּ, ווי די, וועמעס גייסט איז שוין צו לעבעדיג. דאָס איז אָהן צווייפֿעל די אורזאַכע, ווארום דער גלויבען האָט אַזוי פֿיעל אַנהייגער.

וואָס ווייניגער פֿערשטאַנד אַ מענש האָט, אַלץ שטאַרקער איז ביי איהם דער גלויבען. אין אַלע רעליגיעזע שטרייטיגקייטען צייגען אַרויס די פֿרויען, וועלכע זיינען אונטערגעהעצט פֿון זייערע פֿיהרער, דעם גרעסטען פֿאַנאַטיזמוס. אין רעליגיעזע קעמפֿע וואַרפֿט זיך דאָס פֿאָלק, אויפֿגעהעצט פֿון זיינע פריעסטער, ווי אַ ווילדע חיה אויף די, וועלכע זיינען פֿאַר וואָס עס איז ניט געפֿעלען זייערע רעליגיעזע פֿיהרער. גרויסע אונוויסענהייט, אַ שטאַרקע לייכט־גלויביגקייט, אַ זעהר שוואַכע קאָפּ און אַ ווילדע פֿאַנטאַזיע, דאָס זיינען די מאַטעריאַלען פֿון וועלכע עס ווערען געמאַכט די פֿרומע, די הייליגע, די פֿאַנאַטיקער. ווי קען מען מיט אַזעלכע מענשען אויספֿיהרען, אַז זיי זאָלען אָנהויבען דיינקען, אַז זיי האָבען גאָר קיין אַנדער פרינציפּ ניט אין לעבען, ווי נור צו לאָזען זיך פֿיהרען, און קיינמאָל אַליין ניט נאָכפֿאָרשען? די פֿרומע זיינען אין די הענד פֿון זייערע פֿיהרער ריכטיגע גולמים, וועלכע לאָזען מיט זיך אַלעס מאַכען.

91.

די לעהרע, דאָס עס איז דא א רעליגיאן, וועלכע איז די איינציגע אמת׳ע, איז אן אונזינן און פיהרט צו אלערליי צאנקערייען.

די רעליגיאָן איז אַ זאַך פֿון געוואוינהייט און דער מאָדע: „מען מוז טהאָן ווי אַנדער טהוען״. אָבער וועלכע פֿון אַלע רעליגיאָנען, וואָס מיר זעהען אויף דער וועלט, זאָלען מיר אויסקלייבען? דיזע פֿאָרשונג איז

אַ צו שווערע זאַך און נעהמט אַוועק צופיעל צייט; מען מוז דאַרום בלייבען ביי דער רעליגיאָן, אין וועלכע דער טאַטע און די מאַמע גלויבען, ביי דער רעליגיאָן, אין וועלכע די גוטע לייט און אַלע פון דעם גאַנצען לאַנד גלויבען. עס איז בלויז דער צופאַל, וואָס וועהלט אויס אַ רעליגיאָן פאַר'ן מענשען. די פראַנצויזען וואָלטען היינט געווען פונקט אַזעלכע גוטע מוסולמענער ווי קריסטען, ווען זייערע אור־אור־עלטערען וואָלטען ניט בעקעמפפט די מחמד'אַנער.

ווען מען זאָל וועלען בעאורטהיילען די השגחה נאָך די פּאַסירונגען און די רעוואָלוציאָנען, וואָס קומען פאָר אויף דיזער וועלט, מוז מען קומען צום שלום, דאָס איהר איז גאַנץ גלייך, וועלכע רעליגיאָן עס זאָל הערשען אויף דער וועלט. יאָהרטויזענדע זיינען היידענטהום, געצענדיענריי, געווען די רעליגיאָנען פון דער וועלט; מען זאָגט, דאָס צו יענער צייט האָבען די פעלקער ניט געהאַט די מינדעסטע אידעע פון גאָט. די קריסטען בעהויפּטען, דאָס מיט דער אויסנאַהמע פון דעם אידישען פאָלק, איז די גאַנצע איבעריגע מענשהייט געווען אין דער שרעקליכסטער אונוויסענהייט איבער איהרע פערפּפליכטונגען צו גאָט, און האָט געהאַט אַנזיכטען, וועלכע האָבען גאָר ניט געפּאַסט צו דער ווירדע פון דער געטליכער מאַיעסטעט. דער קריסטענטהום, אַן אָבשטאַמונג פון יודענטהום, וועלכער איז פון אָנפאַנג געווען מילד, איז געוואָרען צוזאַמען מיט דער מאַכט אויך גרויזאַם אונטער די קריסטליכע קעניגע, וועלכע, געטריבען פון היילינער איבערגעבענהייט, האָבען מיט פייער און שווערד אויפגעבויט דעם קריסטענטהום אויף די חרבות פון דעם געשטירצטען היידענטהום. מחמד און זיינע נאָכפאָלגער איז ווידער געלונגען, מיט דער הילף פון דער השגחה, אַרויסצוטרייבען דעם קריסטענטהום פון אַזיען, אַפריקאַ און זאָגאַר טהיילווייז פון אייראָפאַ. דער עוואַנגעליום האָט געמוזט אָבטרעטען זיין פּלאַץ דעם קאָראַן. אין אַלע סעקטען, אין וועלכע די קריסטען האָבען זיך צושפּאָלטען אין דעם משך פון פיעלע יאָהרהונדערטע, איז די מאַכט פון דעם שטאַרקערען אימערצו געווען די בעסטע מאַכט. די וואַפען און דער ווילען פון די קעניגע — זיי זיינען עס געווען די, וועלכע האָבען ענטשידען, וועלכע רעליגיאָן איז די בעסטע פאַר די פעלקער. זאָל מען דערפון ניט ציהען אַ שלוס, דאָס אָדער גאָט האָט אינטערעס, וואָס פאַר אַ רעליגיאָן מענשען נעהמען אָן, אָדער דאָס גאָט ערקלעהרט זיך אימער צו גונסטען פון די מיינונגען, וועלכע פּאַסען אַמבעסטען פאַר די מאַכטהאָבער אויף דיזער וועלט, און ענדליך, דאָס גאָט אַליין ענדערט זיך, אַזוי שנעל ווי עס געפעלט די הערשער, אַז זייערע פעלקער זאָלען גלויבען אין אַן אַנדער גאָט.

אַ קעניג פון מאַדאַגאַסקאַר, וועלכער איז מיעד געוואָרען פון דעם געצענדיענסט פון זיינע עלטערן און אור־עלטערן, איז איין שעהנעם טאָג

געפּאַלען אויף אַ פּלאַן דאָס אין גאַנצען אָבצושאַפען. דער מיניסטעריום פון דעם מאָנאַרך האָט געהאַט אַ לאַנגען ישוב הדעת, אויב מען זאָל רופען מחמד'אַנישע אָדער קריסטליכע גייסטליכע. און אַזוי ווי עס איז זיי ניט געווען מעגליך צו קומען צו אַ שלום, וועלכע פון דיביידע רע־ליגיאָנען איז די בעסטע, האָבען זיי בעשלאָסען איינצולאַדען צו גלייכער צייט מיסיאָנערען פון דיביידע רעליגיאָנען, און אָננעהמען די רעליגיאָן פון די, וועלכע וועלען פריהער קומען. זיי האָבען ניט געצווייפעלט, דאָס גאָט, וועלכער האָט צו זאָגען איבער די ווינטען, וועט אויף דעם אופן זיי ווייזען, וועלכע רעליגיאָן זיי זאָלען אָננעהמען. און אַזוי ווי די מחמד'־אַנישע מיסיאָנערען זיינען געקומען פריהער, האָבען דער קעניג און דאָס גאַנצע פאָלק אָנגענומען דעם גלויבען פון מחמד. די קריסטליכע מיסיאָ־נערען האָט מען געשיקט צוריק אַהיים, ווייל זייער גאָט האָט ניט געזאָרגט, אַז זיי זאָלען אָנקומען פריהער. גאָט איז אַלזאָ בעשיינפערליך איינפערשטאַנען, אַז דער צופאַל זאָל ענטשיידען איבער די רעליגיאָן פון די פעלקער.

די מענשען, וועלכע זיינען די הערשער, די רעגירער, די ענטשיידען צו אַלע צייטען איבער די רעליגיאָן פון די פעלקער. די רעליגיאָן פון'ם קעניג איז צו אַלע צייטען געווען די אמת'ע רעליגיאָן. דער אמת'ער גאָט איז דער, וועמען דער קעניג אַנערקענט פאַר אַ גאָט. אַ וויצלינג האָט מיט רעכט אַמאָל געזאָגט, דאָס די אמת'ע רעליגיאָן איז די, וועלכע האָט אויף איהר זייט דעם קעניג און דעם תליון. דער קעניג און דער תליון האָבען פאַר אַ לאַנגע צייט געגעבען זייער צושטימונג צו די רוימישע געטער, און ווען דער קריסטליכער גאָט האָט זיי געקראָגען אויף זיין זייט, זיינען די רוימישע געטער געפאַלען. מחמד'ס גאָט איז געלונגען אַרויסצוטרייבען דעם קריסטליכען גאָט פון אַ גרויסען טהייל פון די שטאַאַטען, וועלכע ער האָט שוין געהאַלטען פאַר זיינע.

מען קען בשום אופן ניט אויספיהרען אַוועקצונעמען די נאַרישקייט פון פאָלק, מען קען אָבער זיך מאַכען אַלס אויפגאַבע אויסצוקורירען פון נאַרישקייט די מענשען, וועלכע רעגירען איבער דאָס פאָלק. דיזע וועלען דאַן ניט צולאָזען, אַז דאָס פאָלק זאָל האַנדלען נאַריש. דער אַבערגלויבען איז נור דאַן אַ סכנה, ווען ער האָט אויף זיין זייט די קעניגע און די סאָלדאַטען. דאַן ווערט ער גרויזאַם און בלוטדורשטיג. יעדע־ טיראַן, וואָס נעהמט אויף זיך די ראָלע פון אַ בעשיצער פון אַ רעליגיעזע סעקטע, מאַכט זיך שוין דערמיט צום טיראַן פון אַלע אַנדערע רעליגיעזע סעקטען, און ער ווערט דער גרעסטער צושטערער פון רוהע און פריעדען אין זיין קעניגרייך.

92.

די רעליגיאָן איז פאר טוגענד און מאראל ניט נויטיג.

מען הערט ניט אויף צו זאָגען, (און פֿיעלע פֿערנינפֿטיגע מענשען גלויבען אין דעם), דאָס די רעליגיאָן איז נויטיג, אום צו האַלטען די מענשען אין צוים; דאָס אָהן דעם וואָלט דאָס פֿאָלק געוואָרען צולאָזען, פֿערדאָרבען, אונמאָראַליש. „די מורא פֿאַר'ן רבונו של עולם איז דער אָנפֿאַנג פֿון חכמה". די מורא פֿאַר אַ לעבען נאָך'ן טויט איז גוט, צוליעב איהר קאָנטראָלירט דער מענש זיינע ליידענשאַפֿטען.

אום ווירקליך צו וויסען, אויב די רעליגיעזע בעגריפֿע זיינען ניצליך, דאַרף מען נור עפֿענען די אויגען און בעטראַכטען די זייטען פֿון די מייסטע רעליגיעזע פֿעלקער. מען געפֿינט אונטער זיי עזות'דיגע טיראַנען, גרויזאַמע מיניסטאָרען, כיטרע האַפּלייט, מאַסען אויסבייטער, ריקזיכטלאָזע שטאַאַטס־דיענער, געוויסענלאָזע ריכטער, שווינדלער, נואפים, שאַרלאַטאַנעס, הולטאַיעס און גנבים פֿון אַלערליי מינים, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געצווייפֿעלט, ניט אין דער עקזיסטענץ פֿון גאָט, ניט אין די שטראָפֿען פֿון גיהנום און ניט אין די פֿערגניגען פֿון גן עדן.

כאָטש דאָס איז זעהר נוצלאָז פֿאַר די מעהרצאָל מענשען, דאָך האָבען די רעליגאָנס־דיענער אימער געסטאַרעט זיך צו שילדערען פֿאַר זייערע גלויביגע דעם טויט אין די שרעקליכסטע פֿאַרבען. ווען די פֿרומע וואָלטען געווען קאָנזעקווענט, וואָלטען זיי געדאַרפֿט פֿערברייגגען זייער גאַנצען לעבען אין וויינען און שטאַרבען ענדליך אין שרעקליכער מורא. וואָס קען נאָך זיין שרעקליכער, ווי דער טויט פֿאַר דעם, וועמען מען האַלט אין איין סטראַשענען, דאָס עס איז שרעקליך אַריינצופֿאַלען אין גאָט'ס הענד, דאָס מען מוז זוכען זיין גוטסקייט מיט מורא און שרעק?

צו דער זעלבער צייט זאָגט מען אונז, דאָס דער טויט פֿאַר'ן פֿרומען ברייגגט מיט זיך אַ גרויסען טרייסט, וואָס דער אונגלויביגער קען ניט האָבען. דער גוטער קריסט, זאָגט מען אונז, שטאַרבט אין דער פֿעסטער האָפֿנונג פֿון אַן איוויגען גליק, וועלכען ער טהוט זיך אָן אַ כח צו פֿערדיענען. אָבער איז דיזע זיכערקייט אַליין שוין ניט אַ שטאַרקער פֿערברעכען אין די אויגען פֿון אַ שטרייגגען גאָט? מוזען דען ניט די גרעסטע הייליגע בלייבען אונזיכער, צו זיי זיינען ווערט געליעבט אָדער געהאַסט צו ווערען? פּריעסטער! איהר, וועלכע טרייסט אונז מיט די האָפֿנונג אויף אַ גן עדן, און פֿערמאַכט אייערע אויגען פֿאַר די שרעקען פֿון גיהנום, האָט איהר דען געהאַט דאָס גליק צו זעהן אייערע און אונזערע נעמען פֿערצייכענט אין דעם ספר החיים?

מיינט עס דען ניט בעקעמפֿפֿען די ווירקליכקייט מיט פֿאַנטאַזיעס, ווען מען וויל אַוועקשטעלען געגען די ליידענשאַפֿטען און אינטערעסען פֿון מענשען, די אונקלאָהרע בעגריפֿע פֿון אַ גאָט, וועלכען קיינער קען ניט פֿערשטעהן? די מענשען האָבען צו אַלע צייטען געהאַט זעהר אונקלאָהרע אידעען פֿון גאָט, וועלכען זיי זעהען נור אין די וואָלקענס; זיי דיינקען קיינמאָל ניט פֿון איהם, ווען זיי האָבען דעם וואונש צו טהאָן עטוואָס שלעכטעס. דער לעבען אויף דיזער וועלט איז שטאַרקער, ווי דער גלויבען אין אַ צוקינפֿטיגען לעבען.

יעדע רעליגיאָן איז אין איהר אָנפֿאַנג אויסגעטראַכט געוואָרען פֿון די געזעצגעבער, אום זייערע איינגעבילדעטע פֿעלקער זאָלען זיך זיי אונטערוואַרפֿען. פונקט ווי די ניאַנקעס, וועלכע וואַרפֿען אָן אַ מורא אויף די קינדער מיט שוידערליכע מעשיות, אום זיי זאָלען רוהיג שלאָפֿען, אַזוי האָבען די עהרגייציגע געברויכט דעם נאָמען פֿון גאָט, אום אַריינצוואָגען אַ מורא אין די האַרץ פֿון דעם ווילדען. זיי האָבען גערעכענט, אַז די מורא איז אַ טהייערער מיטעל, מיט וועלכען זיי וועלען קענען האַלטען די פֿעלקער אין שקלאַפֿעריי. זיינען אָבער די קינדערשע שרעקליכע מעשיות אויך גוט פֿאַר ערוואַקסענע מענשען? ניין. דער ערוואַקסענער מענש גלויבט ניט מעהר אין דעם, און ווען ער גלויבט אפילו יאָ, קימערט ער זיך אויך זעהר וויניג וועגען דעם, און טהוט וואָס ער מוז, וואָס ער האָט לוסט צו טהאָן.

93.

דער וואונש צו זיין געליעבט און געאכטעט, איז א פיעל שטארקערער מיטעל צו קאנטראלירען די מענשליכע ליידענשאפטען, ווי די רעליגיאן.

עס זיינען דאָ וויניג אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען מעהר מורא פֿאַר דאָס, וואָס זיי זעהען ניט, ווי פֿאַר דאָס וואָס זיי זעהען. דער אורטהייל פֿון די מענשען וועמען זיי קענען, ווירקט פֿיעל מעכטיגער ווי דער אורטהייל פֿון אַ גאָט, פֿון וועמען זיי האָבען זעהר דונקעלע אידעען. דער וואונש צו געפֿעלען ווערען דער וועלט, די מורא זיך צו מאַכען לעכערליך און פֿאַר דאָס „וואָס מענשען וועלען זאָגען" זיינען פֿיעל מעכטיגער, ווי אַלע רעליגיעזע מיינונגען. שטעלט דען ניט איין אַ סאָלדאַט יעדען טאָג זיין לעבען אין געפֿאַהר, נור צוליב דעם, ווייל ער שעהמט זיך, אַז ער זאָל ניט געהאַלטען ווערען אַלס פֿייגלינג ביי זיינע חברים, אַפילו ווען ער דיינקט, אַז ער וועט דערפֿאַר אייביג מוזען זיין אין גיהנום? די גלויביגסטע מענשען ווייזען אָפֿט אַרוים מעהר רעספעקט פֿאַר אַן איינפֿאַכען משרת ווי פֿאַר גאָט. מאַנכער מענש, וועלכער גלויבט, אַז גאָט

עהט אַלעס, וויים אַלעס, איז איבעראַל, וועט זיך אָפּט ערלויבען אַזעלכע זאַכען, ווען ער איז אַליין, וועלכע ער וואָלט זיך קיינמאָל ניט ערלויבט צו טהאָן אין דער געגענוואַרט פון אַ מענשען, ווי ווייניג ער זאָל פון איהם ניט האַלטען. זאָגאַר די, וועלכע בעהויפּטען, אַז זיי זיינען פעסט איבערצייגט אין דער עקזיסטענץ פון אַ גאָט, האַנדלען יעדען אויגענבליק אַזוי, פונקט ווי זיי וואָלטען גאָר ניט געגלויבט.

מאַנכע קענען אונז זאָגען: „לאָזט דאָך לכל הפחות איבער די אידעע פון אַ גאָט, כאָטש צוליעב דעם, אום צו צאַהמען די ליידענשאַפּ־טען פון די קעניגע, די הערשער". אָבער קענען מיר ווירקליך בעוואונ־דערן די ווירקונג, וואָס די רעליגיעזע אידעען האָבען אויף אונזערע הערשער? די קעניגע רופען זיך גאָט'ס שטעלפערטרעטער אויף דער ערד. מאַכט זיי אָבער די מורא פאַר דעם, וועלכען זיי האַלטען פאַר מעכטיגער ווי זיי, זיך ערנסט צו בעשעפטיגען מיט דעם וואוילזיין פון זייערע אונטער־טהאַנען, וועמען די געטליכע השגחה האָט פערטרויט צו זיי? מאַכט זיי דען די אידעע פון אַ גאָט מילדער, מענשליכער, וויינגער דורשטיג נאָך דעם האָב און גוטס פון זייערע אונטערטהאַנען; אַ ביסעלע מעסיגער אין זייערע פערגניגענס און אַ ביסעל שטריינגער צו זיך זעלבסט, צו זייערע אייגענע פלענער? ענדליך, שטערט דען דיזער גאָט, צוליב וועמעס גנאָד די קעניגע זיינען דאָס די הערשער איבער אונז, אַז די קעניגע, וועלכע האָבען דאָס בעדאַרפט זיין די פיהרער, די בעשיצער, די וואוילטהעטער פון די מענשען, אַז זיי זאָלען זיי ניט אַזוי שטאַרק אונטערדריקען? עפּענט נור אייערע אויגען אַביסעל, און כמעט איבעראַל וועט איהר געפינען די מענשען רעגיערט פון טיראַנען, וועלכע בענוצען זיך נור מיט דער רעלי־גיאָן, אום מעהר צו פערדומען זייערע שקלאַפען, אום צו קענען אַלץ מעהר און מעהר זיי בערויבען פאַר זייערע אייגענע פערגניגענס. ניט נור איז די רעליגיאָן ניט אימשטאַנד איינצוהאַלטען די בייזע ליידענשאַפּט פון די הערשער, נור דורך איהרע פרינציפּען גיט זי זיי אַלע מעגליכע פרייהייטען. זי מאַכט פון זיי געטער, וועמעס קאַפּריזען דאָס פאָלק מוז זיך אימער אונטערוואַרפען. און ווען די פעלקער געהען שוין אַמאָל אַרויס פון געדולד און צוברעכען די קייטען, אין וועלכע זיי זיינען געווען גע־שמידט, איז עס די רעליגיאָן, וועלכע שטרעבט אַרויפצולייגען אויף זייערע הענד און גייסטער נייע קייטען. איז עס דאַרום אַ וואונדער, דאָס די הערשער האַלטען זיך פאַר די אירדישע געטער, און זייערע אונטער־טהאַנען, אַלס פערעכטליכע ווערקצייג פון זייערע קאַפּריזען און פון זייער עהרגייץ?

די רעליגיאָן האָט אין אַלע לענדער געמאַכט פון דעם מאָנאַרך פון דער נאַטור אַ וואונדערליכען, אַ גרויזאַמען, אַ פּאַרטייאישען טיראַן. דער

גאָט־טיראַן ווערט שוין גאָר צו גוט נאָכגעמאַכט פֿון זיינע רעפּרעזענ־טאַנטען אויף דער ערד. אומעטום זעהט אויס, אַז די רעליגיאָן איז נור אויסגעטראַכט געוואָרען, אום צו פֿערטויבען די פֿעלקער, אום לייכטער צו מאַכען פֿאַר די, וואָס שפּיעלען די ראָלע פֿון זייערע הערען, זיי צו אונטערדריקען, צו מאַכען זיי עלענד און אונגליקליך און ניט בעשטראָפֿט ווערען דערפֿאַר.

94.

דער אורשפּרונג פֿון די דומסטע, לעכערליכסטע און עקעלהאַפטסטע טראַהן־רויבעריי, וועלכע הייסט, דאָס געטליכע רעכט פֿון די קעניגע.

אום צו שיצען זיך געגען דער העזה פֿון אַ פּאַפּסט, אַ בישאָף, וועלכער האָט געהאַט אַ פּרעטענזיע צו זיין דער הערשער איבערן קעניג, אום צו שיצען זיין פּערזאָן געגען די אַטענטאַטען פֿון די לייכט־גלויביגע מענשען, וועלכע פֿלעגען אויפֿגערייצט ווערען פֿון די פּריעסטער געגען דעם אירדישען קעניג, האָבען די מייסטע הערשער פֿון דער וועלט אָנ־געהויבען צו טענה'ן, דאָס זיי האָבען זייערע קרוינען און זייער מאַכט פֿון גאָט אַליין, און דאָס נור צו איהם אַליין זיינען זיי פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר זייערע מעשים. און אַזוי ווי די בירגערליכע געוואַלט האָט מיט דער צייט געזיעגט איבער די גייסטליכע, האָבען די פּריעסטער געמוזט אָנער־קענען די געטליכע רעכט פֿון די הערשער און האָבען עס געפּריידיגט צו די פֿעלקער, איבערלאָזענדיג פֿאַר זיך דאָס רעכט צו ענדערן זייער מיינונג, אַזוי שנעל ווי די געטליכע רעכט פֿון קעניג וועט זיך ניט פֿער־טראָגען מיט די געטליכע רעכט פֿון די פּריעסטער. און ווען דער פֿרידען איז געשלאָסען געוואָרען צווישען קעניג און פּריעסטער. איז עס אימער געווען אויף די קאָסטען פֿון די אונטערדריקטע פֿעלקער.

פֿיעלע טיראַנען און דעספּאָטען, וועמען עס פֿלעגט אַמאָל דאָס געוויסען, דאָס זיי האַנדלען ניט ריכטיג, האַלטען עס פֿאַר פֿיעל גלייכער צו בעטען מחילה ביי גאָט, ווי ביי די, וועמען זיי טהוען אַל־דאָס־בייז, אַז מי קען דענקען, אַז גאָט מיט די קעניגע איז אַ שטאַרקער שותף אין זייער גרוייזאַמקייט. ערשט, ווען די מענשען קענען עס שוין מעהר ניט אַריבערטראָגען דעם יאָך פֿון זייערע טיראַנען, אַפּעלירען זיי ניט צו גאָט, נור צו זייער מאַכט, צו זייער געוואַלט־מאַכט, און נור דאַן מוזען די געטליכע רעכטע פֿון דעם טיראַן מאַכען פּלאַץ פֿאַר די מענשליכע רעכטע פֿון די אונטערדריקטע.

מיט גאָט איז פֿיל גרינגער פֿאַרטיג צו ווערען, ווי מיט מענשען. די קעניגע דאַרפֿען נור צו גאָט אַליין אָבגעבען רעכנונג; די פּריעסטער

דאַרפֿען אָבגעבען רעכנונג נור זיך זעלבסט. מען מעג דיינקען, אַזביידע ווייסען מסתמא, אַז אין הימעל וועט מען ניט אָנגעהן אַזוי שטרייננ מיט זיי, ווי דאָס וואָלטען געטהאָן די מענשען אויף דער ערד. עס איז פֿיעל לייכטער זיך צו אונטערוואַרפֿען דעם משפט פֿון די געטער, וועמען מען קען אָבקויפֿען מיט אַ קליינינקייט, ווי זיך צו אונטערוואַרפֿען דעם געריכט פֿון די מענשען, ביי וועמען עס האָט שוין די גערולד געפּלאַצט.

מען וויל געגען דיווילדע ליידענשאַפֿט פֿון די קעניגע אַוועקשטעלען די רעליגיאָן, טאָמער וועט זי זיי אַביסעל צוריקהאַלטען. וואָס פֿאַר אַן אונזיניגע אומזיסטע אַרבייט? די ערפֿאַהרונג האָט עס בעוויזען געניגענד, ווי נוצלאָז דאָס איז. און ווי קען עס דען אַנדערש זיין? ווי אַזוי זאָל די רעליגיאָן, וועלכע בעשטעהט פֿון גאַנץ פּוסטע זיננלאָזע ווערטער און פֿראַזען, זיין אימשטאַנד אָבצוהאַלטען די שלעכטע נייגונגען פֿון דעם הערשער, וועלכען דער ווירקליכער לעבען מאַכט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ חוצפה'דיגער, נאַרישער און בייזער?

מען זאָגט אונז, דאָס עס איז די רעליגיאָן, וועלכע לעהרנט דעם מענשען, ווי צו האַנדלען, ווי צו לעבען מיט זיינע מיטמענשען. אָבער ווען מען זאָל נור אַביסעלע נאָכדיינקען, וועט מען גאַר אָהן שווערינקייט אויסגעפֿינען, דאָס די רעליגיעזע מיינונגען מאַכען גלייך בלינד, ווי דער הערשער, אַזוי די בעהערשטע, אַזוי, דאָס זיי הויבען גאַר ניט אָן צו דיינקען פֿון זייערע אמת'ע פֿליכטען און אינטערעסען. ווען עס פֿעהלען די מענשען די קענטניסע פֿון די אמת'ע פּרינציפּען פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען, מוזען זיי ווערען לייכטזיניג, געמיין און גרויזאַם. די רעליגיאָן האָט ערשט פֿערמעהרט די צרות אין דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען, וועלכע מען זאָגט, זי האָט פֿערהיט אָדער קען פֿערהיטען.

איז דען ניט די אונגערעכטיגקייט און גרויזאַמקייט פֿון הערשער געגען זייערע אונטערטהאַנען ניט נור איינער פֿון די שטאַרקסטע בעוויזע, אַז די מורא פֿאַר אַ גאָט, פֿאַר אַ גיהנום האָט אַ קנאַפּע ווירקונג אויף די אויפֿפֿיהרונג פֿון מענשען, נור אויך אַ בעוויז, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ השגחה, וועלכע זאָל זיך אינטערעסירען מיט דעם שיקזאַל פֿון די מענשען אויף דער ערד? ווען עס וואָלט עקזיסטירט אַ גוטער גאָט, וואָלט דען יעדער מענש מיט שכל ניט געמוזט מודה זיין, דאָס דיזער גוטער גאָט פֿערנאַכלעסיגט שוין גאָר צו זאָנדערבאַר די אינטערעסען פֿון די מעהר־צאָהל מענשען אויף דער ערד? עס זעהט כמעט אויס, אַזוי ווי גאָט וואָלט נור געהאַט בעשאַפֿען די פֿעלקער, אום צו זיין אַ שפּיעלצייג פֿאַר די ליידענשאַפֿטען און דומהייטען פֿון זיינע רעפּרעזענטאַנטען אויף דער ערד.

95.

דער קריסטענטהום האט זיך נור דארום פערברייטעט, ווייל ער האט בעפעסטיגט דעם דעספאטיזמוס, וואס דאס איז דער צוועק פון יעדע רעליגיאן.

ווען מען לייענט נור די געשיכטע עטוואס אויפמערקזאם, זעהט מען, דאס דער קריסטענטהום, וואס איז אנפאנגס געווען אזוי שטיל און אזוי קריכענדיג, האט זיך נור דערמיט אריינגע׳חנפה׳ט צו די ווילדע און פרייע פעלקער פון אייראפא, וואס זייערע אנפיהרער האבען דערשמעקט, דאס די פרינציפען פון דער קריסטליכער רעליגיאן גיבען זיי אונבעגרענצטע מאכט. מיר זעהען דארום, ווי אונוויסענדע פירשטען ווערען אין א אויגענבליק איבערגעגעבענע קריסטען און ווענדען אן אלע מיטעל, אז אויך זייערע אונטערטהעניגע פעלקער זאלען אננעהמען די זעלבע רעליגיאן.

דער קריסטענטהום בעריהמט זיך צו האבען געבראכט די מענשען אזא גליק, וועלכען זיי האבען פריהער גאר ניט געקענט האבען. עס איז אמת, דאס די גריכען האבען ניט געוואוסט, וואס דאס איז אזעלכעס די געטליכע רעכט פון די טיראנען. אונטער דעם היידענטהום איז עס קיינעם גאר ניט איינגעפאלען, דאס דער הימעל ערלויבט ניט, אז א נאציאן זאל זיך פערטהיידיגען געגען א ווילדע בעסטיע, וועלכע צורייסט איהר אין שטיקער. די קריסטליכע רעליגיאן איז עס געווען, ווען עס איז געווען זעהר טהייער די זיכערהייט פון די טיראנען, און זי האט עס געבראכט אויף דער וועלט די לעהרע, דאס די פעלקער טהארען זיך ניט פערטהיידיגען געגען זייערע טיראנען. אויף אזא אופן זיינען די קריסטליכע פעלקער בערויבט געווארען פון דעם ערשטען נאטור-געזעץ, וועלכער פאדערט, דאס דער מענש זאל קעמפפען געגען אלעס וואס טהוט איהם וועה, וואס וויל איהם פערניכטען! ווען די דיענער פון דער קירכע האבען אפט ערלויבט די פעלקער צו רעבעלירען, איז עס נור געווען, ווען עס האט זיך געהאנדעלט אום הימלישע אנגעלעגענהייטען; קיינמאל אבער האבען די פעלקער ניט געטהארט פראטעסטירען געגען זייערע קעניגליכע אונטערדריקער און מערדער.

פון הימעל קומען עס די קייטען, מיט וועלכע מען בענוצט זיך, אום צו שמידען דעם מענשליכען גייסט. אין אלע טהיילען פון דער וועלט זעהען מיר, דאס די ערשטע געזעצגעבער זיינען אויך געווען די ערשטע הערשער און די ערשטע פריעסטער פון די ווילדע, אויף וועלכע זיי האבען ארויפגעצוואונגען זייערע געזעצע.

די רעליגיאָן, זעהט אויס, איז נור אויסגעטראַכט, אום צו ערהויבען די פירשטען איבער זייערע פעלקער און די פעלקער איבערצוגעבען צו זייער הפקר־מאַכט. און ווי נור די געדריקטע הויבען אָן צו מורמלען, מאַכט מען זיי שווייגענדיג דערמיט, וואָס מען סטראַשעט זיי מיט גאָט'ס צאָרן. מען מאַכט, אַז זייערע אויגען זאָלען אימער זיין געריכטעט צום הימעל, כדי זיי זאָלען ניט איינזעהן די ריכטיגע, אמת'ע אורזאַכען פון זייערע צרות און כדי זיי זאָלען ניט אָנווענדען די ריכטיגע מיטעל, וועלכע קענען זיי בעפרייען פון דיזע צרות.

96.

די איינציגע אבזיכט פון די רעליגיעזע פרינציפען איז צו מאַכען די טיראַניי אייביג.

דורכדעם וואָס מען הערט ניט אויף צו זאָגען צו די מענשען, דאָס די ערד איז ניט זייער אמת'ע היים, דאָס דער איצטיגער לעבען איז נור אַן איבערגאַנג, דאָס זיי זיינען ניט געשאַפען געוואָרען דערצו, אום צו זיין גליקליך אויף דיזער ערד, דאָס זייערע הערשער האָבען פון גאָט אַליין בעקראָגען זייער אויטאָריטעט און זיינען נור צו איהם אַליין פעראַנטוואָרטליך פאַר זייערע מעשים, דאָס עס איז אַ פערברעכען צו רעבעלירען געגען זיי א.ז.וו., איז עס געלונגען צו פעראייביגען די שלעכטע אויפפיהרונג פון די הערשער און דעם אונגליק פון די פעלקער. די אינטערעסען פון די פעלקער ווערען אויף'ן נידריגסטען אופן אויפגעאָפפערט פאַר דעם לוקסוס און קאַפריזען פון זייערע הערשער. וואָס מעהר מען בעטראַכט די רעליגיעזע דאָגמען און פרינציפען, דעסטאָ מעהר מוז מען ווערען איבערצייגט, דאָס דער איינציגער צוועק זייערער איז צו אונטערשטיצען די טיראַניי פון די קעניגע און פריעסטער, ניט נעהמענדיג קיינמאָל אין אַנבעטראַכט די אינטערעסען פון דער געזעלשאַפט.

אום צו פערדעקען די מאַכטלאָזיגקייט פון זייערע געטער, האָט מען זיך גענומען די מיה צו מאַכען די מענשען גלויבען, אַז דאָס זיינען אימער זייערע זינד, וועלכע וועקען אויף גאָט'ס צאָרן. די פעלקער נעהמען אויף זיך אַליין די שולד פאַר אַלע צרות, וואָס זיי האָבען אויסצושטעהן. אויב די ווילד־געוואָרענע נאַטור מאַכט אָן גרויסע חרבונות צווישען די מענשען פון צייט צו צייט, זיינען אָבער די רעגירונגען די אורזאַכען פון די צרות, וואָס הערען גאָר קיינמאָל ניט אויף אין דער געזעלשאַפט. זיינען דען געוועהנליך די עהרגייציגקייט פון די הערשער, זייער נאַכלעסיגקייט, זייער הולטאַיסטוואָ, זייערע אונטערדריקונגען, ניט

די אמת'ע אורזאַכען פֿון די אָרימקייט, מלחמות, קראַנקהייטען און אַלערליי אַנדערע פּלאָג, וועלכע פֿערביטערען אונזער לעבען?

און ווייל מען האלט אימער די אויגען פֿון די מענשען געריכטעט געגען הימעל, און ווייל מען מאַט זיי גלויבען, דאָס אַלע זייערע צרות שטאַמען פֿון גאָט'ס צאָרן, און ווייל מען שלאָגט זיי פֿאָר גאַנץ מאַכט־לאָזע מיטעל, אום צו בעזייטיגען זייערע ליידען, קען מען דאָך ניט קומען צו קיין אַנדער שלוס, ווי נור דאָס די איינציגע אַבזיכט פֿון די פריעסטער איז צו שטערען די נאַציאָנען פֿון נאָכצודיינקען איבער די וואַהרע אורזאַכען פֿון זייער עלענד, און דאָס זיי האָבען זיך פֿאָרגענומען צו מאַכען אייביג דיזען עלענד.

די דיענער פֿון רעליגיאָן בענעהמען זיך אומגעפֿעהר ווי יענע מוטערס, וועלכע שלעפֿערען איין זייערע קינדער מיט געזאַנג, ווען זיי האָבען ניט זיי צו געבען ברויט, אום זייער הונגער צו שטילען.

ווי אַזוי זאָלען די פֿעלקער, וועלכע זיינען פֿון קינדהייט אָן פֿער־בלענדעט געוואָרען דורך איינריידענישען, געשמידט אין קייטען פֿון גלויבען, געדריקט דורך אַן אייביגער מורא, אויפֿגעהאָדעוועט ביים בוזעם פֿון אונוויסענהייט — ווי זאָלען אַזעלכע דערקענען די אמת'ע אורזאַכען פֿון זייערע ליידען? זיי גלויבען זיך צו העלפֿען מיט דעם, וואָס זיי בעטען און שרייען צו גאָט. אָך, זיי זעהען ניט, דוקא אין נאָמען פֿון דיזען גאָט הייסט מען זיי זיך אויפֿאָפּפֿערן אָהן ווידערשטאַנד צום שווערד פֿון זייערע טיראַנען, וועלכע זיינען דאָך אימער די ריכטיגע אורזאַכען פֿון זייערע ליידען.

איהר לייכטגלויביגע פֿעלקער! פֿערדאָפּעלט אין אונגליק אייערע תפלות, אייערע נדבות, לויפֿט אין אייערע טעמפּלען און שלאַכטעט אָפּ־פֿער, פֿאַסט און פּייניגט זיך, באָדט זיך אין אייערע אייגענע טרעהרען און מעהר ווי אַלעס זעהט, אַז אייערע געטער זאָלען ווערען וואָס רייכער און רייכער, אָבער דער רעזולטאַט וועט זיין, דאָס נור אייערע פריעסטער וועלען רייכער ווערען. די געטער פֿון הימעל וועלען ערשט דאַן זיין גנעדיג צו אייך, ווען איהר אַליין וועט קומען צו דעם בעוואוסטזיין, דאָס קיין מענש אויף דער וועלט האָט ניט קיין רעכט אייך צו אונטערדריקען, און דאָס דער וואָס טהוט עס איז אַן אונמענש, אַ מאָנסטער, אַ חיה רעה, דאַן ערשט וועט איהר אָנהויבען וויסען, וואָס עס הייסט אַ גליקליך לעבען.

97.

ווי פערדערבליך עס איז איינצורײדען די הערשער, דאס זיי דארפען נור פאר גאט מורא האבען, ווען זיי טהוען שלעכטס זייערע אונטערטהאנען.

ריקזיכטלאָזע, עהרגייציגע און פֿערדאָרבענע מענשען זיינען די אמת'ע אורזאַכען פֿון די אַלגעמיינע אונגליקען: איבעריגע, אונגערעכטע מלחמות פֿערוויסטען די ערד. געלד־דורשטיגע און דעספּאָטישע רעגירונגען מאַכען צו גאָרנישט די וואוילטהאטען פֿון דער נאַטור צום מענשען. די רויבעריי פֿון די הערשער מאַכט מוטהלאָז דעם אַקערבויער, ברייננט הונגער־נויט, עלענד און קראַנקהייט. גאָט איז צו די מענשען ניט גוט און ניט שלעכט. נור די הערשער זיינען עס, וועלכע האָבען הערצער פֿון שטיין.

און דאַרום איז עס נאָך געפֿעהרליכער, ווען מען רעדט איין אַזעלכע פֿערדאָרבענע מענשען, אַז נור פֿאַר גאָט אַליין דאַרפֿען זיי זיך פֿערענט־פֿערען פֿאַר זייערע געמיינהייטען געגען די פֿעלקער. הערשער! ניט געגען גאָט פֿערזינדיגט איהר זיך ווען איהר טהוט אַזוי פֿיעל בייז, נאָר געגען אייערע פֿעלקער!

אין דער געשיכטע דער מענשהייט איז קיין זאַך ניט אַזוי געוועהנ־ליך, ווי צו זעהן רעליגיעזע טיראַנען, און קיין זאַך ניט אַזוי זעלטען, ווי צו געפֿינען אַ גערעכטען, אַ גוטען קעניג אָדער רעגירער. אַ מאָנאַרך מעג זיך זיין פֿרום, פּינקטליך אין דער אויספֿיהרונג פֿון זיינע רעליגיעזע פֿפליכטען, און דאָך זאָל איהם אַלעם פֿעהלען, וואָס עס איז נויטיג, אום צו מאַכען אַ מענשען פֿאַר גוט. די רעליגיאָן איז פֿאַר די רעגירער נור אַן אינסטרומענט, מיט וועמעס הילפֿע זיי האַלטען פֿעסטער די נאַרישע מענשען אין יאָך. דער ערגסטער טיראַן, וועלכער האָט צוגענומען די לעצטע שטיקעל ברויט פֿון דעם אונגליקליכען יתום, וועלכער האָט זיין גאַנצען לעבען גערויבט, געמאָרדעט, קען שטאַרבען מיט אַ רוהיגען געוויסען, ווען ער האָט נור פֿאַר'ן טויט זיך אַביסעל געוואַלגערט פֿאַר די פֿיס פֿון זיין פריעסטער, וועלכער איז נאַטירליך אימער אַזוי גוט צו טרייסטען און בערוהיגען דיזען געמיינעם באַנדיט.

98.

א רעליגיעזער הערשער איז א שטראף פאר די בעהערשטע.

אַן אמת־רעליגיעזער הערשער איז געוועהנליך דער געפֿעהרליכסטער פֿון אַלע הערשער. וואָרום צו זיין אמת־רעליגיעז מיינט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי צו זיין זעהר בעשריינקט אין גייסט. אַזאַ הערשער איז געוועהנ־

ליך זעהר געהארכזאם צו דעם וואס די פריעסטער ריידען איהם אן. ער איז אייביג א ווערקצייג פון זייערע אינטריגען, דער מיטשולדיגער פון זייערע פערברעכען, וועלכע ער האלט גאר פאר גרויסע טוגענדען.

אלס די טרויעריגסטע מתנות, וועלכע די רעליגיאן האט געבראכט דער וועלט, מוז מען האלטען די אמת גלויביגע פירסטען, וועלכע, מיינענדיג אז זיי דערפילען דערמיט גאט'ס געבאט, האבען זיי עס געמאכט אלס זייער הייליגע פפליכט צו פערפאלגען און צו פייניגען אלע די, וואס גלויבען אנדערש ווי זיי.

א רעליגיעזער מענש, וועלכער שטעהט אלס פיהרער פון א פאלק, איז איינע פון די גרעסטע אונגליקען, מיט וועלכען אזא פאלק קען גע־פלאגט ווערען. איין פאנאטישער און לומפיגער פריעסטער, ווען ער ווערט דער פיהרער פון אזא שוואך־קעפיגען הערשער, איז גענוג אנצומאכען די גרעסטע צרות.

אין כמעט אלע לענדער זיינען עס די פריעסטער, וואס ווערען געמאכט אלס לעהרער און ערציהער פון די יונגע פרינצען, וועלכע זיינען בעשטימט אלס הערשער אין דער צוקונפט. וואס פאר א בילדונג קענען געבען ערציהער פון אזא סארט? פון וואס פאר אן אינטערעסע קענען זיי זיין בעגייסטערט? אליין פול מיט פאראורטהיילע, וועלען זיי זייערע תלמידים פארשטעלען דעם אבערגלויבען אלס די וויכטיגסטע זאך; זייערע תפלות צו זייער אויסגעטראכטען גאט, אלס די הייליגסטע פפליכט; די אונדולדזאמקייט און די פערפאלגונג, אלס די אמת'ע שטיצע פון זייער צוקינפטיגער מאכט. זיי וועלען זיך נעהמען די מיה צו מאכען פון זיי פאנאטיקער און טיראנען. זיי וועלען שוין פריהצייטיג זוכען צו אונטער־דריקען אין זיי דעם געזונדען מענשען־פערשטאנד; זיי וועלען טהאן אלעם אין זייערע קרעפטען, אום זיי זאלען זיך קיינמאל ניט דערוויסען די וואהרהייט. זיי וועלען זיי מאכען ביטער און מיסטרויאיש צו די אמת'ע טאלענטען און גוט צו אלעס, וואס איז געמיין און מיטעלמעסיג. קורץ, זיי וועלען פון זיי מאכען גאנץ נארישע פרומאקעס, וועלכע האבען קיין בעגריף פון רעכט און אונרעכט, פון דאס, וואס איז אמת גרויס, און אויף אזא אופן וועלען זיי פעהלען אלע טוגענדען, וואס קענען נאך אמאל מאכען א הערשער ערטרעגליך. דאס איז אין קורצען דער ערציהונגס־פלאן פון א קינד, וועמעס שיקזאל עס איז צו בעהערשען מיליאנען און מיליאנען פון מענשען.

99.

דער שוץ פון דער רעליגיאן איז א קנאפע זיכערהייט געגען די פערצווייפלונג פון די פעלקער. א דעספאט איז א משוגע׳נער וואס שלאגט זיך זיינע אייגענע פענסטער, און שלאפט אימער ביין ברעג פון אן אבגרונד.

די פריעסטער זיינען צו אַלע צייטען געווען די בעשיצער פֿון דעספאָטיזמוס און די שונאים פֿון אַלגעמיינער פֿאָלקס־פֿרייהייט. פֿאַר זייער פּראָפֿעסיאָן איז נויטיג ערנידריגטע און דערשלאָגענע שקלאַפֿען, וועלכע זאָלען קיינמאָל ניט האָבען דעם מוטה אימיצען מעיז צו זיין. אונטער אַן אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע איז אַלעס וואָס איז נויטיג פֿאַר׳ן פריעסט, צו קריגען אַן איינפֿלוס אויף דעם נאַרישוואַטען מאָנאַרך. אָנשטאָט צו פֿיהרען די פֿעלקער צום גליק, האָבען די פריעסטער זיי אימער געפֿיהרט צו קנעכטשאַפֿט. און דערפֿאַר, וואָס די רעליגיאָן האָט אויסגעטראַכט, אַז דיזע פֿערדאָרבענע הערשער האָבען פֿון הימעל זייער איבערנאַטירליכעס רעכט, האָבען אימער דיזע געהאַלטען פֿאַר די רעליגיאָן שטאָהל און אייזען, און ביידע צוזאַמען האָבען זיי אונטעריאָכט און אונטערדריקט די אונגליקליכע מענשען. אָבער ניט אַלע מאָל גילט עס. עס קומט אַ צייט, ווען די פֿערצווייפֿלונג פֿון די אונטערדריקטע ווערט צו שטאַרק, און דאַן קען אויך די רעליגיאָן ווייניג וואָס העלפֿען צו שיצען דעם טיראַן פֿון דעם פֿאָלק׳ס צאָרן. אָט צוליעב דעם געפֿינען מיר, דאָס די טיראַנען זאָרגען מיט אַלע כחות, אַז דורך דער רעליגיאָן זאָלען די מענשען וואָס זעלטענער קומען צום בעוואוסטזיין פֿון זייער מאַכט. און דאָך, ווען די הערשער וואָלטען ניט געווען אַזוי נאַריש און פֿערדאָרבען, וואָלטען זיי גאָר ניט נויטיג געהאַט די רעליגיאָן אַלס זייער שיצערין, ווייל אויב עס איז וואַהר, אַז דער טיראַן נויטיגט זיך אין דעם שוץ פֿון דער רעליגיאָן, איז עס דאָך אויך ריכטיג, אַז אַ גוטער און גערעכטער — אויב אַזעלכער קען געמאָלט זיין — נויטיגט זיך אין קיינעמס שוץ ניט. און וואָס פֿאַר אַ פֿאָרצוג איז דען פֿאַר אַ הערשער צו זיין אַ טיראַן? בערויבט דען ניט די טיראַניי פֿון די הערשער זייער אמת׳ע מאַכט, די ליעבע פֿון די פֿעלקער און זייער זיכערהייט? זאָל דען ניט יעדער הערשער מיסטרויען די שמייכלער, וועמעס אַבזיכט איז נור איהם איינצושלעפֿערן ביים ברעג פֿון אָבגרונד, כדי איהם לייכטער אַרונטערצושטירצען, ווען דאָס זאָל נור זיין אין זייערע אינטערעסען.

100.

די רעליגיאן בעגינסטיגט די פערברעכען פון די הערשער, מיט דעם וואס זי בעפרייט זיי פון מורא און געוויסענסביסע.

אויב עס גערא̈טהע די פריעסטער צו מאַכען פון די הערשער טיראַנען, טהוען די טיראַנען דאָס זעלבע פון זייער זייט, וואָס זיי פערדאַרבען די גרויסע מענער און דאָס גאַנצע פאָלק. אונטער אַ הערשער, וואָס איז אָהן אַ גוטע האַרץ, אָהן געפיהל פאַר עטוואָס גוטעס, וועלכער קען ניט קיין אַנדער געזעץ, ווי נור דעם פון זיין קאַפּריז, מוז דאָס פאָלק ווערען פערדאָרבען. וועט דען אַזאַ הערשער וועלען האָבען אַרום זיך גערעכטע, אויפגעקלעהרטע און טוגענדהאַפטע מענשען? ניין, אַזאַ איינער דאַרף נור אַזעלבע, וואָס זאָלען איהם חנפה'נען, שבחים-זינגער, נאָכקרימער, שקלאַפען, נידריגע און פערדאָרבענע נשמות, וועלכע זאָלען זיך צוזאַמענקאָרטשען, ווי עס געפעלט דעם טיראַן. פון זיין הויף ווערט דאָס גאַנצע פאָלק אָנגעשטעקט מיט די זינד און פערברעכען, וואָס קומט דאָרט פאָר. דער שטאַאַט, וועמעס קאָפּ איז פערדאָרבען, מוז ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אין גאַנצען פערדאָרבען ווערען. די רעליגיאָן, ניט נאָר וואָס זי איז ניט קיין צוים פאַר די פירשטען, נאָר פערקעהרט, זי באַמקעט נאָך צו צו די הולטאַיסטוואָ פון די הערשער, און דערמיט מאַכט זי די הערשער אַזוי גוט ווי די פעלקער העכסט אונגליקליך. ווען אַ מענש ווערט אָבגענאַרט, קען דערפון קיינמאָל קיין גוטס ניט אַרויסקומען. זאָגט אַ פירשט, דאָס ער איז גאָט אַליין, און ער וועט באַלד גלויבען, דאָס ער' האָט צו קיינעם קיין פליכטען.

101.

ווער איז יא אן אויפגעקלעהרטער הערשער?

אַן אויפגעקלעהרטער הערשער איז דער, וועלכער פערשטעהט זיינע אמת'ע אינטערעסען. ער ווייס, דאָס זיינע אייגענע אינטערעסען זיינען אייניג פערבונדען מיט די אינטערעסען פון זיין פאָלק. ער ווייס, דאָס אַ הערשער קען ניט זיין ניט געליעבט און ניט געאַכטעט, אַזוי לאַנג ווי ער קען נור בעפעהלען איבער עלענדע שקלאַפען. ער ווייס, דאָס גערעכטיגקייט, וואוילטהעטיגקייט וועלען איהם געבען פיעל מעהר רעכטע איבער די מענשען, ווי אַלערליי טיטולען, וועלכע שטאַמען כלומרשט אַזש פון הימעל: אַ הערשער, וואָס קען דיינקען, וועט וויסען, דאָס די רעליגיאָן נוצט פאַר די פריעסטער און דאָס זי איז פון קיין נוצען פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט. קורץ, ער וועט איינזעהען, דאָס אום ווירקליך

צו ווערען בעריהמט אַלס הערשער, מוז ער פֿערשטעהן ווי צו גרינדען זיין מאַכט אויף זיינע גוטע טהאַטען און ניט אויף נאַרישע, פוסטע פֿאַנטאַזיען.

102.

די פערברעכען פון די פריעסטער.

די געטליכע פריעסטער האָבען זיך גענומען די מיה צו מאַכען פֿון זייער גאָט אַ שרעקליכען, אַ קאַפּריזנעם טיראַן. זיי האָבען איהם געמוזט מאַכען פֿאַר אַזעלכען, כדי ער זאָל דיענען זייערע צוועקען. אַ גאָט, וועלכער זאָל זיין גוט און גערעכט, אָהן קאַפּריזען, וואָלט ניט געווען גוט פֿאַר די, וואָס האָבען פרעטענזיעס צו זיין מיט איהם גאַנץ נאָהענטע מחותנים. עס איז פֿון גרויסען נוצען פֿאַר די פריעסטער, ווען מען ציטערט פֿאַר זייער גאָט; מען מוז זיך דאַן ווענדען צו זיי, אַז זיי זאָלען געבען די מיטלען, ווי זיך צו בעפֿרייען פֿון דיזער מורא.

עס איז דאָ אַ ווערטעל, אַז „קיין מענש איז ניט קיין העלד אין די אויגען פֿון זיין קאַמערדיענער". עס איז דאַרום זיך גאָר ניט צו וואונדערען, דאָס אַ גאָט, וועלכער ווערט אַזוי אויסגעפּוצט פֿון זיינע פריעסטער, כדי אויף אַנדערע אָנצויאָגען אַ מורא, האָט אויף זיי אַליין גאָר ווייניג איינפֿלוס. די פריעסטער האָבען פֿאַר גאָט דעם קלענסטען רעספעקט. און דאַרום זעהען מיר אין אַלע לענדער אַלע פריעסטער זיך גלייך אויפֿפֿיהרען. כבוד און געלד־דורשט — דאָס איז געווען צו אַלע ציימען די ליידענשאַפֿט פֿון די פריעסטער. איבעראַל זעהט מען זיי נור שטרעבענדיג צו ווערען אַלץ מעכטיגער און רייכער; איבעראַל האָבען זיי אויף דעם פלאַץ פֿון גוטע און ניצליכע טהאַטען איינגעפֿיהרט קרבנות, וידוי, צערעמאָניעס, געהיימניספֿאָלע תפלות, מיט איין וואָרט, אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס זיי ברייגנען אַ גוטע אפּטיקא.

בעטראַכט די אַלע נאַרישע צערעמאָניעס, וועלכע די געטליכע דיענער האָבען ערפֿונדען אין אַלע לענדער, אום צו לייטערען די זינדיגע נשמות און צו מאַכען זיי לייטזעליג אין גאָטס אויגען, ווערט דער גייסט צוטומעלט און דער פֿערשטאַנד בלייבט שטום. דאָ שניידט מען אָב פֿון קינד אַ שטיק פֿלייש, אום ער זאָל זיין געפֿעליג אין גאָט'ס אויגען; דאָרט גיעסט מען איהם וואַסער אויף'ן קאָפּ, אום אָבצוואַשען פֿון איהם די זינד, וועלכע ער האָט נאָך גאָר ניט געקענט בעגעהן. אין אַן אַנדער פלאַץ הייסט מען איהם אונטערטונקען אין אַ טייך, וועמעס כוואַליעס זאָלען אָבשווייגקען אַלע אונרייגקייטען. און ווידער ערגעץ אַנדערש ווערט איהם שטרייגג פֿערבאָטען צו עסען געוויסע שפּייז, אום אויף זיך ניט אַראָב־

צורופען דעם צאָרן פון הימעל. אין אַנדערע געגענדען הייסט מען דעם זינדיגען פון צייט צו צייט זיך מתודה זיין פאַר זיין פריעסטער, וועלכער איז אָפט אַ פיעל גרעסערער בעל חטא ווי ער אַליין.

103.

די שאַרלאַטאַנסטווא פון די פריעסטער.

וואָס וואָלטען מיר געזאָגט פון אַ קאָמפּאַני מענשען, וואָס זאָלען קומען יעדען טאָג אויף'ן מאַרק אָנבאָטענדיג הייל־מיטעל פאַר געוויסע קראַנקהייטען, פון וועלכע זיי אַליין לײדען? וואָלטען מיר דען פיעל צוטרויען געהאַט צו די מעדיצין פון דיזע שאַרלאַטאַנעם? און וואָס וואָלטען מיר געזאָגט, ווען מיר וואָלטען געהערט אימער, ווי דיזע מענשען בעקלאָגען זיך, דאָס זייערע מיטעל העלפען קיינעם ניט — וואָס פאַר אַ בעגריף וואָלטען מיר געהאַט פון יענעם נאַרישען מענשען, וועלכער טראָץ אַלעם דעם וואָלט געקויפט דיזע מעדיצין, וועמעס אונווירקזאַמקייט איז אַזוי קלאָהר? די פריעסטער זיינען ווי די אַלכעמיקער, וועלכע בעהויפטען מיט חוצפה, דאָס זיי ווייסען פון דעם סוד צו מאַכען גאָלד, ווערהענד אין דער אמת'ן האָבען זיי קוים אַ קלייד, זייער נאַקעטקייט צוצודעקען.

די דיענער פון דער רעליגיאָן ריידען אימער איבער די פערדאָרבענהייט פון זייערע מיטמענשען און איבער דעם קליינעם ערפאָלג, וואָס זייערע לעהרען האָבען, און דאָך הערען זיי ניט אויף אונז צו פערזיכערן, דאָס די רעליגיאָן איז דער וועלט־מיטעל פאַר די אַלע איבלען פון דעם מענשליכען מין. דיזע פריעסטער זיינען אַליין זעהר קראַנק. און דאָך זיינען די מענשען אַזוי נאַריש צו געהן אין זייערע ביידלעך און צו קויפען ביי זיי די מעדיצין, וועלכע, ווי זיי זאָגען אַליין, האָט נאָך קיינעם ניט אויסגעהיילט.

104.

די רעליגיאָן האָט בעשמוצט און פערדאָרבען די מענשליכע זיטליכקייט און זי איז די אורזאַכע פון פילע מענשליכע צרות.

די רעליגיאָן, (איבערהויפט די פון אונזער צייט), נעהמענדיג אונטער איהר פליגעל די מאָראַל, האָט אין גאַנצען פערדונקעלט איהרע פרינציפען. זי האָט עס געמאַכט דעם מענשען צור פליכט צו זיין אונגעזעלשאַפטליך. זי האָט די מענשען געצוואונגען צו זיין אונמענשליך געגען די אַלע, וועלכע דיינקען אַנדערש ווי זיי. די רעליגיעזע שטרייטיגקייטען, וועלכע

זיינען גלייך אונפֿערשטענדליך פֿאַר די אַלע פּאַרטייען, וואָס קעמפּפֿען אַזוי ערביטערט איינע געגען די אַנדערע, האָבען צושטערט קעניגרייכע, האָבען געפֿיהרט צו בלוטיגע רעוואָלוציאָנען, און האָבען גאַנץ אייראָפּאַ אומגעוואַנדעלט אין אַ בלוטיגען שלאַכט-פֿעלד. דיזע משוגע׳נע ווילדע סכסוכים האָבען זאָגאַר ניט געקענט אויסגעלאָשען ווערען דורך שטראָמען פֿון בלוט. זייט דער היידענטהום איז געשטאָרבען האָבען עס די רעליגיעזע פֿעלקער געמאַכט פֿאַר זייער פּפֿליכט צו ווערען ווילד און בלוט-דורשטיג, אַזוי שנעל ווי עס שפּרינגט אַרויס אַ נייע לעהרע, פֿון וועלכע די פּריעסטער גלויבען, אַז זי איז דאַגעגען „דער פֿערניפֿטיגער לעהרע”. די אַנהענגער פֿון אַ רעליגיאָן, וועלכע פּריידיגט כלומרשט נור ליעבע, פֿרידען און אחדות צווישען די מענשען, האָבען זיך אַרויסגעצייגט גרויזאַמער פֿאַר די ערגסטע מענשען-פֿרעסער, אַזוי שנעל ווי זייערע לעהרער רייצען זיי אויף צו די פּאַרטיליגונג פֿון די, וואָס גלויבען אַביסעל אַנדערש. עס איז ניטאָ קיין פֿערברעכען וועלכען די מענשען זיינען ניט פֿעהיג צו בעגעהן, מיינענדיג נור, אַז דערמיט קענען זיי געפֿעלען ווערען זייער גאָט אָדער מילדערן זיין צאָרן.

די פֿאָרשטעלונג פֿון אַ שרעקליכען גאָט, וועלכען מען מאָהלט זיך אַלס דעספּאָט, האָט נויטוועגדיגער-ווייזע געמוזט אויך זיינע אונטער-טהאַנען מאַכען שלעכט און ווילד. די מורא בעשאַפֿט נור שקלאַפֿען. און שקלאַפֿען זיינען פֿייג, געמיין, גרויזאַם און האַלטען זיך פֿאַר בערעכטיגט צו טהאָן אַלעס, ווי באַלד עס האַנדעלט זיך נור אום צו קריגען דעם גענאַד פֿון גאָט, פֿאַר וועלכען זיי האָבען אַזוי מורא אָדער אום זיך צו בעפֿרייען פֿון זיינע בעשטראָפֿונגען.

די פֿאָרשטעלונג פֿון אַ טיראַנישען גאָט קען נור מאַכען העסליכע, שטרייטזוכענדע, פֿערביטערטע און אונגדולדזאַמע שקלאַפֿען.

יעדע רעליגיאָן, וועלכע נעהמט אָן די עקזיסטענץ פֿון אַ גאָט, וועלכען מען קען גרינג אַריינברייגען אין כעס, וועלכער איז אייפֿערזיכטיג, ראַכע-זיכטיג, וועלכער איז אַזוי קליינליך, דאָס ער פֿאָדערט, אַז מען זאָל גענוי אויפֿפּאַסען אויף זיינע רעכטע, אויף זיינע איינפֿיהרונגען, וועלכער ווערט בעליידיגט פֿון אַ מענשען, טאָמער האָט ער ניט אַזאַ גוטע מיינונג פֿון איהם; אַ גאָט, וואָס איז אַזוי אונגערעכט, דאָס ער פֿערלאַנגט, אַז אַלע זאָלען פֿון איהם האָבען אַ גלייכע מיינונג — אַזאַ רעליגיאָן, וואָס אַנערקענט אַזאַ מין גאָט, מוז נויטוועגדיגער-ווייזע זיין אַן אונרוהיגע, אַן אַנטי-סאָציאַלע, אַ בלוט-דורשטיגע. די אַנהייגגער פֿון אַזאַ רעליגיאָן מוזען עס האַלטען פֿאַר די גרעסטע מצוה צו האַסען און צו טוידטען די מענשען, וואָס גלויבען ניט אין זייער גאָט. אַזעלכע מענשען מוזען דיינקען, אַז זיי וואָלטען געהאַנדעלט געגען גאָט און זיינע געבאָט, דאָס זיי

וואָלטען געוואָרען פערטעהער געגען איהם, ווען זיי וואָלטען געלעבט אין גוט־פריינדשאַפט מיט די, וועלכע האָבען אַנדערע מיינונגען איבער געטליכע ענינים. און איז עס דען ניט לאָגיש? שלעפט דען ניט אַזאַ גלויביגער אויף זיך גאָט'ס צאָרן, ווען ער ליעבט דאָס וואָס זיין גאָט האַסט?

איהר נידערטרעכטיגע פערפאָלגער, איהר רעליגיעזע קאַניבאַלען! זועט איהר קיינמאָל ניט פערשטעהן די גאַנצע נאַרישקייט און גרויזאַמ־קייט פון אייערע פאַנאַטישע האַנדלונגען? זעהט איהר דען ניט איין, דאָס די רעליגיעזע מיינונגען פון דעם מענשען, זיין לייכטזיניגקייט אָדער אונגלויבען זיינען פונקט ניט מעהר אָבהענגיג פון איהם, ווי די שפּראַך, וועלכע ער געברויכט, וועלכע ער האָט געלעהרנט, ווען ער איז אַ קינד געווען, און וועלכע ער קען ניט איבערבייטען אויף אַן אַנדערע? צו בעפעהלען אַ מענשען, דאָס ער זאָל אַזוי דיינקען, ווי איהר דיינקט, איז עס דען ניט דאָס זעלבע, ווי איהר וואָלט בעפעהלען אַן אויסלענדער צו ריידען אין דער שפּראַך, אין וועלכע איהר רעדט? צו בעשטראָפען אַ מענשען פאַר זיינע טעות'ען הייסט עס דען ניט בעשטראָפען אַ מענשען נור דערפאַר, ווייל ער איז אַנדערש ערצויגען געוואָרען, ווי איהר? ווען איך בין אַן אונגלויביגער, איז עס דען מעגליך פאַר מיר אַרויסצורייסען פון מיין האַרצען און קאָפּ די אַלע גרינדע, וועלכע האָבען געמאַכט ביי מיר דעם גלויבען אַזוי שאָקעלדיג? ווען אייער גאָט לאָזט דעם מענשען זיך אַריינצוּוואַרפען אין די אייביגע פערדאַמונג, טאָ וואָס געהט עס אייך אָן? זיינט איהר דען קליגער און גערעכטער פאַר אייער גאָט, וועמעס רעכטע איהר ווילט פערטהיידיגען?

105.

יעדע רעליגיאָן איז אינטאָלעראַנט און צושטערט צוליב דעם דעם מענשליכען גליק.

עס איז ניטאָ אַ רעליגיעזער מענש, וואָס זאָל ניט האַסען און פער־אַכטען אָדער וויינינגסטענס בעמיטליידען דעם, וואָס גלויבט אַנדערש ווי ער, וואָס געהערט צו אַן אַנדער רעליגיעזע סעקטע, ווי די זייניגע. די הערשענדע רעליגיאָן, וועלכע איז געווען צו אַלע צייטען אויך די רעליגיאָן פון די הערשער, לאָזט אויף אַ גרויזאַמען אופן פיהלען די אַנדערע רעליגיעזע סעקטען איהר גרויסע אויבערמאַכט. ביז איצט איז נאָך ניטאָ קיין אמת'ע טאָלעראַנץ אויף דער וועלט. איבעראַל בעט מען צו אַן אייפערזיכטיגען גאָט, וועמעס ליעבלינג יעדע נאַציאָן בילדעט זיך איין צו זיין, צום אויסשלוס פון די אַלע אַנדערע נאַציאָנען.

יעדעס פֿאָלק בעריהמט זיך צו זיין דאָס איינציגע, וועלכע האָט דערקענט און אויסגעפֿונען דעם אמת'ן גאָט. אָבער ווען מען הויבט אָן גענוי בעטראַכטען דיזען וועלט-פֿירשט, געפֿינט מען אויס, דאָס יעדע רעליגיעזע סעקטע האָט פֿון דיזען געוואַלדיג-מעכטיגען גאָט געמאַכט נור אַ קליינינקען הערשערעל, וועמעס גוטסקייט און זאָרג פֿערשפּרייטען זיך נור אויף אַ קליינע צאָהל פֿון מענשען, וועלכע בעהויפּטען, דאָס נור זיי אַליין זיינען זיינע ליבלינגע, און דאָס איהם האַרט גאָר ניט פֿאַר די אַלע אַנדערע.

די גרינדער פֿון רעליגיאָנען און די פּריעסטער, וועלכע זעהען-צו, אַז די רעליגיאָנען זאָלען ניט אונטערגעהן, האָבען, ווי עס שיינט, זיך פֿאָרגענומען צו מאַכען אַן אייביגע מחיצה צווישען נאַציאָנען און נאַציאָנען. דורך קענטיגע סימנים גיבען זיי זיך די מיה אָבצוזונדערן זייערע „סטאַדעס". פֿאַר זייער שטאַדע בעשאַפֿען זיי אימער אַזעלכע געטער, וועלכע זיינען אין אייביגען קריעג מיט די געטער פֿון די אַנדערע סטאַדעס. זיי מאַכען פֿאַר זיי גאַנץ אַנדערע דאָגמען, רעליגיעזע צערע-מאָניעס. דורך דיזע קונץ-שטיק בעמעכטיגען זיך דיזע שווינדלער איבער דעם גייסט פֿון זייערע אַנהייננגער, מאַכען זיי אונגעזעלשאַפֿטליך און ברייננגען זיי דערצו צו בעטראַכטען אַלס פֿערדאַמטע די אַלע, וועלכע געברויכען אַנדערע צערעמאָניען, וועלכע בעטען צו גאָט אויף עטוואָס אַן אַנדער שטייגער. און אויף אַזאַ אופן איז עס געלונגען דער רעליגיאָן צו פֿאַרשליסען די מענשליכע הערצער און אַרויסצוטרייבען פֿון זיי אויף אייביג די ליעבע, וועלכע איין מענש זאָל און דאַרף פֿיהלען צו דעם צווייטען.

די געזעלשאַפֿטליכקייט, די דולדזאַמקייט, דיזע ערשטע טוגענדען פֿון יעדער מאָראַל-לעהרע, דיזע זיינען אין גאַנצען אין ווידערשפּרוך מיט דעם עצם פֿון יעדע רעליגיאָן. יעדער נאַציאָנאַלע רעליגיאָן מוז מאַכען דעם מענשען אומזיסט שטאָלץ, שלעכט און מענשען-פֿיינדליך. דער ערשטער טריט צו מענשען-ליעבע איז דער, צו ערלויבען יעדען אין פֿרידען צו האַנדלען אין אַלע הינזיכטען לויט זיין אייגענעם געוויסען. אָבער אַזאַ זאַך קען ניט זיין געפֿעלען די דיענער פֿון רעליגיאָן, וועלכע נעהמען זיך דאָס רעכט צו טיראַניזירען די מענשען זאָגאַר ביז אויף זייער געפֿיהלס-לעבען.

איהר בלינדע און רעליגיעזע הערשער! איהר האַסט, איהר פֿערפֿאָלגט, איהר טוידטעט די אפיקורסים, ווייל מען רעדט אייך איין, דאָס דיזע אונגליקליכע געפֿעלען ניט אייער גאָט. אָבער זאָגט איהר דען אַליין ניט, דאָס אייער גאָט איז פֿול גוטסקייט? ווי קענט איהר האָפֿען איהם צו געפֿעלען דורך באַרבאַרישע האַנדלונגען, וועלכע ער אַלס גוטער גאָט,

מוז, געוויס פּערדאַמען. און אַ חוץ דעם, ווער האָט עס אייך געזאָגט, דאָס די מיינונגען פון די אפיקורסים זיינען גאָט ניט געפעלען? דאָס זיינען אייערע פריעסטער. ווער קען אייך אָבער קאָווירען, דאָס, אָדער זיי נאַרען זיך אַליין, אָדער ווילען אַנדערע מאַכען צום נאַר?

106.

די רעליגיאָן ניט נור, וואס זי האלט צוריק, נור זי ערמוטהיגט צו פערברעכען.

אַלע רעליגיאָנען פון דער וועלט זיינען מסכים, יאָ, זאָגאַר בעפּוילען די געמיינסטע האַנדלונגען. די אירען, פאָלגענדיג גאָט'ס בעפעהל, האָבען זיך גענומען דאָס רעכט אויסצוראָטען גאַנצע פעלקער. די רוימער, געשטיצט אויף זייערע אָראַקעלס, האָבען ווי אמת'ע רויבער פערוואַנדעלט די וועלט אין אַ וויסטע; די אַראַבער, אויפגעהעצט פון זייער געטליכען נביא, האָבען געבראַכט פייער און שווערד צו די קריסטען און די געצענ־דינער. די קריסטען, מיט דער פרעטענזיע צו פערברייטען זייער הייליגע רעליגיאָן, האָבען הונדערטע מאָל בעדעקט די ערד מיט מענשען־בלוט.

ביי אַלע פאַסירונגען, וועלכע זיינען גוט פאַר די אינטערעסען פון די פריעסטער, און וועלכע זיי רופען אימער „גאָט'ס זאַך", ציינגען אונז אָן די פריעסטער אויף „גאָט'ס פינגער". זיי זעהען גאָט'ס פינגער אין אויפשטענדע, בלוט־פערגיסונגען, פערברעכען, קעניגס־מאָרדען, פּראָ־סטיטוציאָן און ז.וו. און ווען ביי דיזע אַלע זאַכען האָט די רעליגיאָן איהר שטיקעלע טובה, בענוצט זי זיך מיט אַלע מיטלען, אום צו ערר‌ייכען איהרע צוועקען. איז דען דאַרום דאָ עטוואָס, וואָס קען מעהר צושטערען די אידעע פון זיטליכקייט, ווי אַזאַ לעהרע, דאָס גאָט בעדינט זיך מיט די שענדליכסטע און שרעקליכסטע מיטעל, אום אויסצופיהרען דאָס, וואָס ער ווינשט?

107.

די ווידערלייגונג פון דעם ארגומענט, אז פיר די שלעכטיגקייט וואס קומט דורך דער רעליגיאָן, זיינען די מענשליכע ליידענשאפטען פעראנטווארטליך.

אַזוי באַלד ווי מען הויבט זיך אָן בעקלאָגען אויף די אונגליקען, וועלכע די רעליגיאָן האָט געבראַכט מיט זיך, דערצעהלט מען אונז, אַז אין דעם איז די רעליגיאָן גאָר ניט שולדיג, נאָר דאָס זיינען די טרויעריגע רעזולטאַטען פון דעם מענשענ'ס בייזע ליידענשאַפטען.

איך וויל אָבער פֿרעגען, ווער האָט אַרויסגערופֿען און אויפֿגעוועקט דיזע בייזע ליידענשאַפֿטען? ניט קיין אַנדער זאַך ווי נור די רעליגיאָן. דאָס איז דער פֿאַנאַטיזמוס, וועלכער מאַכט פֿון איינעם אוים מענש, און וועלכער איז דאָ, אום צו פֿערדעקען די גרעסטע נידערטרעכטיגקייטען. און בעווייזען גראַדע ניט דיזע שרעקליכע טהאַטען פֿון די רעליגיעזע מענשען, דאָס די רעליגיאָן, אָנשטאָט צו האַלטען די ליידענשאַפֿטען אין צוים, בעדעקט זי זיי נור מיט אַ מאַנטעל, וועלכער מאַכט זיי הייליג, און דאָס קיין זאַך וואָלט ניט געווען אַזוי ניצליך, ווי אַוועקצונעהמען פֿון די מענשען דיזען מאַנטעל, פֿון וועלכען זיי מאַכען אַזאַ שרעקליכען געברויך?

וויפֿיעל גרוילטהאַטען וואָלטען פֿערטריבען געוואָרען פֿון דעם לעבען פֿון דער מענשהייט, ווען מען וואָלט פֿון די שלעכטע און בייזע געקענט צונעהמען די וואָפֿע, וועלכע העלפֿט זיי אַזוי פֿיעל אין זייער בייזקייט! אָנשטאָט צו ברייננען פֿרידען צווישען די מענשען, האָבען די פריעסטער, ווי בייזע שדים, אימער געבראַכט קריעג און שנאה צווישען זיי. זיי האָבען דאָס געטהאָן, ערקלעהרענדיג, דאָס עס איז דער בעפֿעהל פֿון זייער געוויסען, און דאָס דער הימעל האָט זיי געגעבען דאָס רעכט אָנצומאַכען די אַלע רייסערייען צווישען מענש און מענש. און פֿיהלען זיך דען די געטליכע דיענער ניט בעליידיגט, טענה'ן זיי דען ניט, דאָס גאָט איז שרעקליך בייז, ווען די וועלטליכע מאַכט שטערט זיי אַמאָל אין די אויספֿיהרונג פֿון זייערע פֿינסטערע פלענער? די פריעסטער זיינען פונקט ווי יענע ווידערשפענסטיגע פֿרוי, וועלכע האָט געשריען: רויבער! מערדער! פֿייער! ווען דער מאַן האָט איהר צוגעהאַלטען די הענד, אַז זי זאָל איהם ניט שלאָגען.

108.

מאראל איז אונמעגליך צו פעראייניגען מיט רעליגיעזע מיינונגען.

מאַכענדיג זיך פֿערגעסען אָן די בלוטיגע טראַגעדיען, וועלכע די רעליגיאָן פֿיהרט אויף אַזוי אָפֿט אויף דער וועלט־ביהנע, הערט מען אונז ניט אויף צו זאָגען, דאָס עס קען ניט זיין קיין מאָראַל אָהן רעליגיאָן. ווען מען זאָל אָבער וועלען אורטהיילען די רעליגיעזע מיינונגען נאָך זייערע ווירקונגען, מוז מען גאָר זאָגען פֿערקעהרט, דאָס קיין מאָראַל קען זיך ניט צוזאַמענפּאָרען מיט די רעליגיעזע מיינונגען.

מען זאָגט אונז שטענדיג: „טהוט נאָך גאָט!" אַך! וואָס פֿאַר אַ מאָראַל וואָלטען מיר געהאַט, ווען מיר וואָלטען גאָט ווירקליך נאָכגע־

טהאָן! וועלכען גאָט זאָלען מיר נאָכטהאָן? דעם גאָט פֿון די דעאיסטען? אָבער דיזער קען אונז ניט דיענען אַלס מאָדעל פֿון גוטסקייט; אויב ער איז דער בעשעפֿער פֿון אַלעס, איז ער דאָך פּונקט אַזוי דער בעשעפֿער פֿון דאָס בייזע, ווי פֿון דאָס גוטע, וואָס מיר זעהען אויף דער וועלט. אויב ער איז דער בעשעפֿער פֿון דער אָרדנונג, איז ער דאָך אויך אין דערזעלבער צייט דער בעשעפֿער פֿון אונאָרדנונג, וועלכע וואָלט גאָר ניט געקענט זיין אָהן זיין ערלויבניס. אויב ער בויט, איז ער דאָך אויך דער וועלכער צושטערט; אויב ער בעשאַפֿט לעבען, שיקט ער אָבער אויך דעם טויט; אויב ער איז עס וואָס ברייננט דעם פֿריעדען, איבערפֿלוס און רייכטהום, איז ער דאָך אויך דער, וואָס שיקט אָן אויף אונז הונגער, נויט, קראַנקהייטען, מלחמות, — טו ווי קען מען נעהמען אַלס מאָדעל פֿון אמת'ער גוטסקייט דעם גאָט פֿון די דעאיסטען, וועמעס גוטע מעלות ווערען יעדע ווילע פֿערניכטעט דורך זיינע שרעקליך-גרויסע חסרונות? די מאָראַל ברויכט עפּעס אַביסעל אַ פֿעסטערען פֿונדאַמענט, ווי דער ביישפּיעל פֿון אַ גאָט, וועלכער ענדערט זיך אַלע מאָל אין זיין אויפֿפֿיהרונג, און וועלכען מען קען נור דאַן אָנרופֿען גוט, ווען מען שפּאַרט זיך גוט איין און מען מאַכט זיך ניט זעהענדיג אויף אַל דאָס בייז, וואָס קומט פֿאָר אויף דיזער וועלט.

אָדער זאָלען מיר נאָכטהאָן דעם גרויסען יופּיטער פֿון דעם היידנישען אַלטערטהום? אַזאַ גאָט נאָכצוטהאָן וואָלט געמיינט נאָכצוטהאָן אַ רעבעלישען זוהן, וועלכער וואַרפֿט אַראָב זיין טאַטען פֿון זיין טראָהן און מאַכט איהם דערנאָך פֿאַר אַ קאַליקע. דאָס הייסט נאָכצוטהאָן אַ הולטאַי, אַ בלוט-שענדער, אַ שאַרלאַטאַן, מיט וועמעס אויפֿפֿיהרונג יעדער פֿער-נינפֿטיגער מענש וואָלט זיך איינפֿאַך געשעהמט. וואָס וואָלט געוואָרען אין דער צייט פֿון היידענטהום מיט די מענשען, ווען זיי וואָלטען געגלויבט, אַז די מענשליכע טוגענד בעשטעהט אין דעם נאָכטהאָן פֿון זייערע געטער?

אָדער זאָלען מיר נעהמען אַלס פֿאָרבילד דעם אידישען גאָט? ער איז דאָך ווירקליך אַ באַרבאַרישער גאָט, אין גאַנצען געשאַפֿען פֿאַר אַ פֿאָלק וואָס איז גרויזאַם, אונמאָראַלִיש און דום. דאָס איז אַ גאָט, וועלכער איז אַלע מאָל אין כעס, וועלכער אָטהעמט נור מיט ראַכע, וועלכער ווייס ניט פֿון קיין רחמנות, וועלכער בעפֿעהלט צו גנב'ענען, צו מאָרדען, צו רויבען, מיט איין וואָרט, ער איז אַ גאָט, וועמעס אויפֿפֿיהרונג קיין מענש מיט עטוואָס אַ געפֿיהל פֿאַר יושר וועט זיך נעהמען צום פֿאָרבילד. ער קען נור דיענען אַלס מאָדעל פֿון אַן אָנפֿיהרער פֿון אַ רויבערבאַנדע.

אָדער זאָלען מיר נאָכאַהמען דעם יעזוס פֿון די קריסטען? קען דיזער גאָט, וועלכער שטאַרבט אום צו שטילען דעם צאָרן פֿון זיין

פּאָטער, דיענען פֿאַר אונז אַלס מאָדעל, נאָך וועלכען מיר זאָלען זיך ריכטען אין אונזער לעבען? אַך, מיר קענען אין איהם בלויז זעהן אַ פֿאַנאַטיקער, אַ מענשען־פֿיינד, וועלכער זייענדיג אַליין פֿערזונקען אין עלענד, פּריידיגט צו די אָרעמע צו בלייבען אַזוי אָרעם, צו בעקעמפּפען און צו דערשטיקען זייער נאַטור, צו האַסען דעם פֿערגניגען, צו זוכען דעם שמערץ און צו פֿערפּייניגען זיך אַליין. ער וועט זיי בעפֿעהלען צו פֿערלאָזען פֿאָטער, מוטער, פֿערוואַנדטע, און פֿאָלגען איהם. אַ שעהנע מאָראַל! וועט איהר אפשר זאָגען: יאָ, זי איז אָהן צווייפֿעל אַ מאָראַל, וואָס איז ווערטה צו בעוואונדערען, זי איז זיכער געטליך, ווייל דער מענש קען איהר קיינמאָל ניט דורכפֿיהרען. אָבער איז גראַדע ניט אַזאַ מאָראַל אימשטאַנדע צו מאַכען פֿערהאַסט די טוגענד? נאָך דיזער מאָראַל, וועלכע ווערט פֿון די קריסטען אַזוי שטאַרק געלויבט, זיינען די שילער פֿון דיזער רעליגיאָן אמת'ע מאַרטירער, וועלכע ווערען געמוטשעט פֿון אַ ברענענדען דורשט און וועלכען עס איז זיי ניט ערלויבט צו שטילען. מוז דען ניט אַזאַ מאָראַל געבען אונז אַ זאָנדערבאַרען בעגריף פֿון דעם בעשעפֿער פֿון דער נאַטור? אויב ער, ווי מען פֿערזיכערט אונז, האָט אַלעס געשאַפֿען פֿיר דעם געברויך פֿון זיינע בעשעפֿניסע, טו וואָס פֿאַר אַן אונזיניגער איינפֿאַל איז עס צו פֿערוועהרען דעם געברויך פֿון אַלע גוטע זאַכען, וועלכע ער אַליין האָט בעשאַפֿען? איז דען דאָס פֿערגניגען, וועלכען דער מענש ווינשט אייביג צו קריגען, בלויז אַ נעץ, וועלכען גאָט האָט בייזוויליג אַוועקגעלייגט, אום אַריינצוכאַפּען אין איהם דעם שוואַכען מענשען, גאָט'ס אייגענע בעשעפֿענים?

109.

די מאראל פֿון דעם עוואנגעליום איז ניט מעגליך אויסצופֿיהרען.

די אַנהייגער פֿון דער קריסטליכער רעליגיאָן ווילען בעווייזען, אַז זייער רעליגיאָן איז אַ וואונדער־שעהנע, דערמיט, ווייל זי איז אין גאַנצען ענטגעגען דער מענשליכער נאַטור. זי איז אין ווידערשפּרוך מיט די אַלע נייגונגען און ווינשע פֿון די מענשליכע האַרץ, איז פֿיינדליך צו אַלעס, וואָס קען בעפֿרידיגען די מענשליכע חושים. און זאָגען זיי, אַז די מענשען האָבען געקאָנט אָננעהמען אַזאַ רעליגיאָן, מסתמא איז דאָך דאָס אַ גוטע זאַך. אָבער די שטרייננקייט פֿון אַזאַ רעליגיאָן מאַכט זי נור וואונדערבאַרער אין די אויגען פֿון דעם פּראָסטען מענשען. די זעלבע נאַטור, וועלכע מאַכט דעם מענשען צו ערקלעהרען אונבעגרייפֿליכע וואונדער אַלס געטליך, ברייננט איהם אויך דערצו צו בעוואונדערן אַ מאָראַל, וועלכע איז איבער זיינע קרעפֿטען.

צו בעוואונדערן א מאָראַל און צו פּראַקטיצירען איהר — דאָס זיינען צוויי בעזונדערע זאַכען. אַלע קריסטען לויבען די מאָראַל פון די אַפּאָסטעלס, אָבער זי ווערט נור פראַקטיצירט פון אַ גאַנץ קליינער צאָהל פון הייליגע, וועלכע מען רופט שוין דאַרום הייליג, ווייל די מייסטע מענשען ערקלעהרען, אַז אַזאַ לעבען פאַר זיי איז אונמעגליך.

די גאַנצע וועלט איז מעהר אָדער וויניגער פערפעסטעט פון אַ רעליגיעזע מאָראַל, וועלכע גרינדעט זיך אויף דעם גלויבען, דאָס אום גע‌פעלען צו ווערען גאָט, איז עס נויטווענדיג צו מאַכען זיך אונגליקליך אויף דיזער וועלט. מען זעהט אין אַלע טהיילען פון דער וועלט די פרושים, די פאַנאַטיקער, וועלכע, ווי עס ווייזט אויס, האָבען גרינדליך שטודירט אַלע מיטעל צו מוטשען זיך צוליב דעם כבוד פון אַ וועזען, וועמעס גוטסקייט זיי לויבען אַלע. נאָך זייער מיינונג איז די רעליגיאָן אַ פיינד פון פרייד, פון מענשליכען גליק. „זעליג זיינען די אָרימע! זעליג זיינען די, וואָס וויינען, זעליג זיינען די, וואָס ליידען! וועה צו די, וואָס לעבען גוט און גליקליך!" דאָס זיינען די אונזיניגע לעהרען, וועלכע דער קריסטענטהום האָט ערפונדען און פערברייטעט.

110.

א געזעלשאַפט פון לויטער הייליגע איז אַן אונזין.

ווער איז אַ הייליגער ביי אַלע רעליגיאָנען? דאָס איז אַ מענש, וועלכער בעט, פאַסט, פערקריפּלעט זיך, וועלכער אַנטלויפט פון דער וועלט און לעבט אין איינזאַמקייט, וועלכער האַסט די וועלט און האָט מורא פאַר דאָס מינדעסטע, וואָס קען איהם אָבציהען אויף אַן אויגענ־בליק פון זיינע פאַנאַטישע פערטיעפונגען. הייסט דאָס טוגענד? איז אַזאַ מענש גוט פאַר זיך אַליין אָדער ניצליך פאַר אַנדערע? וואָלט דען אַזאַ געזעלשאַפט זיך ניט באַלד אויפגעלייזט, און וואָלטען דען די מענשען ניט פערזונקען באַלד אין באַרבאַריי, ווען אַ יעדער נאַר וואָלט געוואָלט ווערען אַ הייליגער?

עס איז קלאָהר, דאָס די שטריינגע דורכפיהרונג פון דער קריסטליכער מאָראַל וואָלט געווים געפיהרט צו די רואינירונג פון די פעלקער. אַ קריסט, וועלכער שטרעבט נאָך פאָלקאָמענהייט, וואָלט געמוזט אַלעם אָבשטויסען פון זיך, וואָס קען איהם נור אָבציהען אויף אַ ווײַלע פון זיין אמת'ן פאָטערלאַנד — פון הימעל. אויף דיזער ערד זעהט ער נסיונות, וועלכע קענען איהם בריינגען אין דעם גרעסטען אונגליק. ער טהאָר ניט אַרבייטען, טאָמער וועט ער רייך ווערען, וואָס דאָס קען איהם שאַדען צו זיין נשמה; ער מוז זיך ענטזאַגען אַנצונעהמען אירגענד

וועלכע עהרענהאַפטע שטעלע, כדי ער זאָל ביי זיך ניט ווערען צו־שטאָלץ. מיט איין וואָרט, די מאָראַל פון דער קריסטליכער רעליגיאָן איז אַזעלכע, דאָס ווען מען וואָלט איהר פּראַקטיצירט, וואָלט אַ געזעלשאַפטליכער לעבען גאָר ניט מעגליך געווען.

אַ הייליגער אין דער וועלט איז ניט מעהר ניצליך, ווי אַ הייליגער אין דער וויסטע; אַ הייליגער איז אַ מענש, וואָס האַסט די געזעלשאַפט און איז פאָלגליך שעדליך פאַר איהר. ווען אַ הייליגער אין דער וויסטע איז ניט ניצליך, איז ער אין געזעלשאַפטליכען לעבען געפעהרליך. אַזאַ איינער מוז זיך איינריידען, אַז ער איז בעסער פאַר אַנדערע, אַז ער איז ווייט ערהאַבען איבער די מענשליכע נאַטור. און ער קוקט מיט פעראַכטונג אויף די אַלע איבעריגע מענשען, וואָס קענען ניט צוקאַליעטשען אַזוי זייער לעבען, ווי ער זיינעם.

111.

די מענשליכע נאטור איז ניט פערדארבען; און א מאראל, וועלכע איז אין ווידערשפרוך מיט דער מענשליכער נאטור, קען ניט פאסען פאר'ן מענשען.

אַ מאָראַל, וועלכע איז אין ווידערשפרוך מיט דער מענשליכער נאַטור, קען בשום אופן ניט זיין גוט פאַר'ן מענשען. נון אָבער, ווערט איהר זאָגען, אַז די מענשליכע נאַטור איז פערדאָרבען. פרעגט זיך אָבער דאַן, אין וואָס בעשטעהט דיזע פערדאָרבענהייט? איז עס אפשר אין דעם, וואָס דער מענש האָט ליידענשאַפטען? אָבער זיינען דען ניט דיזע ליידענשאַפטען דער עצם פון דעם מענשען? איז ער דען ניט געצוואונגען צו פערלאַנגען, צו זוכען, צו ליעבען דאָס וואָס קען איהם ברייגנען גליק אָדער וואָס שיינט איהם צו ברייגנען גליק? מוז ער דען ניט מורא האָבען און אויסמיידען דאָס, וואָס קען פאַר איהם ווערען שלעכט און געפעהרליך? בלאָזט אויף זיינע ליידענשאַפטען פאַר ניצליכע זאַכען; זעהט אַז זיין וואָוילזיין זאָל קומען גראַדע פון דעם, וואָס ער וועט טהאָן אַלעס וואָס איז גוט; דורך פערנונפט און אויפקלעהרונג ציינט איהם, ווי שלעכט עס קען זיין פאַר איהם אַליין, ווען ער וועט שאַדען אַנדערע, און דאַן וועט איהר זעהן, ווי טוגענדהאַפט דער מענש קען ווערען.

אַ מענש אָהן ליידענשאַפט איז פונקט אַזוי גלייכגילטיג צו גוטעס, ווי צו שלעכטעס. הייליגע לעהרער! איהר ווידערהאָלט הונדערט מאָל אַ טאָג, דאָס די מענשליכע נאַטור איז פערדאָרבען, איהר זאָגט, אַז אַלעס וואָס איז בשר ודם איז זינדיג; איהר פערזיכערט אונז, דאָס די מענשליכע נאַטור איז פול מיט ליידענשאַפטען, וועלכע קענען ניט קאָנטראָלירט

ווערען, און אויף אַזאַ אופן בעשולדיגט איהר אייער גאָט, דאָס ער האָט ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט אויפהאַלטען די מענשליכע נאַטור אין איהר ערשטער ריינקייט און פאָלקאָמענהייט. ווען די נאַטור איז געוואָרען אַזוי פע־דאָרבען און געזונקען, טו וואָרום האָט גאָט ניט געזעהן איהר צו ראַטעווען?

באַלד אָבער קומט צוגעהן דער קריסט און פערזיכערט מיר, דאָס דיזע מענשליכע נאַטור איז צוריק ריין געוואָרען, דאָס דורך דעם טויט פון זיין גאָט האָט די מענשליכע נאַטור צוריק בעקומען איהר אַמאָליגע לויטערקייט. דאַן פרעגט זיך אָבער, טו פון וואַנען קומט עס טאַקע, דאָס די מענשליכע נאַטור איז נאָך אַלץ אַזוי פערדאָרבען, ווי איהר אַליין גיט עס צו?

זאָל עס מעגליך זיין, אַז אייער גאָט איז גאָר אומזיסט געשטאָרבען? וואָס זשע ווערט אויף אַזאַ אופן פון זיין נצחון איבער׳ן טייפעל, ווען עס איז אמת, דאָס דער טייוועל הערשט נאָך אימער, ווי ער האָט עס געטהאָן נאָך איידער דער קריסטליכער גאָט האָט אויפגענומען דעם קאַמפף מיט איהם?

דער טויט איז, נאָך דער קריסטליכער רעליגיאָן, די בעלוינונג פאַר די זינד. דיזע מיינונג שטימט שטאַרק מיט די מיינונגען פון אייניגע ווילדע שטאַמען, וועלכע דיינקען, אַז דער טויט איז אַלע מאָל די איבער־נאַטירליכע ווירקונג פון דעם צאָרן פון די געטער. די קריסטען גלויבען פעסט, אַז גאָט האָט זיי בעפרייט פון זייערע זינד, כאָטש זיי קענען זעהן, אַז די גלויביגע קריסטען, ניט ווייניגער ווי אַנדערע גלויביגע, זיינען אונטערוואָרפען דעם זעלבען שיקזאַל — פון טויט. ווען מען זאָגט, דאָס יעזוס קריסטוס האָט אונז בעפרייט פון זינד, מיינט עס פונקט ווי איינער וואָלט געזאָגט, דאָס אַ ריכטער האָט בעגנאַדיגט אַ שולדיגען און האָט געגעבען אַ בעפעהל איהם צו טויטען.

ווען מען זאָל זיך מאַכען בלינד צו אַלעס וואָס פאַסירט אויף דער וועלט און אין גאַנצען זיך פערלאָזען אויף דעם וואָס די אַנהייננגער פון דער קריסטליכער רעליגיאָן זאָגען, וואָלט מען ווירקליך געקענט מיינען, דאָס דער אָנקומען פון זייער געטליכען בעפרייער האָט אָנגעמאַכט די וואונדערבאַרסטע רעוואָלוציאָן אין די זיטען פון די פעלקער. ווערדליג ווי דער גרויסער פאַסקאַל זאָגט, האָט דיזער ערלייזער, דיזער משיח, אַליין בעדאַרפט פון זיך אַרויסברייננגען אַן אויסערוועהלטען פאָלק, האָט איהם געמוזט פיהרען, ערנעהרען איהם און ברייננג׳ן איהם צו דעם הייליגען און רוהיגען אָרט פון גאָט, און אויבפויען אַ מזבח פאַר גאָט׳ס כבוד, ראַטעווען איהם פון גאָט׳ס צאָרן, בעפרייען איהם פון קנעכטשאַפט, פון זינד; געבען דעם פאָלק געזעצע, איינדריקען זיי אין זיין

האַרצען און זיך זעלבסט מקריב זיין פֿאַר זיי צו זיין גאָט. אַזוי זאָגט פּאַסקאַל. ער האָט אָבער פֿערגעסען אונז צו ווייזען אַזאַ פֿאָלק אויף וועמען דער משיח האָט געהאַט אַזאַ וואונדערבאַרע ווירקונג. ביז איצט שיינט עס, איז נאָך אַזאַ פֿאָלק ניט דאָ.

ווען מען נעהמט נאָר אַביסעלע אויספֿאָרשען די זיטען פֿון אונזערע קריסטען, מוז מען צוגעבען, אַז יעזוס קריסטוס האָט געפּרעדיגט גאַנץ אומזיסט, און דאָס זיין טויט איז געווען אין גאַנצען נוצלאָז; דאָס זיין אַלמעכטיגער ווילען שטויסט זיך אָן נאָך ביז איצט אויף אַ געוואַלטיגעןווידערשטאַנד ביי די מענשען, וועלכען דיזער גאָט קען ניט אָדער וויל ניט בעזיעגען. די מאָראַל פֿון דיזען געטליכען לעהרער, וועלכע זיינע שילער בעוואונדערען אַזוי שטאַרק און פּראַקטיצירען אַזוי ווייניג, ווערט נור אייניגערמאַסען נאָכגעפֿאָלגט פֿון אַ האַלבען דוצען הייליגע אָדער פֿאַנאַטיקער איבער דער גאַנצער וועלט, וועלכע ערוואַרטען דערפֿאַר צו ווערען בעלוינט אויף יענער וועלט. דאָס זיי וועלען גלאַנצען אין פּראַכט און אין כבוד אין דעם הימלישען פּאַלאַץ. די גאַנצע איבעריגע מענש- הייט, וועלכע פֿאָלגט ניט נאָך די מאָראַל פֿון דעם הייליגען גאָט, ווערט דאַרום זיין פֿערדאַמט צו די אייביגע פֿלאַמען פֿון גיהנום.

112.

די לעהרע פון פערגעבען די זינד איז נור אויסגעפונען געווארען אין דעם אינטערעס פון די הייליגע.

ווען אַ מענש האָט אַ גרויסען חשק צו זינדיגען, דיינקט ער ניט פֿון גאָט. אין געגענטהייל, וואָס פֿאַר אַ פֿערברעכען ער זאָל האָבען געטהאָן, לאָזט ער זיך אימער איבעררייזען פֿון דער האָפֿנונג, דאָס גאָט וועט געגען איהם ניט זיין האַרט. קיין מענש גלויבט ניט ערנסט, דאָס צוליעב זיין אויפֿפֿיהרען זיך וועט ער דאַרפֿען ליידען אייביגען גיהנום. כאָטש ער האָט מורא פֿאַר אַ שרעקליכען גאָט, וועלכער מאַכט איהם אָפֿט ציטערן, דאָך וויבאַלד עס קומט איהם אויס עטוואָס צו טהאָן, וואָס ער וויים אַז עס איז אַ זינד, פֿערגעסט ער זיך אָן דעם שרעקליכען גאָט און דיינקט נור פֿון דעם באַרמהערציגען גאָט, וועלכער וועט איהם אודאי פֿערגעבען זיינע זינד. טהוט ער עטוואָס בייזעס, האָפֿט ער נאָך געגוג צייט צו האָבען צו פֿעררי‌כטען, זיך צו בעסערען, און גיט זיך אַ נדר אַמאָל שפּעטער ערנסט חרטה צו האָבען.

אין דעם רעליגיעזען אַפּטייק זיינען דאָ ריכטיגע רעצעפּטען, דורך וועלכע מען קען בערוהיגען דעם געוויסען. אין יעדען לאַנד זיינען דאָ פּריעסטער, וועלכע וויסען פֿון סודות, ווי אַזוי צו שטילען גאָט'ס צאָרן.

דאָך, אויב אויב עס איז וואַהר, דאָס דורך תפלות, נדבות און קרבנות קען מען מאַכען גאָט מילד, האָט מען דאָך מעהר שוין קיין רעכט ניט צו בעהויפטען, דאָס די רעליגיאָן לייגט אַרויף אַ צוים אויף די מענש־ליכע בייזע ליידענשאַפטען. די מענשען, ניט זייענדיג דאָך אין גאַנצען נאַריש, זינדיגען פריהער און ערשט דאַן זוכען זיי אַ מיטעל, ווי זיך איבערצובעטען מיט זייער גאָט, געגען וועמען זיי האָבען געזינדיגט. יעדע רעליגיאָן, וועלכע מעקט אָפּ פערברעכען דורך חרטה, און וועלכע פריידיגט און לעהרענט פון פערגעבונג, וועט מעהר מענשען ערמוטהיגען צו בעגעהן פערברעכען, ווי זיי צוריקהאַלטען דערפון.

די פריעסטער מאַכען פון גאָט ווי זיי ווילען. אָט מאַכען זיי איהם פאַר אַ שטריינגען גאָט, פאַר אַן אל קנא ונוקם, און אָט איז ער פול מיט גנאַדע, אַן אל רחום וחנון. און צוליעב דעם בעטראַכטען די מענשען גאָט אויך פערשידען, ווי עס פאַסט זיך אַם בעסטען פיר זייערע אינ־טערעסען. אַ גאָט, וואָס איז שטענדיג בייז און האַרט, וואָלט באַלד פון זיך אָבגעשטויסען זיינע אַנהייגגער. ער וואָלט זיי געטריבען צו דער שרעקליכסטער פערצווייפלונג. די מענשען דאַרפען אַ גאָט, וועלכער ווערט בייז און בערוהיגט זיך; ווען זיין צאָרן ברייגגט שרעק אויף אייניגע, בערוהיגט זיין גוטסקייט די מוטהיגע פערברעכער, וועלכע האָפען ווי עס איז שפעטער שוין דורכצומאַכען מיט גאָט. ווען גאָט'ס געריכט מאַכט ציטערן אייניגע פרומע, וועלכע וואָלטען סיי ווי סיי ניט געטהאָן פיעל שלעכטעס, בערוהיגט אָבער גאָט'ס פיעל־געליבטע באַרמהערציגקייט די גרעסטע לומפען, וועלכע האָפען, אַז גאָט קען דאָך ניט זיין אַזוי שלעכט און ניט פערגעבען זיי, ווען זיי וועלען שפעטער ביי איהם נור שטאַרק בעטען.

די מעהרסטע מענשען דיינקען זעלטען ווען אָן גאָט. דער בעגריף איבער איהם איז ביי זיי אַזוי ניט קלאָהר און מוטשעט זיי אַזוי שטאַרק, דאָס ער קען נור האַלטען געשמידט די פאַנטאַזיע פון אייניגע ווייניגע טרוימער, אָבער ניט פון די מעהרצאָהל מענשען. דער געוועהנליכער מענש פערשטעהט גאָר ניט דערפון. זיין שוואַכער מוח ווערט ביי איהם גלייך צוטומעלט, ווי ער הויבט נור אָן צו דיינקען וועגען דעם. דער געשעפטסמאַן דיינקט נור וועגען זיינע געשעפטען; דער פאָליטיקער אָן זיינע אינטריגעס, די וועלט־מענשען, פרויען און יונגע לייט — אָן זייערע פערגניגענס. דער לעבען מאַכט פערשווינדען די לאַנגווייליגע בעגריפע פון גאָט. די עהרגייציגע, די קאַרגע, די וואוילע יונגען מיידען אוים צו דיינקען גאָר פון אַזאַ וועזען, וועלכער קען זיי נאָך שטערען אין דעם גענוס. נור אייניגע קראַנקע, מעלאַנכאָליקער, בלוט־אָרעמע, ערביטערטע איינצעלנע מענשען, וועלכע האָבען ניט קיין לוסט און ניט קיין כח מעהר

צו זינדיגען די גיבען זיך אָב מיט די בעטראַכטונגען איבער דער גאָטהייט. די רעליגיאָן איז נור אַ צוים פאַר די, וועלכע נויטיגען זיך שוין ניט מעהר סיי ווי סיי אין קיין צוים. די מורא פאַר גאָט שטערט נור די צו זינדיגען, וועלכע קענען עס ניט, ווען זיי וואָלטען אפילו געוואָלט.

ווען מען זאָגט די מענשען, אַז גאָט בעשטראָפט די זינד אויף דיזער וועלט, הייסט עס צו זאָגען עטוואָס, וואָס איז געגען די אמת'ע טהאַט־זאַכען. די ערגסטע מענשען זיינען געוועהנליך די הערשער און מעכטיגע אין דער וועלט, אויף וועלכע דער גליק שיט אויס אַלע זיינע אוצרות, און צו טרייסטען אונז מיט גליקען אויף יענער וועלט, אום צו איבערצייגען אונז פון גאָט'ס גערעכטיגקייט, מיינט צו וועלען דורך גאַנץ צווייפעל־האַפטע השערות אומשטויסען טהאַטזאַכען, אין וועלכע עס איז אונמעגליך צו צווייפלען.

113.

די ערפינדונג פון גיהנום איז צו אונזיניג, אום צו קענען שטערען די בייזע און שלעכטע.

קיינער דיינקט ניט פון דעם, וואָס שפעטער אַמאָל וועט זיין, פון אַ לעבען אויף יענער וועלט, ווען דער לעבען אַרום איהם פעראינטערע־סירט איהם. אין די אויגען פון אַ פערליעבטען לעשט אויס די אַנוועזענהייט פון זיין געליעבטער די פלאַמען פון גיהנום, און איהר חן פערדונקעלט אַלע גליקען און פריידען פון גן עדן.

פרויען! איהר זאָגט, דאָס איהר פערלאָזט אייערע ל־עבהאָבער צוליעב גאָט! דאָס איז דאַרום, ווייל אייער געליעבטער איז ניט מעהר דער זעלבער אין אייערע אויגען; אָדער ווייל אייער געליעבטער האָט אייך פערלאָזען, און ווייל די ליידיגקייט, וואָס איז געוואָרען אין אייער האַרצען, מוז אינבעדינגט אויסגעפילט ווערען.

עס איז אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך צו זעהן גאַנץ פערדאָרבענע מענשען פעראינטערעסירט אין רעליגיאָן. אָבער עס איז ניט אַזא וואונדער ווי מאַנכע קענען דיינקען, פערקעהרט, עס איז זעהר פערשטענדליך. אַזוי ווי די רעליגיעזע פאַרטיי איז נאָך דערווייל אַ זעהר מעכטיגע, זעהען פערשידענע גנבים צו שטעהן אונטער איהר שוץ. מען וועט אונז אָהן צווייפעל זאָגען, דאָס פיעלע זעהר עהרליכע מענשען זיינען רעליגיעז, אָבער געהט דען אימער עהרליכקייט און חכמה צוזאַמען? אַ בהמה איז אויך עהרליך...

מען ברייננט אונז אַ ביישפיעל פון אַ גרויסע צאָהל געלעהרטע, וועלכע זיינען געווען רעליגיעז. דאָס בעווייזט אָבער נור, דאָס אויך

געלעהרטע מענער קענען אין א געוויסען פרט זיין זעהר נאַריש, דאָס זיי האָבען אַ פאַנטאַזיע, וועלכע פערשלעפט זיי אין די וואָלקענס און שטערט זיי קאַלטבלוטיג צו אונטערזוכען דיווירקליכקייט. פאַסקאַל בעווייזט ניט קיין אַנדער זאך צו גונסטען פון דער רעליגיאָן, ווי נור דאָס אַ גייסטרייכער מענש קען בעזיצען אַ געוויסען גראַד פון נאַרישקייט, אין איז נור אַ קינד, ווען ער איז שוואַך גענוג צו לאָזען זיך פיהרען פון זיינע פאָראורטהיילע. פאַסקאַל אַליין זאָגט, דאָס „דער גייסט איז זעהר גרויס און זעהר בעשרייינקט און מען קען זיין אי זעהר געבילדעט אי שוואַך". ער האָט זיך נאָך דייטליכער אויסגעדריקט: מען קען האָבען אַ ריכטיגען פערשטאַנד און דאָך איהם ניט אָנווענדען גלייך אויף אַלע זאַכען; עס זיינען דאָ מענשען, וועלכע דיינקען פון איינינגע זאַכען זעהר ריכטיג און ווידער פון אַנדערע זאַכען זעהר פאַלש.

114.

דער אונזינן פון רעליגיעזע מאראל און רעליגיעזע טוגענד, אויסגעטראכט בלויז אין די אינטערעסען פון די פריעסטער.

וואָס איז גוטסקייט נאָך די לעהרען פון דער רעליגיאָן? גוט, זאָגט מען אונז, איז אַ מענש דאַן, ווען זיינע האַנדלונגען שטימען איין מיט דעם ווילען פון גאָט. אָבער וואָס איז גאָט? דאָס איז אַ ויעזען, וועלכען קיינער קען ניט בעגרייפען, און וועלכען יעדער איינער בעשאַפט אויף זיין שטייגער. וואָס איז גאָט'ס ווילע? דאָס וואָס מענשען, וועלכע האָבען געזעהן גאָט אָדער זיינען פון איהם בעגייסטערט געוואָרען, דער־צעהלען אונז. ווער זיינען די, וועלכע האָבען גאָט געזעהן? דאָס זיינען אָדער פאַנאַטיקער אָדער שווינדלער, אָדער עהרגייציגע, אויף וועמעס ווערטער מען קען זיך בשום אופן ניט פערלאָזען. צו בעגרינדען די מאָראַל אויף אַ גאָט, וועלכען יעדער מאָהלט זיך אויף אַן אַנדער אופן, אַרבייט אוים אויף זיין אייגענעם שטייגער, הייסט איינגענטליך צו בע־גרינדען די מאָראַל אויף די קאַפריזען און פאַנטאַזיעס פון די מענשען; דאָס הייסט צו גרינדען איהר אויף די איינפעלע פון אַ פאַרטיי אָדער אַ סעקטע, וועלכע מיינט, אַז איהר גאָט איז דער איינציג אמת'ער.

צו גרינדען די מאָראַל אָדער די מענשליכע פליכטען אויף דעם געטליכען ווילען, מיינט צו גרינדען דיזע מאָראַל אויף די איינריידנישען, די חלומות און די אינטערעסען פון די, וועלכע לייגען אריין זייערע ווערטער אין גאָט'ס מויל, ניט דאַרפענדיג מורא האָבען, דאָס גאָט וועט אַמאָל אַרונטערקומען און ערקלעהרען זיי פאַר ליגנער. אין יעדע רעליגיאָן האָבען די פריעסטער אַליין דאָס אויסשליסליכע רעכט צו בעשטימען וואָס עס געפעלט אָדער געפעלט ניט זייער גאָט. מען קען זיין אַלע

מאָל זיכער, דאָס זיי וועלען אימער ערקלעהרען גאָט'ס ווילען, ווי עס פּאַסט זיי אַם בעסטען.

די דאָגמען, די צערעמאָניעס, די מאָראַל און די גוטע מידות, וועלכע אַלע רעליגיאָנען שרייבען פאַר, זיינען נור אויסגערעכענט צו פערגרעסערען, צו פערשטאַרקערען די מאַכט פון די דיענער פון דיזע אַלע רעליגיאָנען. די דאָגמען זיינען דונקעל, אונפערשטענדליך, שרעקליך און טאַקע צוליעב דעם זעהר פּאַסענד צו פערבלענדען די מענשליכע פאַנטאַזיע און צו מאַכען דאָס פאָלק פיעל לייכטער צו בעהערשען. די צערעמאָניעס ברייגגען די פריעסטער רייכטהום און כבוד. די רעליגיעזע מאָראַל בעשטעהט אין אַ בלינדען גלויבען, אין אַ פרומער אונטערטהעניגקייט, וועלכע פערזיכערט די פריעסטער די הערשאַפט איבער זייערע שקלאַפען. אַלע רעליגיעזע טוגענדען האָבען בעשיינפערליך נור איין צוועק אין אויג — די נוצען פון די פּריעסטער, די גלחים און רבנים פון יעדער רעליגיאָן.

115.

וואס עס מיינט אייגעטליך די קריסטליכע ליעבע, וועלכע ווערט געלעהרענט פון אונזערע טהעאלאגען.

ווען מען וואַרפט פאַר די טהעאָלאָגען די נוצלאָזיגקייט פון זייערע רעליגיעזע טוגענדען, דערצעהלען זיי אונז פון די איידעלע ליעבע צום נעכסטען, וועלכע דער קריסטענטהום מאַכט צור פליכט פאַר זיינע אַנהייננגער.

אָבער, וואָס ווערט פון דער גאַנצער איידעלער ליעבע, ווען מען הויבט נאָר אָן צו אונטערזוכען, ווי די געטליכע פריעסטער אַליין האַנדלען? פרעגט זיי נור, אויב מען דאַרף אויך ליעב האָבען דעם נעכסטען, ווען דער נעכסטער איז אַן אפיקורוס, דאָס הייסט, ווען ער דיינקט אַנדערש ווי זיי? פרעגט זיי, אויב מען דאַרף דולדען די מיינונגען, וועלכע זיינען אין ווידערשפּרוך צו די מיינונגען פון זייער רעליגיאָן? פרעגט זיי, אויב דער הערשער דאַרף האָבען נאַכזיכט מיט די, וועלכע זיינען ניט רעליגיעז? אין אַזעלכע פעלע פערשווינדעט ביי אונזערע הייליגע די גאַנצע ליעבע, און זיי וועלען אייך זאָגען, דאָס דער הערשער האָט נאָר דערצו אַ שווערד, אום צו היטען די אינטרעסען פון דעם אויבערסטען; זיי וועלען אייך זאָגען, דאָס גראַדע אויס ליעבע צו דעם נעכסטען מוז מען פערהאַפטען, פערשיקען, פערברענען אַזאַ גאָט'ס לייקענער. איהר וועט נור ביי די פריעסטער געפינען דולדזאַמקייט, וועלכע ווערען אַליין פערפאָלגט, וועלכע פערגעסען אָבער שנעל אָן די

גאַנצע קריסטליכע ליעבע אַזוי גיך, ווי זיי ווערען מעכטיג גענוג אַנדערע צו פערפאָלגען.

די קריסטליכע רעליגיאָן, וועלכע איז אין איהר אָנפאַנג געפריידיגט געוואָרען פון בעטלער, רעקאָמאַנדירט צו געבען נדבות אין דעם נאָמען פון צדקה. דאָס זעלבע טהוט אויך די מחמד'אַנישע רעליגיאָן. נון, עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס עס פאַסט זיך זעהר פאַר אַ מענשען צו העלפען דעם אונגליקליכען, זאַט צו מאַכען דעם הונגעריגען, אָנצוקליידען דעם נאַקעטען, אויסצושטרעקען אַ האַנד פון הילפע צו יעדען וואָס נויטיגט זיך אין איהר. אָבער וואָלט עס ניט געווען פיעל מענשענפריינד-ליכער צו זעהן גאָר ניט צוצולאָזען צו אַזאַ שרעקליכען אַרמוטה און נויט? אויב די רעליגיאָן, אָנשטאָט צו פערגעטליכען די הערשער, וואָלט זיי בעסער געלעהרענט, צו רעספעקטירען דעם אייגענטהום פון זייערע אונטערטהאַנען, צו זיין גערעכט, נור אויסאיבענדיג זייערע געזעצליכע רעכטע, וואָלט מען בשום אופן ניט געקענט געפינען אַזאַ מאַסע בעטלער אין זייערע שטאַאַטען. אַ געלט-דורשטיגע, אונגערעכטע, טיראַנישע רעגירונג מאַכט גרעסער דעם עלענד; די שטרייננגקייט אין דעם אויפ-מאָהנען פון די צינזען, ברייננגט מוטהלאָזיגקייט, פוילקייט און אָרעמקייט, וועלכע פיהרען ווידער צו גנבות, מאָרד און פערברעכען פון אַלערליי סאָרטען. ווען די הערשער וואָלטען געהאַט אַביסעל מעהר מענשענ-פריינדליכקייט, גערעכטיגקייט און ליעבע, וואָלטען זייערע מלוכות ניט געווען אַזוי איבערפילט מיט עלענדע, ווען עס איז שוין באַלד ניט מעגליך צו העלפען.

אין אונזערע שטעט זיינען דאָ פיעלע רייכע האָספיטעלער, צוליעב וועלכע מען בעוואונדערט די גוטסקייט פון אונזערע הערשער, וועלכע האָבען געלאָזט אויסבויען דיזע אַנשטאַלטען. וואָלט עס אָבער ניט געווען פיעל מענשענפריינדליכער ניט צו אונטערדריקען די פעלקער מיט אַזאַ אייזערנע מאַכט, צו פערשאַפען זיי אַ גליקליכען לעבען, אויפצומונטערן זיי צו זיין פלייסיגע און ניצליכע אַרבייטער, צו לאָזען זיי געניסען אין זיכערהייט די פרוכט פון זייער אַרבייט, איידער זיי צו אונטערדריקען אונטער אַ דעספאָטישען יאָך, זיי צו פעראָרעמען דורך אונזיניגע מלחמות און ברייננגען זיי צום בעטעלברויט, אום צו בעפרידיגען אַ משוגע'נעם ווילדען לוקסוס, און דערנאָך אויסצובויען האָספיטעלער, וועלכע קענען אויפנעהמען בלויז אַ קליינעם טהייל פון די, וועלכע מען האָט געמאַכט אונגליקליך?

די רעליגיאָן פערבלענדעט נור די מענשען דורך איהרע טוגענדען; אָנשטאָט ניט צוצולאָזען צו די צרות, ווענדעט מען נור אָן גאַנץ נוצלאָזע מיטעל געגען זיי.

די דיענער פֿון גאָט האָבען עס אימער פֿערשטאַנען צו ציהען פֿאַר זיך נוצען פֿון די ליידען פֿון זייערע גלוביגע. דער עלענד פֿון פֿאָלק איז געווען פֿאַר זיי אַ גאָלד־גרוב. איבעראַל האָבען זיי זיך געמאַכט פֿיר די אויפֿפּאַסער איבער דעם האָב און גוטס פֿון די אָרעמע, פֿאַר די אויס־טהיילער פֿון נדבות און פֿאַר די היטער פֿון די צדקה־געלדער; דורכדעם האָבען זיי אַלע מאָל אַליין אויסגעברייטעט זייער מאַכט איבער די עלענדע, וועלכע זיינען געוועהנליך דער אונרוהיגסטער טהייל פֿון דער געזעלשאַפֿט. און אָט אויף אַזאַ שטייגער ווערען די גרעסטע צרות פֿון פֿאָלק גאָר אַ גליק פֿאַר די דיענער פֿון דעם הער־גאָט.

די קריסטליכע פּריעסטער פֿערזיכערען אונז, דאָס די גיטער, וועלכע זיי האָבען, געהערען די אָרעמע און דאַריבער זאָגען זיי, איז אַלעס דאָס וואָס זיי האָבען הייליג. צוליעב דעם האָבען פֿיעלע פּירשטען און די פֿעלקער אַריינגעשטופּט צו זיי פֿיעל לאַנד און אַנדער עשירות. אונטער דעם אויסרייד פֿון זאָרגען פֿיר די אָרעמע, זיינען אונזערע גייסטליכע זעהר רייך געוואָרען און געניסען פֿאַר די אויגען פֿון די הונגעריגע נאַציאָנען דעם רייכטהום, וועלכער איז דאָך געווען בעשטימט נור פֿאַר די אָרעמע.

נאָך די פּרינציפּען פֿון קריסטענטהום איז אָרעמקייט גופא אַ גרויסע טוגענד, און אָט דיזע טוגענד מאַכען די הערשער און די פּריעסטער זייערע אונטערטהאַנען אָבהיטען אַם שטאַרקסטען. צוליעב דיזע אידעען האָבען דאָס אַ גרויסע צאָהל קריסטען ענטזאַגט זיך פֿון די רייכטהימער פֿון דיזער ערד, האָבען צוטהיילט זייער רייכטהום צווישען די אָרעמע, און אַליין זיך צוריקגעצויגען אין אַ וויסטע, אום דאָרט פֿרייוויליג צו לעבען אין אָרעמקייט. אָבער באַלד איז דיזע בעגייסטערונג אָבגעשוואַכט געוואָרען. די נאַטור, די מענשליכע, האָט געזיעגט איבער דעם אונזיניגען געשמאַק פֿאַר אָרעמקייט. די יורשים פֿון דיזע פֿרייוויליגע אָרעמע האָבען נאָכהער פֿערקויפֿט צו די פֿרומע זייערע תפלות און זייער שתדלנות פֿאַר זיי ביי גאָט. זיי זיינען געוואָרען רייך און מעכטיג: אַזוי האָבען געלעבט די מאָנאַכען און די פּרושים אין ליידיג־אַרומגעהן און האָבען פֿערצעהרט אויף אַ פֿרעכען אופן, אונטער דעם אויסרייד פֿון קריסטליכער ליעבע, דאָס האָב און גוטס פֿון די אָרעמע.

די רעליגיאָן האָט אימער געשעצט הויך די אָרעמע אין גייסט. די גרעסטע טוגענד פֿון יעדער רעליגיאָן, דאָס הייסט די ניצליכסטע פֿאַר איהר, איז דער גלויבען. זי בעשטעהט אין אַ לייכט־גלויביגקייט, וואָס האָט ניט קיין גרענעץ, אַ גלויביגקייט, וועלכע הייסט דעם מענשען איבער קיין זאַך ניט נאָכפֿאָרשען, וואָס די פֿאָרשטעהער פֿון גאָט זאָגען איהם. מיט דער הילף פֿון דיזער טוגענד זיינען די פּריעסטער געוואָרע

צו ריכטער איבער דעם וואָס איז רעכט אָדער אונרעכט, וואָס איז גוט און שלעכט. עס איז געוואָרען פֿאַר זיי דאַרום זעהר לייכט צו בעגעהן פֿערברעכען, ווען זיי האָבען זיי בעדאַרפֿט פֿאַר זייערע צוועקען. דער בלינדער גלויבען איז געווען אימער די אורזאַכע פון די גרעסטע שאַנד־טהאַטען, וועלכע זיינען בעגאַנגען געוואָרען אויף דער ערד.

116.

דער וידוי איז געווען אן אמת'ע גאלד־גרוב פאר די פריעסטער און האט צושטערט די אמת'ע פרינציפען פון מאראל.

דער, וואָס האָט דער ערשטער געלעהרענט די פֿעלקער, דאָס ווען מען טהוט איינעם אַן אונרעכט, קען מען בען בעטען גאָט אום פֿער־צייהונג, מאַכען איהם מילד דורך קרבנות און מתנות, דער האָט פֿערניכטעט די אמת'ע פרינציפען פֿון מאָראַל. נאָך דיזע אידעען שטעלען זיך די מענשען פֿאָר, דאָס מען קען פֿון דעם קעניג פֿון הימעל, ווי פֿון דעם קעניג פֿון דער ערד, קריגען די ערלויבנים צו זיין שלעכט.

די מאָראַל גרינדעט זיך אויף די געגענזייטיגע בעציהונגען, אויף די בעדירפֿניסע, אויף די בעשטענדיגע אינטערעסען פֿון די, וואָס בעוואוינען די ערד. די בעציהונגען, וועלכע בעשטעהען צווישען מענשען און גאָט, זיינען אָדער אונבעקאַנט, אָדער נור איינגעבילדעט. די רעליגיאָן האָט דורכדעם, וואָס זי האָט געבראַכט גאָט אין פֿערבינדונג מיט דעם מענשען, אויגענשיינליך גאַנץ לויז געמאַכט די פֿערבינדונגען, וועלכע האָבען בעדאַרפֿט זיין צווישען מענש און מענש. די מענשען בילדען זיך איין, דאָס זיי קענען אונבעשטראָפֿט שאַדען איינע די אַנדערע — ווען זיי ווילען נור זייער גאָט געהעריג בעפֿרידיגען. איז דען דאָ עטוואָס אין דער וועלט, וואָס זאָל זיין פּאַסענד צו בערוהיגען די שלעכטע אָדער זאָגאַר זיי ערמוטהיגען צו בעגעהן פֿערברעכען, ווי די איינרייידעניש, דאָס עס איז דאָ אַ גאָט, וועלכער קען זיי ריין־וואַשען פֿון זייערע זינד? מיר זעהען, דאָס די ערגסטע מענשען, אויפֿגעמונטערט דורך דיזע טרויעריגע אידעען, בעגעהען די גרעסטע פֿערברעכען, און גלויבען עס דורך דעם גוט צו מאַכען, וואָס זיי ווילען אַפּעלירען צו גאָט'ס באַרמ־הערציגקייט. זייער געוויסען איז רוהיג, אַזוי גיך ווי אַ פריעסטער פֿערזיכערט זיי, דאָס דער הימעל וועט זיי פֿערגעבען דורך אַן אמת'ע חרטה, וועלכע איז פֿון קיין נוצען ניט פֿאַר דער וועלט. דיזער פריעסטער טרייסט זיי אין גאָט'ס נאָמען, ווען זיי זיינען נור ווילינג זיך צו טהיילען מיט די רויב, גזילה און גנבה זייערע.

אַ מאָראַל, וואָס איז פֿערבונדען מיט דער רעליגיאָן, מוז נאַטירליכער ווייזע שטעהן אונטער איהר. אין דעם געדאַנק פֿון אַ רעליגיעזען מענשען איז גאָט בילכער ווי זיינע בעשעפֿעניסע; מען מוז איהם מעהר פֿאָלגען, ווי דעם מענשען. די אינטערעסען פֿון דעם הימלישען מאָנאַרך זיינען איבער און איבער די אינטערעסען פֿון דעם מענשען־וואָרים. אָבער די אינטערעסען פֿון הימעל זיינען בעשיינפערליך אויך די פֿון די דיענער פֿון הימעל, און דערפֿון פֿאָלגט דייטליך, דאָס אין יעדע רעליגיאָן קענען די פריעסטער בעפֿרייען די מענשען פֿון זייערע פֿליכטען צו זייערע נעבען מענשען אין די אינטערעסען פֿון גאָט, ווען זיי זיינען אין ווידערשפרוך איינע מיט די אַנדערע און דאַרום קומט אויס, אַז דער וואָס האָט די מאַכט צו פֿערגעבען זינד, קען אויך, ווען עס פּאַסט איהם בעפֿעהלען, אַז פֿערברעכען זאָלען אויך בעגאַנגען ווערען.

117.

עס איז ניט נויטווענדיג פאר די מענשליכע מאראל אנצונעהמען, אז עס איז דא א גאט.

מען האַלט אונז אין איין זאָגען, דאָס אָהן גאָט איז ניט דאָ קיין מאָראַלישע פֿערפֿליכטונג; דאָס די מענשען ווי די הערשער גופא, דאַרפֿען האָבען אַ געזעצבוך, וועלכער זאָל האָבען די מאַכט זיי צו צווינגען.

נון, עס איז ריכטיג, דאָס די מאָראַלישע פֿערפֿליכטונג האָט הינטער זיך אַ געזעץ פֿון וועלכען זי שטאַמט, אָבער דיזער געזעץ האָט זיין אָבשטאַמונג אין די אייביגע און נייטווענדיגע שייכות פֿון איין זאַך צו אַן אַנדער זאַך, פֿון איין וועזען צו אַ צווייטען, וועלכע זיינען גאָר קיינע מחותנים מיט גאָט'ס עקזיסטענץ. די כללים פֿאַר די מענשליכע אויפֿפיהרונג קומען אַרויס פֿון זייער אייגענער נאַטור, וועלכע זיי האָבען די פֿעהיגקייט צו פֿערשטעהן און ניט פֿון דער געטליכער נאַטור, פֿון וועלכער זיי האָבען קיין בעגריף ניט. אָט דיזע כללים צווינגען אונז זיך אויפֿצופֿיהרען אַזוי אָדער אַנדערש, ד. ה. זיי מאַכען, דאָס מען זאָל אונז אָדער אַכטען אָדער האַסען, בעלוינען אָדער בעשטראָפֿען, וועדליג ווי מיר האַלטען זיך אָדער האַלטען זיך ניט אָן דיזע כללים.

דער געזעץ, וועלכער צווינגט דעם מענשען זיך אַליין ניט צו טהאָן קיין שלעכטס, האָט זיין וואָרצעל אין דער נאַטור פֿון אַ פֿיהלענדען וועזען, וועלכער לעבט אין דער געזעלשאַפֿט מיט וועזענס עהנליך צו איהם, וועלכע צוליעב זייער אייגענע נאַטור זיינען געצוואונגען צו פֿער־

אַכטען די, וועלכע טהוען פֿאַר זיי קיין גוטס און האַסען די, וועלכע זיינען געגען זייער גליק.

צי גאָט עקזיסטירט אָדער עקזיטירט ניט, צי ער האָט גערעדט צו וועמען אָדער ניט, בלייבען אָבער די בעציהונגען צווישען מענש און מענש אימער דיזעלבע, אַזוי לאַנג ווי זיי וועלען זיין דער אויסדרוק פֿון זייער נאַטור, ד. ה., אַזוי לאַנג ווי מענשען וועלען זיין פֿיהלענדע וועזענס. דאַרפֿען דען די מענשען אַ גאָט, וועלכען זיי קענען ניט, אַן אונזיכט־באַרען געזעץ־געבער, אַ רעליגיאָן פֿול מיט געהיימניסע, אַן איינגעבילדעטע מורא, אום איינצוזעהן, דאָס אַלעס וואָס איז צופֿיעל איז שעדליך פֿאַר זיי און דאָס אום צו בלייבען ביים לעבען מוז דאָס פֿערמידען ווערען, און דאָס אום געליעבט צו ווערען פֿון אַנדערע, דאַרף מען זיי טהאָן עטוואָס גוטעס פֿאַר וואָס זיי זאָלען ליעבען, און דאָס פֿאַר שלעכטעס וועלען זיי געווים בעצאָהלען מיט שלעכטס?

מען זאָגט, אַז אָהן געזעצע גיט ניט קיין האַנדלונג, וואָס זאָל קענען אָנגערופֿען ווערען „זינד" אָדער „פֿערברעכען". דאָס איז פֿאַלש. עס איז בלויז גענוג, אַז דער מענש זאָל זיין דאָס וואָס ער איז, דאָס הייסט אַ פֿיהלענדעס וועזען, אום צו אונטערשיידען, וואָס פֿאַר איהם איז גוט און וואָס פֿאַר איהם איז שלעכט; עס איז גענוג, דאָס יעדער מענש זאָל וויסען, אַז יעדער אַנדערער מענש איז אַזאַ פֿיהלענדער וועזען ווי ער, אום ער זאָל וויסען אויף קלאָהר, וואָס איז פֿאַר יענעם גוט אָדער שלעכט. עס איז גענוג, דאָס וואָס איין מענש דאַרף האָבען די הילפֿע פֿון דעם צווייטען, אום ער זאָל אויסמיידען צו טהאָן זאַכען, דורך וועלכע ער קען ערוועקען געפֿיהלען פֿון פֿעראַכטונג צו זיך. אויף אַזאַ אופֿן איז עס גאַנץ גענוג, פֿאַר אַ פֿיהלענדען און דיינקענדען וועזען צו פֿיהלען און צו דיינקען, אום אויסצוגעפֿינען, וואָס איז גוט פֿאַר איהם אַליין און וואָס ער מוז טהאָן פֿאַר אַנדערע. איך פֿיהל און אַ צווייטער פֿיהלט ווי איך — דאָס איז דער פֿונדאַמענט פֿון דער מאָראַל.

118.

די רעליגיאָן און איהר איבערנאַטירליכע מאָראַל ברייגגען שאַדען דעם מענשען און זיינען געגען זיין נאַטור.

דעם ווערטה פֿון אַ מאָראַל קען מען נאָר אָבשאַצען נאָך דעם, ווי וויט זי איז איינשטימיג מיט דער מענשליכער נאַטור. מיר דאַרפֿען פֿערוואַרפֿען אַזאַ מאָראַל, וועלכע מיר געפֿינען אוים צו שטעהן אין געגענזאַץ צום וואוילגעהן פֿון אונזער מין. און ווער עס האָט נור ערנסט נאָכגעטראַכט איבער די רעליגיאָן און איהר איבערנאַטירליכע מאָראַל; יעדער

וואָס האָט נור מיט אַ זיכערע האַנד אָבגעוואויגען איהרע מעלות און חסרונות, דער קען ניט קומען צו קיין אַנדער איבערצייגונג, ווי דאָס די רעליגיאָן מיט דער מאָראַל זיינען גראַדע געווען שעדליך פֿאַר די אינ־טערעסען פֿון דעם מענשליכען מין.

„פֿעלקער! נעהמט אייך צו די וואָפֿען! עס האַנדעלט זיך אום די אַנגעלעגענהייטען פֿון אייער גאָט! דער הימעל איז בעליידיגט! דער גלויבען איז אין געפֿאַהר! ניעדער מיט אפיקורסים!" אָט דורך די צויבער קראַפֿט פֿון אַזעלכע שרעקליכע ווערטער, פֿון וועלכע די פֿעלקער האָבען ניט דאָס מינדסטע פֿערשטאַנען, האָבען עס די פריעסטער צו אַלע צייטען געהאַט די בייזע מאַכט אויפֿצוהעצען די פֿעלקער, צו פֿערוויסטען קעניגרייכען, אויפֿצופֿלאַמען בירגער־מלחמות און ברייגגען אַנדערע צרות אויף דער מענשהייט.

ווען מען אונטערזוכט צופֿעליג די אַלע זאַכען, וועלכע האָבען אַרויסגערופֿען דעם הימלישען צאָרן און האָבען געפֿיהרט צו אַזוי פֿיעל חרבונות אויף דער וועלט, שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס איז געווען די משוגעת, די ווילדע פֿאַנטאַזיע פֿון אירגענד אַ פריעסטער, וועלכער האָט זיך אליין ניט פֿערשטאַנען, אָט דאָס האָט עס די גאַנצע מענשהייט זיך געמאַכט באָדען אין בלוט און אין טרעהרען.

119.

ווי שעדליך עס איז די חברותא פֿון גאָט און דעם שטאַאַט.

האָבענדיג אַנערקענט גאָט אַלס זייער מיט־הערשער איבער זייערע פֿעלקער, און אויסגעבענדיג זיך אַלס זיינע שטעל־פֿערטרעטער, האָבען די הערשער פֿון דער וועלט נויטווענדיגער ווייזע געמוזט אָננעהמען זיינע פריעסטער אָדער אַלס קאָנקורענטען אָדער אַלס איבער־הערשער. איז עס דען דאַרום זיך פֿיעל צו וואונדערען, וואָס די פריעסטער האָבען גאָר אָפֿט געלאָזט פֿיהלען די הערשער פֿון דער ערד די איבערמאַכט פֿון זייער הימלישען מאָנאַרך? האָבען זיי דען ניט מעהר ווי איינמאָל געוויזען די הערשער פֿון דער ערד, דאָס די אירדישע מאַכט מוז זיך בויגען צו דער גייסטליכער מאַכט פֿון גלויבען? עס איז ניט דאָ קיין שווערערע זאַך, ווי צו דיענען צווויי הערען, איבערהויפּט, ווען זיי שטימען ניט איין אין דעם, וואָס זיי זאָלען פֿערלאַנגען פֿון זייערע אונטערטהאַנען. דערפֿון איז אַרויסגעקומען, דאָס אין פֿיעלע שטאַאַטען איז דאָ אַ דאָפּעלטע געזעץ־געבונג. גאָט׳ס געזעץ, פֿערטייטשט דורך די פריעסטער, האָט זיך געפֿונען אין שטאַרקען ווידערשפּרוך צו דעם געזעץ פֿון דעם הערשער און צו די אינטערעסען פֿון שטאַאַט. ווען די הערשער האָבען אַ פֿעסטען

ווילען, און האָבען זיך פֿערזיכערט מיט די ליעבע פֿון זייערע אונטערטהאַנען, מוז דער געזעץ פֿון גאָט גאַנץ אָפֿט פֿערנעהמען אַ צווייטען פּלאַץ. אָבער דאָס איז ניט אַלע מאָל געווען דער פֿאַל. קיין זאַך איז ניט געווען אַזוי געפֿעהרליך, ווי זיך צו פֿערזינדיגען געגען דער קירכע. גאָט איז קיינמאָל ניט אַזוי אין כעס, ווי ווען מען וויל צונעהמען די פּריווילעגיעס פֿון זיינע געטרייע דיענער, דאָס הייסט, וואָס די פּריעסטער האָבען גערויבט, געגזל'ט און גע'גנב'עט.

די רעליגיעזע אַנשויאונגען פֿון די מענשען האָבען נו־ דאַן אַן איינפֿלוס אויף זייער אויפֿפֿיהרונג, ווען זיי האַלטען זיי פֿאַר גוט און ניצליך פֿאַר זיך. און אַמבעסטען קען מען זיך איבערצייגען אין דער וואַהרהייט פֿון דיזע בעהייפטונג, ווען מען בעאָבאַכטעט, ווי אַ גרויסע צאָהל הערשער פֿיהרען זיך אויף געגענאיבער דער גייסטליכער מאַכט, געגען וועלכער זיי שטעלען זיך אָפֿט אַוועק אין קריעג. וואָלט דען ניט געדאַרפֿט אַ הערשער, וועלכער איז איבערצייגט פֿון דער וויכטיגקייט און פֿון די רעכטע פֿון דער רעליגיאָן, פֿיהלען זיך פֿערפֿליכטעט זיך צו אונטערוואַרפֿען צו אַלע איהרע געבאָטען און בעפֿעהלען? עס איז געווען אַ צייט, ווען די קעניגע און די פֿעלקער זיינען געווען מעהר קאָנזעקווענט און זיינען ווירקליך געווען שקלאַפֿען פֿון דער גייסטליכער מאַכט, האָבען איהר נאָכגעגעבען ביי יעדער געלעגענהייט און זיינען געווען ווי ווערקציינג אין איהר־ האַנד. אָבער איצט הערט מען זעהר זעלטען פֿון דעם דער פֿרומסטער מאָנאַרך לאָזט זיך ניט פֿערשקלאַפֿען פֿון די גייסטליכע און האַנדעלט פּונקט קאַפּויר, ווי עס איז דער ווילען פֿון גאָט, דאָס הייסט, זיינע שטעלפֿערטרעטער. אַ הערשער, וועלכער איז דורך און דורך רעליגיעז, האָט בעדאַרפֿט אימער צו פֿאָלגען די פּריעסטער און זיי בעטראַכטען אַלס זיינע אמת'ע אויבער־הערען. וואָרום איז דען דאָ אַזאַ מאַכט אויף דער ערד, וואָס זאָל זיך קענען מעסטען מיט דער מאַכט פֿון דעם אַלערהעכסטען?

120

די רעליגיאָן פּאַראַליזירט די מאָראַל.

די רעליגיאָן, וועלכע בעהויפּטעט צו זיין די פֿעסטעסטע שטיצע פֿון מאָראַל, רויבט פֿון איהר איהרע אייגענע נאַטירליכע מאָטיווען, און פֿערזאָרגט איהר מיט איינגעבילדעטע מאָטיווען, וועלכע זיינען געגען דעם געזונדען מענשען־פֿערשטאַנד און קענען דאַרום ביי קיינעם ניט געפֿינען אַ פֿעסטען גלויבען.

יעדער מענש פֿערזיכערט אונז, דאָס ער גלויבט פֿעסט אין אַ גאָט, וועלכער בעלוינט און בעשטראָפֿט; יעדער בעהויפּטעט צו זיין איבער־

צייגט פֿון דער עקזיסטענץ פֿון אַ גיהנום און אַ גן עדן; און דאָך זעהען מיר ניט, אַז דיזע אידעען זאָלען מאַכען דעם מענשען עטוואָס בעסער. יעדער פֿערזיכערט אונז. דאָס ער האָט מורא פֿאַר גאָט'ס משפט, און דאָך פֿאָלגט יעדער זיינע ליידענשאַפֿטען, אויב ער דיינקט נור, אַז ער איז זיכער געשיצט פֿון דעם משפט פֿון זיינע מיט־מענשען.

די מורא פֿאַר די אונזיכטבאַרע מאַכט איז זעלטען אַזוי שטאַרק, ווי די מורא פֿאַר די זיכטבאַרע. אונבעקאַנטע אָדער צוקונפֿטיגע בעשטראָ־פֿונגען האָבען אַ פֿיעל קלענערע ווירקונג, ווי אַן אויפֿגעשטעלטע תליה אָדער ווי דער אָנבליק פֿון דעם געהאַנגענעם. עס איז דאָ זעלטען אַ שטאַאַטס־מאַן, וועלכער האָט מעהר מורא פֿאַר דעם צאָרן פֿון זיין גאָט, ווי פֿאַר דעם צאָרן פֿון זיין קעניג. אַ פענסיע, אַ טיטעל, אַ רויטע בענדעל זיינען גענוג איהם צו מאַכען פֿערגעסען אָן די אַלע פלאָגענישען פֿון גיהנום. די צערטליכקייטען פֿון אַ פֿרוי איבערוועגען צו יעדער צייט די שטראָשונקעס פֿון דעם אַלערהעכסטען. אַ שפּאַס, אַ וויציגער וואָ־ט מאַכען אויף דעם וועלט־מאַן מעהר איינדרוק, ווי די אַלע בעגריפֿע פֿון זיין רעליגיאָן.

פֿערזיכערט מען אונז ניט, דאָס חרטה איז גענוג צו מאַכען גאָט מילד און זיך צו איבערבעטען מיט איהם? און דאָך זעהט מען ניט, אַז אַ מענש זאָל ערנסט חרטה האָבען. עס טרעפֿט זעהר זעלטען, אַז גנבים זאָלען זאָגאַר אין זייער לעצטער שטונדע אָבגעבען צוריק דאָס, וואָס זיי האָבען גע'גנב'עט. די מענשען ריידען זיך געווים איין, דאָס זיי וועלען אָהן צווייפֿעל זיך צוגעוואָינען צום העלישען פֿייער פֿון גיהנום, אויב זיי וועלען זיך ניט קענען שיצען געגען איהם. און אַזוי ווי עס איז מעגליך זיך אויסצוגלייכען מיט'ן רבונו של עולם מיט דעם וואָס מען גיט אָב אַ טהייל פֿון פֿערמעגען צו דער קירכע, זיינען דאַרום דאָ וויניג רעליגיעזע גנבים און שורקען, וועלכע זאָלען שטאַרבען זייענדיג שטאַרק אונרוהיג איבער דעם אופן, ווי אַזוי זיי זיינען רייך געוואָרען אויף דיזער וועלט.

121.

די טרויעריגע רעזולטאַטען פֿון פרומקייט.

אפילו די שטאַרקסטע פֿערטהיידיגער פֿון רעליגיאָן און איהר ניצ־ליכקייט גיבען צו, אַז קיין זאַך פּאַסירט ניט אַזוי זעלטען, ווי דאָס אַ מענש זאָל אויף צו דער אמת'ן פֿרום ווערען, צו וואָס מען קען נאָך צולייגען, דאָס קיין זאַך איז אַזוי אונניצליך פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, ווי פֿרומקייט. די מענשען ווערען ניט פֿריהער מיעד פֿון דער וועלט, איידער

די וועלט איז פֿאַר זיי מיעד געוואָרען. אַ פֿרוי גיט זיך ניט פֿריהער איבער צו גאָט, איידער זי ווייס און פֿיהלט, אַז די וועלט וויל איהר ניט מעהר. איהר פוסטער אויפֿגעבלאָזענער שטאָלץ געפֿינט נאַהרונג אין דער פֿרומקייט, און דאָס טרייסט איהר אַביסעל פֿאַר איהר פֿערלאָרענע שעהנהייט. מיט די תפלות און אַנדערע רעליגיעזע צערעמאָניעס פֿער־טרייבט זי זיך די צייט; דורך רכילות־טרייבעריי, פֿערדאַמונגען און אַלערליי אינטריגען צייכענט זי זיך אויס פֿאַר די פֿרומע פּאַרטיי, און שפּיעלט אויף אַזאַ אופֿן דאָך אירגענד וועלכע ראָלע.

ווען די פֿרומע האָבען די פֿעהיגקייט געפֿעלען צו ווערען די פּריעסטער און גאָט, האָבען זיי אָבער זעלטען דעם טאַלענט געפֿעלען צו ווערען דער געזעלשאַפֿט אָדער זיך צו מאַכען מיט עטוואָס ניצליך. די רעליגיאָן איז פֿאַר די פֿרומע אַ שלייער, מיט וועלכען זיי פֿערדעקען זייערע ליידענשאַפֿטען, זייער גרויס־האַלטעריי, זייערע בייזע נאַטורען, זייער כעס, זייערע געפֿיהלען פֿון ראַכע און אַלעם אַנדערע, וואָס מאַכט דעם מענשען פֿאַר אַ בייזע חיה. דער פֿרומער איז געוועהנליך ביי זיך זעהר גרויס. ער האַלט זיך העכער פֿאַר אַלע אַנדערע; און דאָרט וואו דער פֿרומער געפֿינט זיך, וועט איהר זעלטען געפֿינען פֿרעהליכקייט, זאַנפֿטקייט, טאָלעראַנץ. דער פֿרומער האַלט זיך פֿאַר בערעכטיגט צו בעאורטהיילען אַנדערע און בעשימפֿפֿען די, וועלכע ווילען ניט אַנערקענען גלייך מיט איהם די גרויסקייט פֿון גאָט. מען קען אָפֿט טרעפֿען מענשען, וועלכע האָבען דאָך ניט קיין איינציגע פֿון די טוגענדען, וועלכע זאָלען זיי מאַכען ליעבענסווירדיג, אָדער זאָגאַר ערטרעגליך אין אַ געזעלשאַפֿט, און דיזע זיינען דוקאַ זעהר פֿרום.

122

די אננעהמונג פון א צוקונפטיגען לעבען גיט ניט קיין איבעריגען טרייסט דעם מענשען און איז אויך ניט נויטיג פאר זיין מאראל.

מען פֿערזיכערט, דאָס די לעהרע פֿון אַ לעבען נאָך׳ן טויט איז פֿון דער גרעסטער וויכטיגקייט פֿאַר די רוהע פֿון די געזעלשאַפֿטען. מען שטעלט זיך פֿאָר, דאָס אָהן דעם וואָלטען די מענשען ניט געהאַט קיין גרונד צו טהאָן גוטעס. אָבער צו וואָס טויגען דערצו די ניט־געשטויגענע און ניט־געפֿלויגענע מעשיות מיט די אַלע אויסגעמאָהלטע שרעקענישען? זעהט דען ניט אַ יעדער פֿון אונז, דאָס עס איז פֿאַר איהם העכסט וויכטיג צו פֿערדיענען די ליעבע און אַכטונג פֿון די, צווישען וועמען ער לעבט? זעהט דען ניט יעדער איין, דאָס צוליעב זיין אייגענער טובה דאַרף ער זיך צוריקהאַלטען פֿון דאָס, פֿאַר וואָס די אַרומיגע אַרום איהם

קענען איהם מאַכען פּאָרווירפֿע? ווי קורץ עס זאָל ניט זיין אַ באָל, אַ מאָהלצייט, אַן אונטערהאַלטונג, אַ בעזוך, וויל דען ניט יעדער שפּיעלען אַזאַ אַנשטענדיגע ראָלע, וועלכע זאָל זיין אַנגענעהם ווי פֿאַר איהם, אַזוי פֿאַר די אַלע אַנוועזענדע? און ווען דער לעבען איז ווירקליך ניט מעהר, ווי אַ קורצע רייזע, טו לאָמיר זעהן איהר וואָס אַנגענעהמער צו מאַכען. און דאָס קען ניט געטהאָן ווערען, ווען מיר נעהמען ניט אין אַנבעטראַכט די אינטערעסען פֿון אונזערע מיטרייזענדע.

די רעליגיאָן שטעלט אונז פֿאַר דעם מענשען אַלס אַ וואונדער אויף דיזער ערד. דערפֿון שליסט זי, דאָס אום צו זיין וואָס זיכערער, דאַרף ער זיך אָבזונדערען, ניט וועלען גאָר קוקען אויף די אַלע פֿערגניגענס, וואָס מאַכען זיך איהם אויף דער רייזע. אַ פערביטערטע פֿילאָזאָפֿי, די פֿילאָזאָפֿי פֿון פֿערצווייפֿלונג, פֿון פעסימיזמוס גיט אונז פונקט אַזאַ עצה, ווי די רעליגיאָן; אָבער אַ פֿיעל פֿערגניגפֿטיגערע פֿילאָזאָפֿי לעהרענט אונז צו בעדעקען אונזער לעבענס־וועג מיט בלומען, אויסצואווייכען אַלעס וואָס איז העסליך, מורא'ד'ג און שרעקליך, צו שליסען ברודער־שאַפֿט צו אונזער געגענזייטיגען גליק מיט אונזערע מיטרייזענדע, צו זיין לוסטיג און פֿרעהליך און אַזוי פֿערטרייבען פֿון זיך אַלעס, וואָס קען אונז מאַכען טרויעריג און פֿערביטערט. דיזע פֿילאָזאָפֿי לעהרענט אונז, דאָס מיר זאָלען ניט טהאָן קיין זאַך, וואָס קען אונז אַליין שאַדען און מיט גרויסער פֿאָרזיכטיגקייט פֿערמיידען אַלעס, וואָס קען זיין ניט אַנגענעהם פֿאַר אונזערע מיטרייזענדע.

123.

אן אטהעאיסט האט מעהר אורזאכען צו האנדלען גוט און געוויסענהאפט, ווי א פרומער.

מען פֿרעגט: וואָס פֿאַר אורזאַכען קען אַן אַטהעאיסט האָבען צו האַנדלען גוט? גאַנץ איינפֿאַך. זיין וועלען געפֿעלען ווערען זיך זעלבסט און זיינע מיטמענשען, צו וועלען זיך מאַכען בעליעבט און געאַכטעט פֿאַר זיינע מיטמענשען, ווערעס עקזיסטענץ און געדאַנקען זיינען איהם פֿיעל בעקאַנטער, ווי די פֿון אַ וועזען, וועלכען מען גאָר ניט בעגרייפֿען קען דען, פֿרעגט מען, איינער וואָס האָט ניט קיין מורא פֿאַר גאָט, מורא האָבען פֿאַר וואָס עס איז? ער קען מורא האָבען פֿאַר די מענשען. ער קען מורא האָבען פֿאַר די פֿעראַכטונג און דעם האַס פֿון זיינע מיט־מענשען, און שליסליך קען ער מורא האָבען פֿאַר זיך אַליין; ער קען מורא האָבען פֿאַר די געוויסענסביסע, וועלכע עס פֿיהלען אַלע די מענשען, וועלכע האָבען דעם בעוואוסטזיין, דאָס זיי האָבען עטוואָס געטהאָן, דורך וואָס זיי פֿערדיענען דעם צאָרן פֿון זייערע נעבען־מענשען.

דער געוויסען איז דער אינערליכער אטעסטאט, וועלכען מיר שטעלען זיך אליין אויס, אויב מיר האבען אזוי געהאנדעלט, דאס מיר פערדיענען געליעבט אדער געהאסט צו ווערען פון אונזערע מיט-מענשען. דיזער געוויסען קומט פון די קענטניסע, וואס מיר האבען איינע פון די אנדערע און פון די געפיהלען, וועלכע אונזערע האנדלונגען רופען ארויס. דער געוויסען פון דעם פרומען בעשטעהט אין דעם, דאס ער זאל געפעלען ווערען זיין גאט, פון וועמען ער האט קיין אידעע ניט, און וועמעס דונקעלע מיינונגען ווערען אויסגעטייטשט פון גאנץ פערדעכטיגע מענשען, וועלכע ווייסען פון גאט פונקט אזוי פיעל, וויפיעל מיר, דאס הייסט, פונקט גארנישט. דאריבער קען מען זאגען, אז דער געוויסען פון א לייכט-גלויביגען ווערט געפיהרט פון מענשען, וועלכע האבען אליין ניט קיין גאנץ זיכערען געוויסען און וועמעס אינטערעסע עס איז צו שטערען די אויפקלעהרונג.

קען אן אטהעאיסט האבען געוויסען? וואס פאר א גרונד האט ער זיך צוריקצוהאלטען פון פערבארגענע זינד, וועלכע זאלען בלייבען אונ-בעקאנט זיינע נעבען-מענשען, און דארום ניט דארפען מורא האבען צו ווערען בעשטראפט? אט וואס די ערפאהרונג האט איהם געמוזט לעהרנען, דאס עס איז ניט דא אזא זינד, וואס זאל מיט זיך ניט ברייגגען איהר אייגענע בעשטראפונג. ווען ער וויל בלייבען געזונד, וועט ער אויסמיידען הולטאיסמווא, צולאזענקייט, וועלכע אונטערגראבט די געזונדהייט. ער וועט ניט וועלען זיך שלעפען דעם גאנצען לעבען אהן קראפט און אהן זאפט, צו זיין א לאסט פאר זיך און פאר אנדערע. וואס אנבע-לאנגט די געהיימע פערברעכען, וועט ער זיי ניט בעגעהן, ווייל ער וועט זיך ניט וועלען שעהמען פאר זיך אליין, פון וועמען ער קען זיך ניט בעהאלטען. ווען ער האט נור שכל, וועט ער וויסען, וואס פאר א טהייערע זאך דאס איז, ווען דער מענש דארף פאר זיך אליין ניט רויט ווערען פאר חרפה. ער וועט אויך וויסען, אז ווי געהיים א זאך זאל ניט זיין, מוז זי אבער דאך אמאל בעקאנט ווערען. און דער, וואס קען ניט בעוועגט ווערען צו האנדלען מענשליך דורך אזעלכע גרינדע, וועט זיכער ניט האנדלען מענשליכער, ווען מען וועט איהם פערשפרעכען א שטיק לויתן אייף יענער וועלט.

124.

עס איז פיעל בעסער צו האבען פאר א הערשער אן אטהעאיסט, ווי א גלויביגען.

דער אטהעאיסט קען זיך זיין א גאנץ גוטער מענש, הערען מיר אפט די גלויביגע זאגען, אבער וואס פאר א ווירקונג קען זיין לעהרע האבען

אויף אונזערע פירשטען, אונזערע הערשער? דיזע, ווען ניט לייגער צוריקגעהאַלטען דורך גאָט'ס מורא, וועלען דאָך ווער ווייס וואָס פאַר אַ שענדליכקייטען און גרוויזאַמקייטען בעגעהן? אָבער וואָס פאַר אַן אונזינן! ווי גרויס מען זאָל זיך ניט פאָרשטעלען די פערדאָרבענהייט פון אַן אַטהעאיסט, קען זי דען אַמאָל גרעסער זיין ווי די פון די פיעלע טיראַנען, וועלכע זיינען זעהר רעליגיעז? קען אַן אַטהעאיסטישער הערשער שוין ערגער זיין, ווי לואי דער עלפטער, פיליפ דער צווייטער, רישעליע, וועלכע זיינען אַלע געווען שטאַרק רעליגיעז? קיין זאַך איז ניט אַזוי זעלטען, ווי אַן אַטהעאיסטישער הערשער, און קיין זאַך איז ניט אַזוי געוועהנליך, ווי אַ רעליגיעזער טיראַן.

125.

די מאראל, וואס קומט דורך די פילאזאפי, איז גענוג צו מאכע א מענשען טוגענדהאפט.

עס איז ניט מעגליך פאַר איינעם, וועלכער דיינקט און פיהלט, ניט צו וויסען, וואָס פאַר אַ פערפליכטונגען ער האָט צו זיינע מיטמענשען, און וואָס קען איהם אַליין גליקליקליך מאַכען. אַ מענש, וועלכער איז געניינט צו דיינקען, צו שטודירען, צו פאָרשען, האָט געוועהנליך זעהר ניט קיין געפעהרליכע ליידענשאַפטען. זיין גרעסטע ליידענשאַפט וועט זיין צו דערקענען די וואַהרהייט און זיין אַמביציע וועט בעשטעהן אין ערקלעהרען איהר צו אַנדערע. די פילאָזאָפי האָט אין זיך די מעלה, וואָס זי איידעלט אויס די האַרץ און דעם גייסט. און איז דען ניט אמת, אַז דער דיינקער און דער פאָרשער איז געוועהנליך פיעל מאָראַלישער ווי דער, וואָס דיינקט גאָר ניט?

ווען די אונוויסענהייט איז פאַר די פריעסטער און די אונטערדריקער דער מענשהייט זעהר ניצליך, איז זי אָבער פאַר די געזעלשאַפט זעהר, זעהר שעדליך. אַ מענש אָהן אויפקלעהרונג מאַכט קיין געברויך ניט פון זיין שכל. דער מענש אָהן אויפקלעהרונג איז אַ ווילדער, וועלכער קען יעדען אויגענבליק פערפיהרט ווערען צו בעגעהן אַ פערברעכען. די מאָראַל אָדער די וויסענשאַפט פון פליכטען קען מען נור קריגען, ווען מען שטודירט דעם מענשען און זיינע פערהעלטניסע. דער וואָס דיינקט איבער זיך אַליין ניט נאָך, ווייס ניט די אמת'ע מאָראַל, און קען ניט געהן אויף דעם וועג פון טוגענד. וואָס וויינינגער מענשען דיינקען נאָך, דעסטאָ פערדאָרבענער זיינען זיי.

דער פרומער דיינקט קיינמאָל ניט. ער היט זיך צו פאָרשען. ער פאָלגט נאָך דער אויטאָריטעט און זעהר אָפט בעגעהט ער פערברעכען

אויף דעם בעפֿעהל פֿון דיזער אויטאָריטעט. דער אונגלויביגער אָבער דיינקט נאָך איבער אַלעס, ער פֿרעגט זיך אַן עצה ביי דער ערפֿאַהרונג. ער האַלט זיך ניט ביי זאַכען, וועלכע אַנדערע דערצעהלען איהם. האָט ער נור ריכטיג זיך איבערצייגט און זיין בעוואוסטזיין איז קלאָהר, דאַן וועט ער האַנדלען גוט. דיינקט ער ווידער ניט ריכטיג, אָדער איז זיין אורטהיילס־קראַפֿט שוואַכער ווי ז׳ינע ליידענשאַפֿטען, דאַן וועט ער בעגעהן זעהר פֿיעל פֿעהלער, פֿערברעכען, אָבער דאָך ניט מעהר, ווי די פֿיעלע גלויביגע, וועלכע האַנדלען פּונקט געגען זייער רעליגיאָן. דאַרף מען דען פֿאַר אַ גלויביגען מערדער וויניגער מורא האָבען, ווי פֿאַר אַ מערדער וואָס גלויבט ניט? איז אַ רעליגיעזער טיראַן וויניגער טיראַן, ווי דער ניט־רעליגיעזער טיראַן?

126.

מיינונגען האבען א קנאפּע ווירקונג אויף איינעמס אויפֿפיהרונג.

עס איז קיין זאַך אויף דער וועלט אַזוי זעלטען, ווי קאָנזעקווענטע מענשען. זייערע מיינונגען האָבען נור דאַן אַ ווירקונג אויף זייער אויפֿפֿיהרונג, ווען זיי זיינען אין איינקלאַנג מיט זייערע טעמפּעראַמענטען, ליידענשאַפֿטען און אינטערעסען. די ערפֿאַהרונג לעהרענט אונז, דאָס די רעליגיעזע מיינונגען ברייגען פֿיעל מעהר בייזעס ווי גוטעס. זיי זיינען זעהר שעדליך דאַרום, ווייל זיי שטימען צו אָפֿט איין מיט די ליידענשאַפֿטען פֿון די טיראַנען, פֿאַנאַטיקער און פּריעסטער. די רעליגיעזע פּרינציפּען ווערען אימער פֿערבויגען, אַזוי גיך ווי זיי קומען אין צוזאַמענשטויס מיט שטאַרקע ווינשע. דער גלויביגער ווי דער אונגלויביגער, בענעהמען זיך אין אַזעלכע מאָמענטען אויף אַ גלייכען אופֿן.

מען מוז אימער אַ טעות האָבען, ווען מען וויל שליסען פֿון איינעמס אויפֿפֿיהרען זיך אויף זיינע מיינונגען, אָדער פֿון זיינע מיינונגען אויף זיין אַרט לעבען. אַ רעליגיעזער מענש קען אַמאָל, אונגעאַכטעט אויף זיין מענשען־פֿיינדליכער רעליגיאָן, דאָך זיין מענשען־פֿריינדליך; אין אַזאַ פֿאַל שטימען ניט די פּרינציפּען פֿון זיין רעליגיאָן מיט די זאַנפֿטקייט פֿון זיין כאַראַקטער. אַ הולטאַי, אַ שאַרלאַטאַן, אַ היפּאָקריט, קענען אונז אַמאָל ווייזען, דאָס זיי האָבען ריכטיגע בעגריפֿע פֿון זיטליכקייט. וואַרום־זשע פּראַקטיצירען זיי ניט זייערע בעגריפֿע? דאַרום, ווייל זייערע טעמפּעראַמענטען, זייערע אינטערעסען, זייערע געוואוינהייטען שטימען ניט איין מיט זייערע ערהאַבענע טהעאָריען. די שטרייגע פּרינציפּען פֿון דער קריסטליכער! מאָראַל, וועלכע פֿיעלע מענשען אַנערקענען פֿאַר אַזוי געטליך, האָבען גאָר אַ קנאַפּע ווירקונג אויף די, וועלכע פּריידיגען זיי

צו אַנדערע. זאָגען זיי דען אונז אַליין ניט, דאָס מען זאָל פֿאָלגען דאָס וואָס זיי זאָגען, און ניט קוקען אויף דאָס וואָס זיי טהוען?

די אַנהייגגער פֿון רעליגיאָן בעצייכענען אימער די אונגלויביגע אַלס הולטאַיעס. נון, עס קען לייכט פּאַסירען, דאָס פֿיעלע אונגלויביגע זיינען ווירקליך צולאָזען, אָבער דאָס איז די פֿאָלגע פֿון זייער טעמפּעראַמענט און ניט פֿון זייערע מיינונגען. זייער אַרט לעבען האָט גאָר ניט צו טהאָן מיט זייערע מיינונגען. קען דען ניט אַן אונמאָראַלישער מענש זיין אַ גוטער דאָקטאָר, אַ גוטער אַרכיטעקט, אַ גוטער לאָגיקער, אַ גוטער דיינקער? און ווידער, מען קען איבער פֿיעלע זאַכען ניט האָבען דעם מינדעסטען בעגריף, און דאָך זיך אויפֿפֿיהרען גאַנץ אַנשטענדיג. ווען עס געהט אום אַ וואַהרהייט, מאַכט עס זעהר ווייניג אויס פֿון ווע‍מען זי קומט. לאָמיר ניט בעאורטהיילען די מענשען נאָך זייערע מיינונגען און אויך ניט די מיינונגען נאָך די מענשען; לאָמיר בעאורטהיילען די מענשען נאָך זייער אַרט לעבען; און זייערע מיינונגען נאָך דעם, ווי זיי שטימען איין מיט שכל און מיט ניצליכקייט פֿאַר דעם מענשליכען מין.

127.

דער שכל פיהרט דעם מענשען צום אונגלויבען, ווייל די רעלי־ גיאָן איז אונזיניג און ווייל דער גאָט פון די פריעסטער איז אזא בייזער און ווילדער וועזען.

יעדער מענש וואָס דיינקט נור, ווערט באַלד אונגלויביג. דער נאָכדיינקען מוז איהם בעווייזען, דאָס די רעליגיאָן איז אַ פּלאָנטער פֿון משונה׳דיגע פֿאַנטאַזיעס, דאָס די רעליגיאָן אי דער היפּוך פֿון אַלע פּרינציפּען פֿון דעם געזונדען מענשען־פֿערשטאַנד, דאָס זי ברייננגט אַריין אין די וויסענשאַפֿטען דעם שיין פֿון פֿערבלענדונג. דער מענש מיט שכל ווערט אונגלויביג, ווייל ער זעהט, דאָס די רעליגיאָן, ניט נור וואָס זי איז ניט אימשטאַנד דעם מענשען צו מאַכען אַביסעלע גליקליכער, נאָר זי איז די ערשטע אורזאַכע פֿון די גרעסטע פֿעהלערען און פֿון די אַלע ליידען, מיט וועלכע די מענשען זיינען געפּלאָגט. דער מענש וואָס זוכט זיין אייגענעם גליק, זיין אייגענע רוהע, וועט די רעליגיאָן אונטער־זוכען און וועט איהר פֿערוואַרפֿען, ווייל ער וועט איינזעהן, דאָס עס איז נוצלאָז און אונבעקוועם צו פֿערברייננגען דעם לעבען אין ציטערען פֿאַר שאָטענס, וועלכע קענען נור קינדער איבערשרעקען. אויב דער וועלען לעבען פֿריי פֿיהרט אַמאָל צום אונגלויבען, קען אָבער אויך גאָר אָפֿט דער רוהיגער מענש, דער גאַנץ זיטליכער מענש האָבען גאַנץ גוטע

גרינדע, ווארום ער דאַרף ניט האָבען די רעליגיאָן. צו שוואַך צו אונטערדריקען אין דעם אמת־שלעכטען מענשען זיינע בייזע ליידענשאַפּטען, זיינען די רעליגיעזע שטראַשונקעס נור גוט, אום צו שרעקען און בעאונרוהיגען די זעהר שוואַכע פּאַנטאַזיעס. ווען איינעמס זעלע איז שטאַרק און מוטהיג, וואַרפט זי פון זיך באַלד אַרונטער דעם יאָך פון דער רעליגיאָן. זיינען אָבער די מענשען שוואַך און שרעקעדיג, שלעפּען זיי מיט זיך דיזען יאָך דורך דאָס גאַנצע לעבען. ציטערנדיג ווערען זיי אַלט און שטאַרבען מיט הערצער אָנגעפּילט מיט שרעק.

די פּריעסטער האָבען פון גאָט געמאַכט אַ וועזען, וואָס איז אַזוי בייז, אַזוי ווילד, דאָס אין תוך גענומען זיינען דאָ נור זעהר ווייניג מענשען אויף דער וועלט, וועלכע וואָלטען ניט געוואונשען, אַז קיין גאָט זאָל גאָר ניט עקזיסטירען. מען קען ניט לעבען גליקליך, ווען מען האַלט אימער און אייביג אין איין ציטערען.

אָה, איהר פרומע, איהר פערעהרט אַ שרעקליכען גאָט, און אין האַרצען ווינשט איהר, הלואי וואָלט ער ניט געווען. און איז עס דען מעגליך ניט צו ווינשען די פערניכטונג פון אַזאַ הער, וואָס מוטשעט אימער אייער גייסט? די שוואַרצע פאַרבען, וועלכע די פּריעסטער בענוצען פאַר די אויסמאָהלונג פון גאָט, זיי זיינען עס שולדיג, וואָס עס זיינען דאָ אַזוי פיעל מענשען, וואָס זיינען גערען אַראָבצוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון דער מורא'דיגער רעליגיאָנס־פּאַנטאַזיע.

128.

די מורא אליין בעשאפט גלויביגע און פאנאטיקער.

אויב די מורא האָט בעשאַפען די געטער, האַלט זי שוין אויך אויף זייער הערשאַפט; מען האָט מענשען שוין אַזוי צוגעוואוינט צו ציטערען ביי דעם בלויזען נאָמען פון גאָט, דאָס גאָט איז ביי זיי דאָס זעלבע, ווי אַ שרעקליכער גייסט, וואָס רויבט פון זיי זייער מוטה. זיי האָבען מורא דאָס דיזער אונגעזעהענער גייסט זאָל זיי ניט פּאַקען אין דעם אויגענבליק, ווען זיי הערען אויף צו ציטערן פאַר איהם. די פרומע האָבען גאָר צו שטאַרק מורא פאַר זייער גאָט, אום איהם באמת ליעב צו האָבען. זיי דיענען צו איהם ווי שקלאַפען, וועלכע ניט קענענדיג זיך ראַטעווען פון זיין מאַכט, נעהמען זיי זיך דאַרום צו חנפה'נען איהם; און דורך דעם שטענדיגען ליגען האָבען זיי זיך איינגערעדט, דאָס זיי האָבען איהם ליעב. פון דער נויט מאַכען זיי אַ טוגענד. די ליעבע פון די פרומע צו זייער גאָט און פון די שקלאַפען צו זייערע דעספּאָטען, איז נור אַ פאָרשטעלונג. זיי טהוען עס נור ווייל זיי מוזען, אָבער זייער האַרץ האָט אין דעם קיין חלק ניט.

129.

צו קען מען און מוז מען ליעב האבען גאט אדער ניט?

די קריסטליכע לעהרער האָבען געמאַכט זייער גאָט אַזוי ווייניג ליעבענסווירדיג, דאָס פיעלע פון זיי האָבען ערקלעהרט, אַז ליעב צו האָבען גאָט איז גאָר אַ גאָטס-לעסטערונג. אויף די בעהויפּטונג פון דעם הייליגען טהאָמאַס, דאָס מען מוז ליעב האָבען גאָט אַזוי גיך ווי מען הויבט אָן צו דיינקען, ענטפערט דער יעזואיט וואַסקעז, דאָס עס איז גענוג, אַז מען קריגט ליעב גאָט אין דער לעצטער שטונדע פון לעבען. הוטאַרדאָ זאָגט, דאָס גאָט מוז מען אימער ליעב האָבען; העגריקעז בענוגענט זיך איהם ליעב צו האָבען אַלע פינף יאָהר; סאָטוס פאָדערט אַלע זונטאָג. דער יעזואיט סירמאָנט זאָגט גאַנץ קלאָהר, דאָס גאָט האָט אונז ניט בעפוילען איהם ליעב צו האָבען מיט'ן האַרצען. ס'איז גענוג איהם בלויז צו פאָלגען, אויסצופיהרען זיינע געבאָט. דאָס איז די איינציגע ליעבע, וועלכע מיר זיינען גאָט שולדיג, און ער האָט אונז אַזוי פיעל ניט בעפוילען איהם ליעב צו האָבען, ווי ניט צו האַסען איהם.

130.

די פערשידענע און ווידערשפרעכענדע אידעען וועגען גאט און רעליגיאן זיינען א בעוויז, דאס גאט און רעליגיאן זיינען נור די קינדער פון דער מענשליכער פאנטאזי.

ווי דער כאַראַקטער פון מענשען, אַזוי איז דער כאַראַקטער פון זיין גאָט. יעדער מענש מאַכט אַ גאָט פאַר זיך אַליין און נאָך זיך אַליין. דער פרעהליכער, דער לוסטיגער מענש קען זיך ניט פאָרשטעלען אַ גאָט, וואָס זאָל זיין שטריינג און אָנגעבלאָזען. ער דאַרף אַ מילדען, נאָכזיכ-טיגען גאָט, מיט וועלכען עס לאָזט זיך האַנדלען. דער שטריינגער, דער ביטערער, דער כעסן'דיגער מענש פערלאַנגט אַ גאָט, וואָס זאָל זיין עהנליך צו איהם, אַ גאָט, וואָס זאָל מאַכען אַלעמען ציטערען, און בעטראַכט פאַר אפיקורסים אַלע די, וואָס גלויבען אין אַ מילדען, אין אַ גוטען גאָט.

די אַלע שפּאַלטונגען אין דער רעליגיאָן זיינען נאַטירליך און נויט-ווענדיג, ווייל די מענשען, ניט זייענדיג אַלע גלייך, קענען ניט אַלע איינשטימען אין איין פוסטער פאַנטאַזי. און דיזע שטרייטיגקייטען צווישען די געטליכע דיענער זיינען ניט אַזעלכע, דאָס דורך זיי זאָל מען קענען

צוציהען דעם פערטרויען פון די, וועלכע בעטראכטען זיי מיט אן אונ־פארטייאישען אויג. ווארום זאל מען ניט ווערען אונגלויביג, ווען מען זעהט, אז איבער די פרינציפען, וועלכע די גאטעס־דיענער לעהרנען אונז, זיינען זיי אליין ניט איייניג? ווי זאל מען ניט צווייפלען אין די עקזיסטענץ פון א גאט, איבער וועמען זיינע גלויביגע האבען אזעלכע פערשידענע פארשטעלונגען? ווי זאל מען ניט פערווארפען א גאט, וועלכער איז צוזאמענגעשטעלט פון אזעלכע משונה'דיגע ווידערשפריכע? ווי זאל מען זיך פערלאזען אויף פריעסטער, וועלכע מיר זעהען אימער אין איין ארומרייסען זיך איינע מיט די אנדערע, פערפאלגען איינע די אנדערע ביז אויף בלוט, צוליעב די ארט און וויזע, ווי זיי פערשטעהען, ווי זיי מאהלען זייער אויסגעטראכטען גאט.

131.

די עקזיסטענץ פון א גאט, וועלכער איז דער גרונדשטיין פון אלע רעליגיאנען, איז נאך ביז איצט ניט בעוויזען געווארען.

גאט איז דער פונדאמענט, אויף וועלכען אלע רעליגיאנען ווערען געבויט. דאך איז ביז איצט גראדע דיזע וויכטיגע ווארהייט נאך ניט בעוויזען געווארען. כ'מיין ניט צו זאגען, אז זי איז ניט אזוי בעוויזען געווארען, דאס די אונגלויביגע זאלען ווערען איבערצייגט, נור זי איז זאגאר ניט בעוויזען געווארען אויף אזוי פיעל, דאס די גלויביגע אליין זאלען זיך קענען צופרידען שטעלען. צו אלע צייטען האט מען געזעהן, ווי דייגקער האבען זיך אנגעשטריינגט צו געפינען נייע בעווייזע פאר דיזע בעהויפטונג. אבער זיי האבען איהר געלאזען אויף דעם זעלבען פלאץ, אויף וועלכען זיי האבען איהר געפונען. זיי האבען גארניט בעוויזען. זיי האבען נור ארויסגערופען דעם געפילדער פון זייערע חברים, וועלכע האבען זיי בעשולדיגט, דאס זיי האבען די בעסטע זאך פערטהיידיגט אזוי שלעכט און אומגעלומפערט.

132.

די פריעסטער האנדלען מעהר צוליעב זייערע אייגענע נוצען, ווי די אונגלויביגע.

די פערטהיידיגער פון דער רעליגיאן הערען ניט אויף צו טענה'ן, דאס נור די ליידענשאפטען מאכען מענשען אונגלויביג. זיי זאגען, אז דאס איז די גאוה, דער וואונש זיך מיט עטוואס אויסצוצייכענען, וועלכער מאכט אטהעאיסטען; דאס די מענשען פערטרייבען צוליעבו'ם פון זייער

גייסט די גאָטס־אידעע, ווייל זיי האָבען געגוג אורזאַכען מורא צו האָבען פֿאַר אַ גאָט.

וואָס פֿאַר מאָטיווען עס זאָלען ניט זיין, וועלכע מאַכען דעם מענשען אונגלויביג, די הויפּטפֿראַגע אָבער איז, אויב זיי האָבען געפֿונען די וואַהרהייט. קיין מענש טהוט ניט עפּעס אָהן אַ פֿאַר וואָס. לאָמיר פֿריהער אויסגעפֿינען ווי וויט שטאַרק עס זיינען די בעווייזע, און דאַן וועלען מיר ערשט אונטערזוכען, פֿאַר וואָס די מענשען האָבען זיך גענומען זוכען דיזע בעווייזע. מיר וועלען דאַן זעהן, אייב זיי זיינען ניט פֿיעל קליגער, ווי פֿיעלע לייכט־גלויביגע פֿרומע, וועלכע לאָזען זיך פֿיהרען פֿון לעהרער, וועלכע פֿערדיענען גאַנץ ווייניג זייער צוטרוי.

איהר זאָגט אַלזאָ, איהר דיענער פֿון גאָט, דאָס די ליידענשאַפֿטען מאַכען אונגלויביגע; איהר זאָגט, דאָס מענשען ענטזאַגען זיך פֿון דער רעליגיאָן נור צוליעב דעם, אום זיי זאָלען זיך לייכט קענען נאָכגעבען זייער תאוה; איהר פֿערזיכערט אונז, דאָס זיי פֿערוואַרפֿען דאַרום אייער גאָט, ווייל זיי האָבען מורא פֿאַר זיין שטריינגקייט. אַך, זייט איהר אַליין אָבער פֿריי פֿון ליידענשאַפֿטען און אייגעננוץ? ווער האָט דיזע אַלע איינקינפֿטע, וואָס די רעליגיאָן ברייננגט איין, און פֿאַר וועלכע איהר צייגט אַרויס אַזאַ חשק? ווער? דאָס זייט איהר, די פּריעסטער! וועמען ברייננגט די רעליגיאָן מאַכט, קרעדיט, רייכטהום, כבוד? אייך די פּריעסטער! ווער בעקמפּפֿט אין אַלע לענדער דעם שכל, די וויסענשאַפֿט, דעם אמת, די פֿילאָזאָפֿי? דאָס זייט איהר, די פּריעסטער! ווער האָט דעם נוצען פֿון דער אונוויסענהייט פֿון די מענשען און זייערע נאַרישע איינריידענישען? איהר, די פּריעסטער!

איהר, פּריעסטער, ווערט בעלוינט און געעהרט, אום צו נאַרען די מענשען, און איהר בעשטראָפֿט די, וועלכע נעהמען זיך אויפֿצוקלעהרען די מענשען. די מענשליכע נאַרישקייט איז פֿאַר אייך אַ גאָלד־מינע, און די ניצליכסטע וואַהרהייטען ברייננגען די, וועלכע ערקלעהרען זיי, נור קייטען, בעשטראָפֿונגען און דעם שייטערהויפֿען. די וועלט מעג זיין דער ריכטער צווישען אונז!

נאַרישער שטאָלץ איז אימערצו געווען די זינדיגע אייגענשאַפֿט פֿון די פּריעסטער. קען דען אירגענד וואָס מאַכען דעם מענש אַזוי שטאָלץ ווי זיין איינבילדונג, דאָס פֿון הימעל אַליין האָט ער געקראָגען דאָס רעכט אָנצוואויענדען געוואַלט, צו האָבען אַ געהייליגטען כאַראַקטער און צו זיין דער דיענער פֿון דעם אַלערהעכסטען? ווערען דען דיזע אייגענשאַפֿטען ניט אַלץ גרעסער דורך די מענשליכע נאַרישקייט, וועלכע גלויבט טאַקע אין דיזער מאַכט? די פּראָסטע מענשען זיינען צו אַלע צייטען געווען מעהר ערגעבען צו זייערע גייסטיגע פֿיהרער, וועמען זיי

בעטראַכטען אַלס געטליכע מענער, ווי צו זייערע וועלטליכע הערשער, וועלכע זיי בעטראַכטען דאָך ניט מעהר, אַלס געוועהנליכע מענשען. דער גלח אין דאָרף שפּיעלט אַ גרעסערע ראָלע, ווי דער פּריץ אָדער דער ריכטער. אַ פּריעסטער ביי די קריסטען האַלט זיך העכער פאַר׳ן קעניג. אַ שפּאַנישער אַדעלמאַן האָט אַמאָל געהעדט עטוואָס צו בייז צו אַ מאָנאַך, און דיזער האָט איהם געענטפערט מיט שטאָלץ: „פערשטעה ווי צו אַכטען אַ מאַן, וועלכער האָט אַלע טאָג דיין גאָט אין זיינע הענד און דיין קעניגין צו זיינע פיס.״

האָבען אַלזאָ די פּריעסטער אַ רעכט צו בעשולדיגען די אונגלויביגע אין שטאָלצקייט? זיינען זיי אַליין עפּעס אַזעלכע ענוים? איז דען ניט קלאָהר, דאָס דער תוך פון זייער גאַנצער פּראָפעסיאָן איז נור ווי צו בעהערשען אַלעמען? ווען די גאָטעס־דיענער וואָלטען געווען ווירקליך אַזוי בעשיידען, וואָלטען זיי אַזוי געיאָגט זיך נאָך עהרע? וואָלטען זיי אַזוי אָנגעצונדען געוואָרען, ווען מען וואָלט זיי אין עפּעס ווידערשפּראָכען? וואָלטען זיי געווען אַזוי גרויזאַם אין זייער ראַכע געגען די, וועלכע דיינקען אַנדערש ווי זיי? ווייס דען ניט יעדער, וואָס האָט נור אַ שטיקעל ידיעה אין דער וויסענשאַפט, ווי שווער עס איז אויפצוקלעהרען די וואַהרהייט? וועלכע אַנדערע ליידענשאַפט, ווי די הויכמוטהיגקייט פון די פּריעסטער, קען די מענשען מאַכען אַזוי ווילד, אַזוי ראַכע־זיכטיג, אַזוי אָהן די מינדעסטע טאָלעראַנץ און מילדקייט? וואָס קען נאָך זיין אַ גרעסערע הויכ־מוטהיגקייט, ווי אויפצורופען די מענשען זיך צו נעהמען צו די וואַפען און פערגיסען טייכען בלוט, אום איינצופיהרען אַ נאַרישע צערע־מאָניע, אָדער אום צו פערטהיידיגען אַ גאַנץ אונבעגרינדעטע השערה?

איהר זאָגט, איהר טהעאָלאָגען, דאָס נור די גאוה מאַכט אַטהעאיסטען. נו טו זאָגט זיי, וואָס איז אייער גאָט. ערקלעהרט זיי איבער זיין עצם. רעדט וועגען איהם אַזוי, אַז מען זאָל אייך קענען פערשטעהן. רעדט וועגען איהם אַזעלכעס, וואָס זאָל זיך לייגען אויף׳ן שכל. ווען איהר זייט ניט אימשטאַנדע עס צו טהאָן, ווען ביז איצט איז קיינער פון אייך ניט פעהיג צו איבערצייגען די עקזיסטענץ פון גאָט קלאָהר און דייטליך; ווען, ווי איהר אַליין גיט עס צו, איהר ווייסט פון גאָט פונקט אַזוי ווייניג ווי מיר, טו מעגט איהר דאָך מוחל זיין די, וועלכע ווילען ניט גלויבען אין אַ גאָט, וועלכען זיי קענען ניט בעגרייפען. בעשולדיגט ניט אין שטאָלצ־קייט די מענשען, וועלכע זיינען אַזוי אָפענהערציג און ערקלעהרען זייער אונוויסענהייט אין דיזער זאַך. האַלט ניט פאַר נאַרען די מענשען, וואָס קענען ניט צוזאַמענשלעפען אַ וואַנד מיט אַ וואַנד. איהר זאָלט זיך שעהמען אין אייער ווייטען האַלז, ווען איהר רייצט אויף אייערע בלינדע גלויביגע געגען די, וואָס גלויבען אַנדערש און ווילען אייך ניט אַנערקענעי פאַר זייערע פיהרער.

איהר זאָגט אונז, דאָס די פֿערדאָרבענהייט פֿון די מענשליכע האַרץ בעשאַפֿט דעם אונגלויבען, דאָס מען וואַרפֿט פֿון זיך אַראָב דעם יאָך פֿון דער גאָטהייט נור דאַרום, ווייל מען האָט מורא פֿאַר אייער שרעקליך־שלעכטען גאָט? וואַרום לאָזט עס דיזער מעכטיגער גאָט צו, אַז מענשען זאָלען האָבען אַזעלכע פֿערדאָרבענע הערצער? וואַרום זאָל מען ניט פּראָבירען אַראָבצוואַרפֿען פֿון זיך דעם יאָך פֿון אַזאַ טיראַן, וועלכער, כאָטש ער קען מאַכען די מענשליכע האַרץ ווי ער וויל, לאָזט ער דאָך צו, אַז זי זאָל פֿערדאָרבען ווערען, כדי ער זאָל קענען אויסטהיילען זיין גרויזאַמע שטראָף?

133.

די פּאראורטהיילע געדויערען נור א ווײלע, און קיין מאכט געדויערט ניט לאנג, ווען זי איז ניט בעגרינדעט אויף וואהרהייט, פערנונפט און גערעכטיגקייט.

קיין מענש אויף דער וועלט קען ניט האָבען קיין ווירקליכען נוצען פֿון דעם, וואָס אַ פֿאַלשער בעגריף ווערט אויפֿגעהאַלטען און געשיצט. פֿריהער אָדער שפּעטער מוז דאָס פֿאַלשע מאַכען פּלאַץ, פֿאַר דאָס וואָס איז אמת. דער אינטערעס פֿון אַלעמען ציעלט צו דעם, אַז די מענשען זאָלען ווערען אויפֿגעקלעהרט. די ליידענשאַפֿטען אַליין העלפֿען טאַקע מאַנכעסמאָל, אַז איינינגע רינגען פֿון דער קייט פֿון פֿאָראורטהיילע זאָלען צובראָכען ווערען. האָבען דען ניט גאַנץ אָפֿט די ליידענשאַפֿטען פֿון די הערשער פֿערניכטעט די מאַכט פֿון די פּריעסטער? ווען די וועלטליכע הערשער ווערען קליגער, נעהמען זיי אַוועק אַלץ מעהר און מעהר פֿון די פּריעסטער זייער גדולה, זייער רייכטהום; דאָס אַליין קען שוין דיענען אַלס אַ מוסר השכל פֿאַר די פּריעסטער, דאָס זיי זאָלען ניט מיינען, אַז אייביג וועלען זיי קענען פֿערבלענדען דעם עולם. נור די וואַהרהייט אַליין דויערט אייביג.

האָבען דען ניט די דיענער פֿון דעם אַלמעכטיגען גאָט אַליין געמאַכט פֿון די הערשער טיראַנען, דערמיט וואָס זיי האָבען אויסגעטראַכט פֿאַר זיי געטליכע רעכטע און דערמיט, וואָס זיי האָבען איבערגעגעבען צו זיי די פֿעלקער, געבונדען הענד און פֿיס? האָבען זיי גאָר קיין אורזאַכע ניט מורא צו האָבען, דאָס דיזע גרויסע געצען, וועלכע זיי האָבען אויפֿגע־הויבען ביז צו די וואָלקענס, וועלען אַמאָל ניט צודריקען זיי מיט זייער געוויכט? ווייזען זיי דען ניט טויזענדע ביישפּיעלע, דאָס דיזע אָבגעבונדענע לייבען, נאָכדעם ווי זיי האָבען פֿערשלונגען די פֿעלקער, וועלען זיך אויך נעהמען צו זיי?

מיר וואָלטען געהאַלטען די פריעסטער אין עהרע, ווען זיי וואָלטען אויסגענוצט זייער מאַכט, אום צו האַלטען אין מורא און אין אַנגסט די הערשער, וועלכע ברייגען אַזוי פֿיעל פֿערוויסטונג אויף דער וועלט; ווען זיי וואָלטען זיי ניט איינגערעדט, דאָס זיי האָבען דאָס שרעקליכע רעכט צו טהאָן אַלערליי אונגערעכטיגקייטען אונבעשטראָפֿט; ווען זיי וואָלטען געגעבען די הערשער צו פֿערשטעהן, דאָס זיי אַליין האָבען קיין נוצען ניט פֿון דעם, ווען זיי טהוען אַזעלכעס, וואָס מאַכט זיי פֿערהאַסט ביים פֿאָלק, דאָס זיי שאַדען נור דערמיט זיך אַליין; מיר וואָלטען געעהרט די פריעסטער, ווען זיי וואָלטען אַנערקענט, דאָס קיין מאַכט איז ניט אייביג, וועלכע איז ניט געגרינדעט אויף גערעכטיגקייט און וואַהרהייט.

134.

וואס פאר א מאכט, וואס פאר א וויכטיגקייט די פריעסטער וואלטען געהאט, ווען זיי וואלטען געווארען פריידיגער פון פערנונפט און פערטהיידיגער פון פרייהייט!

די געטליכע פריעסטער פֿיהרען אימער קריעג מיט׳ן שכל, און דאָס פֿיהרט זיי סוף כל סוף צו זייער פֿערניכטונג. ווי גרויס אָבער וואָלט געווען זייער מאַכט, ווען אָנשטאָט זיך צו בעשעפֿטיגען מיט זייערע נאַרישע מחלוקות, וואָלטען זיי זיך אָבגעגעבען מיט ערנסטע וויסענשאַפֿטען, ווען זיי וואָלטען זיך גענומען פֿאַר די אויספֿאָרשונג פֿון די פרינציפען פֿון נאַטור־וויסענשאַפֿטען, געזעלשאַפֿט און מאָראַל! ווער וואָלט עס געוואַגט דאַן צו זאָגען עפּעס שלעכטס געגען אַזעלכע מענשען, וואָס גיבען אַוועק זייער צייט און קראַפֿט פֿאַר דעם אַלגעמיינעם גליק?

פריעסטער! וואַרפֿט אַוועק אייערע פֿאַנטאַזיעס, אייערע אונפֿער־שטענדליכע דאָגמען, אייערע נאַרישע שטרייטיגקייטען, וועלכע האָבען אייך נור געקענט ניצליך זיין, ווען די מענשען זיינען געווען נאַריש; הויבט אַמאָל שוין אָן האַנדלען פֿערנינפֿטיג. אָנשטאָט צו קלינגען די פֿערפֿאָלגונגס־גלאָק פֿון די, וואָס זיינען מיט אייך ניט איינפֿערשטאַנען, פריידיגט אונז בעסער אַ גוטע, געזונדע מאָראַל; פריידיגט אונז טוגענדען, וועלכע זיינען ווירקליך ניצליך. ווערט די לעהרער פֿון פֿערנונפֿט, די פֿערטהיידיגער פֿון פֿרייהייט, די פֿריינד פֿון דער וואַהרהייט; הערט אויף צו זיין פריעסטער, ווערט מענשען־פֿריינד, און מיר וועלען אייך בענשען און עהרען, אייך ליעבען; אייער מאַכט איבער אייערע מיט־מענשען וועט ווירקליך דאַן זיין אייביג און אונבעזיעגבאַר.

135.

וואס פאר א גליקליכע און גרויסע רעוואלוציאן עס וואלט פארקומען אין דער וועלט, ווען די פילאזאפי וואלט פערנומען דעם פלאץ פון דער רעליגיאן.

אימער און אייביג האָט די רעליגיאָן געהאַסט און פֿערפֿאָלגט די פֿילאָזאָפֿי. דער קאַמפף פֿון די פריעסטער געגען די פֿילאָזאָפֿען איז געווען אַ מין סאָרט קאָנקורענץ, פונקט ווי די פֿילאָזאָפֿען וואָלטען ביי זיי אַוועקגענומען דעם ביסען פֿון מויל. האָט עס·אָבער געמוזט אַזוי זיין? וואָלט עס ניט געווען פֿיעל גלייכער, ווען אַלע מענשען, וואָס זיינען געוואוינט צו דענקען, זאָלען פֿעראייניגען זייערע קרעפֿטען, אום צו בעקעמפפֿען דאָס, וואָס איז פֿאַלש? אָנשטאָט זיך צו שאַדען איינע די אַנדערע און צאַנקען זיך, בעסער צוזאַמען צו ערפֿאָרשען די וואַהרהייט און איבערהויפט זעהן אויסצוראָטען יענע פֿאָראורטהיילע, פֿון וועלכע אַלע מוזען פֿריהער אָדער שפעטער ליידען?

און ווען וואָלט עס נאָך געווען אַזוי לייכט, ווי די פריעסטער ניט דאַרפֿענדיג זאָרגען פֿאַר מיטעל צום לעבען, וואָלטען זיי דאָך געקענט זייער גאַנצע צייט אָבגעבען זיך מיט פֿאָרשען און שטודירען און איבער־געבען דעם רעזולטאַט פֿון זייער פֿאָרשונג צו די אַלע אַנדערע מענשען. וואָלט דען ניט זייער גייסט געפֿונען אַ גרעסערע בעפֿרידיגונג אין די ענטדעקונג פֿון גרויסע וואַהרהייטען, איידער אין אַרומטאַפען אין דער פֿינסטערניס? וואָלט עס דען געווען שווערער פֿאַר זיי צו ערקלעהרען די פרינציפען פֿון אַ מאָראַל, וואָס איז בעגרייפליך און פאַסענד פֿאַר'ן מענשען, איידער די פרינציפען פֿון אַ געטליכע, טהעאָלאָגישע מאָראַל? וואָלט עס דען געווען שווערער פֿאַר די מענשען אויפֿצונעהמען אין זייערע קעפ די איינפֿאַכע קלאָהרע בעגריפֿע פֿון דער וויסענשאַפֿט, איידער אָנצושטאָפען זייער זכרון מיט געהיימניסע, וואונדער, אונפֿער־שטענדליכע, דונקעלע ווערטער, וועלכע זיי הויבען ניט אָן צו פֿערשטעהן?

וויפֿיעל צייט און מיה קאָסט עס, אום צו לעהרנען דעם מענשען זאַכען, וועלכע זיינען פֿון קיין נוצען ניט פֿאַר איהם? ווי ניצליך וואָלטען געקענט געמאַכט ווערן די פֿיעלע קלויסטערים; וויפֿיעל גוטעס וואָלטען זיי געקענט ברייגען דעם גאַנצען פֿאָלק, ווען זיי וואָלטען אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין אַנשטאַלטען פֿון בילדונג און ערציהונג פֿון אונזער יוגענד? אָנשטאָט צו זיין אַ קללה, ווי די קלויסטערם זיינען איצט, וואָס פֿער־שלינגען אַ גרויסען טהייל פֿון דעם פֿאָלקס פראַצע, האָבען זיי געקענט יין אַ גליק, אַ ברכה פֿאַר'ן גאַנצען פֿאָלק.

עס שיינט אָבער, אַז דער אַבערגלויבען, דיינקענדיג נור פֿון זיין אייגענער עקזיסטענץ, האָט נור געזועהן צו שאַפֿען זאַכען און אינסטיטוציאָנען, וועלכע זאָלען ניט זיין פֿון קיין נוצען. וואָס פֿאַר אַ נוצען וואָלט מען דען ניט געקענט ציהען פֿון די פֿיעלע מאָנאַכען און מאָנאַשקעס, וועלכע אין פֿיעלע לענדער זיינען בעזאָרגט מיט אַזעלכע גרויסע פֿערמעגענס, נור מיט דעם איינציגען צוועק, אַז זיי זאָלען פֿערברייגגען זייער צייט אין גאָרנישט? אַנשטאָט זיי צו מוטשען מיט תענותים און תפלות, וואַרום ערוועקט מען ניט אין זיי עפּעס אַ געפֿיהל, וואָס זאָל זיי טרייבען צו זיין מיט עטוואָס ניצליך דער וועלט? אָנשטאָט צו פֿערדאַרבען דעם גייסט פֿון דער יוגענד מיט אויסגעטראַכטע מעשיות, מיט נוצלאָזע דאָגמען, וואַרום זאָלען זיי עס ניט בעטראַכטען אַלס זייער אויפֿגאַבע צו מאַכען גוטע און פֿערנינפֿטיגע מענשען פֿון די קינדער, וועמעס ערציהונג מען טרויט זיי אָן? אַזוי, ווי די מענשען ווערען איצט ערצויגען, זיינען זיי פֿאַר קיינעם ניט ניצליך אויסער פֿאַר די פּריעסטער, וועלכע מאַכען זיי דומ, און פֿאַר די טיראַנען, וועלכע פֿערשקלאַפֿען זיי.

136.

די חרטה פון אן אונגלויביגען אין זיין גסיסה איז קיין בעוויז ניט געגען דעם אונגלויבען.

די אַנהייגגער פֿון רעליגיאָן בעשולדיגען מאַנכעס מאָל די אונגלויביגע אין פֿאַלשקייט, ווייל מען זעהט זיי אַמאָל ניט אַזוי פֿעסט בעשטעהן אויף זייערע פּרינציפּען, ווייל זיי ענדערן אַמאָל, ווען זיי ווערען קראַנק, זייערע מיינונגען, און אַ שטונדע פֿאַר'ן טויט האָבען זיי חרטה און שלאָגען זיך „חטאתי".

ווען דער קערפּער איז אָבגעשוואַכט און צובראָכען, ווערט אויך גלייך מיט איהם אָבגעשוואַכט די קראַפֿט צו דיינקען קלאָהר. ביי דעם קומען פֿון סוף בעמערקט דער שוואַכער מענש אַליין, דאָס זיין פֿערשטאַנד פֿערלאָזט איהם. ער פֿיהלט, אַז עס קעהרט זיך אום צוריק צו איהם דער אַבערגלויבען. עס זיינען דאָ קראַנקהייטען, וועלכע צוברעכען דעם מוטה און מאַכען שוואַך דעם מאַרך, און ווידער זיינען דאָ קראַנקהייטען, וועלכע האָבען נור אַ שליטה אויף'ן קערפּער און לאָזען דעם גייסט שטאַרק ווי געווען, ווי עס איז, אָבער עס טרעפֿט זיך פּונקט אַזוי אָפּט, דאָס אַן אונגלויביגער זאָל אין זיין קראַנקהייט ווידערשפּרעכען זיינע אַנזיכטען און איבערצייגונגען, ווי אַ רעליגיעזער מענש אין זיין צושטאַנד פֿון געזונדהייט זאָל זיך ערלויבען צו מאַכען ניט וויסענדיג פֿון די פֿליכטען, וועלכע די רעליגיאָן לייגט אַרויף אויף איהם.

קלעאָמענעס, דער קעניג פֿון ספּאַרטאַ, וועלכער האָט אין דער צייט פֿון זיין רעגירען אַרויסגעצייגט וויניג מורא און אַכטונג פֿאַר די געטער, איז געוואָרען שטאַרק פֿרום און אַבערגלויביש צום סוף פֿון זיין לעבען. אום צו געפֿינען חן אין די אויגען פֿון גאָט, האָט ער געלאָזט אַרומזאַמלען אַרום זיך אַ גאַנצע מענגע פּריעסטער און אַנדערע כלי קודש. און ווען איינער פֿון זיינע פֿריינד האָט אויסגעדריקט זיין פֿערוואונדערונג איבער אַזאַ אומענדערונג אין זיין פֿיהרונג, האָט דער קעניג געענטפֿערט: „נאַרעלע, וואָס איז זיך דאָ צו וואונדערן? איך בין ניט מעהר דער זעלבער, ווי איך בין אַמאָל געווען, און אַזוי ווי איך בין ניט מעהר דער זעלבער ווי אַמאָל, קען איך אויך ניט דיינקען אויף דעם זעלבען אופן, ווי אַ מאָל".

די דיענער פֿון דער רעליגיאָן פֿערלייקענען אָפֿט געננג אין זייער טעגליכען לעבען די שטריינגע פּרינציפּען, וועלכע זיי לעהרנען אַנדערע, און די אונגלויביגע פֿון זייער זייט האָבען גאַנץ רעכט זיי צו בעשולדיגען אין פֿאַלשקייט. ווען איינינגע אונגלויביגע פֿערלייקענען אַ מאָל זייערע מיינונגען, ווען זיי ווערען קראַנק, פֿערלייקענען אָבער די גלויביגע זייערע פּרינציפּען געראַדע, ווען זיי זיינען געזונד. געפֿינען מיר עפּעס אַ גרויסע צאָהל אמת-גוטע און פֿרומע בישאָפּס, וועלכע זאָלען זיין פֿריי פֿון הויכמוטה, וועלכע זאָלען זיין פֿיינד פֿון רייכטהום און גלאַנץ, און פֿריינד פֿון אָרימקייט? און ענדליך, זעהען מיר דען פֿיעלע פּריעסטער, וועלכע זאָלען זיך אויפֿפֿיהרען נאָך דעם אידעאַל און נאָך די שטענדיגע מאָראַל פֿון זייער רעליגיאָן?

137.

עס איז ניט אמת, אז דעם אטהעאיזמוס צושטערט אלע פערבינדונגען פון דער געזעלשאפט.

דער אַטהעאיזמוס, זאָגט מען אונז, איז אַ געפֿאַהר פֿאַר די געזעלשאַפֿט. וואָס וועט ווערען פֿון די הייליגקייט פֿון אַ וואָרט, פֿון אַ נדר אָהן דעם גלויבען אין אַ גאָט? ווי קען מען מאַכען אַן אַטהעאיסט צו האַלטען וואָרט, אַז ער גלויבט אין גאָט ניט? אָבער, ריכטיג גערעדט, העלפֿט דען פֿיעל דער געגעבענער נדר אָדער וואָרט דערצו, אַז מיר זאָלען טהאָן, וואָס מיר זיינען פֿערפֿליכטעט? וועט דער, וועלכער האָט ניט מורא צו זאָגען אַ ליגען, זיך אָבשטעלען, אַז עס קומט איהם אויס צו שווערען פֿאַלש? דעם, וועלכער איז פֿייג גענוג ניט צו האַלטען קיין וואָרט און פֿיהלט ניט די פֿעראַכטונג פֿון זיינע מיטמענשען, וועלען קיינע געטער ניט אָבהאַלטען פֿון צו שווערען פֿאַלש. דער, וועמען עס האַרט דער אורטהייל פֿון זיינע מיטמענשען, וועט זיך וויניג קימערען איבער

דעם אורטהייל פֿון זיין גאָט. זיינען דען די הערשער ניט די ערשטע צו שווערען אַלערליי שבועות און די ערשטע זיי צו צוברעכען?

138.

די בעהויפּטונג אז די רעליגיאָן איז נייטיג פֿארן פאלק, איז ניט ריכטיג.

מען הערט אונז ניט אויף צו זאָגען, אַז דאָס פֿאָלק דאַרף האָבען אַ רעליגיאָן. ווען אויפֿגעקלעהרטע מענשען דאַרפֿען ניט די רעליגיאָן אַלס אַ צוים, איז עס אָבער זעהר נויטיג פֿאַר די רויהע מאַסען, ביי וועלכע די ערציהונג האָט ניט ענטוויקעלט דעם פֿערשטאַנד.

איז עס אָבער ווירקליך אמת, דאָס די רעליגיאָן איז אַ צוים פֿאַר'ן פֿאָלק? זעהען מיר דען, אַז די רעליגיאָן זאָל איהם פֿיעל אָבהאַלטען פֿון זיין שכרות, זיין צולאָזענקייט, זיין רויהייט, זיין געוואַלט-טהעטיגקייט און פֿון אַלערליי אַנדערע לאַסטער? וואָלט דען אַ פֿאָלק, וואָס האָט ניט קיין בעגריף פֿון אַ גאָטהייט זיך געקענט ערגער אויפֿפֿיהרען, ווי פֿיעלע לייכטגלויביגע פֿעלקער, ביי וועלכע עס הערשט די ווילדעסטע הולטאַי-סטווא, וואָס איז גאַר אונפּאַסענד פֿאַר וועזענס מיט שכל? זעהט מען דען ניט דעם אַרבייטער באַלד ווי ער קומט נור אַרויס פֿון קירכע זיך אַריינוואַרפֿענדיג אין זיין ווִיסטען לעבען, איינריידענדיג זיך, דאָס די פֿאַר שטונדען, וואָס ער פֿערברייגגט אין דער קירכע, וועלען שוין מכפּר זיין אויף אַלעם? און שליסליך, ווען די פֿעלקער זיינען אַזוי דום און אַזוי רויה, אִיז עס דען ניט די שולד פֿון די הערשער, וועלכע האָבען זיך ניט נור געקימערט אין זייער ערציהונג, נור פֿערקעהרט, האָבען נאָך געזאָרגט, אַז זיי זאָלען קיין מאָל ניט אַרויסקומען פֿון זייער צושטאַנד פֿון דומהייט? און ענדליך, איז די דומהייט פֿון די מאַסען ניט די אַרבייט פֿון די פריעס-טער, וועלכע, אַנשטאָט צו לעהרנען די מענשען אַ פֿערנינפֿטיגע מאָראַל, פֿערטומלען זיי די קעפּ מיט נאַרישקייטען, מיט ניט-געשטויגענע, ניט געפֿלויגענע מעשיות.

די רעליגיאָן איז פֿאַר'ן פֿאָלק בלויז אַ פּוסטער ספּעקטאַקל פֿון צערעמאָניעס, ביי וועלכע ער האַלט זיך אויס געוואוינהייט, וועלכע ווע-רען געפֿעלען זיינע אויגען, וועלכע בעוועגען אויף אַ קורצע ווייליע זיין גייסט, אָבער האָבען קיין ווירקונג ניט אויף זיין בענעהמונג, אַז ער זאָל זיך דורך דעם אויסבעסערען אין זיינע זיטען.

ווי די דיענער פֿון דער רעליגיאָן אַליין גיבען צו, איז דאָך קיין זאַך ניט אַזוי זעלטען, ווי דיזע אינערליכע און גייסטיגע רעליגיאָן, וועלכע

איז נור אַליין אימשטאַנד צו האָבען אַ ווירקונג אויף דעם מענשען אין זיין אַרט לעבען. און ווירקליך, זיינען דען דאָ פּיעלע מענשען צווישען דעם צאָהלרייכסטען און פּרומסטען פּאָלק, וועלכע זאָלען ריכטיג בעגרייפען די רעליגיאָן אַזוי, דאָס זי זאָל קענען האָבען אַן איינפלוס אויף זייער לעבען?

פּיעלע מענשען וועלען אונז זאָגען, דאָס עס איז בעסער צו האָבען אירגענד אַ צוים, ווי גאָר קיין צוים. זיי וועלען זאָגען, דאָס ווען די רעליגיאָן האָט ניט קיין איינפלוס אויף די גרויסע מעהרצאָהל, טהוט זי דאָך וויינינגסטענס דאָס, וואָס זי האַלט אין צוים איינצעלנע, וועלכע וואָלטען געוויס אָהן דעם צוים גאָר אָהן געוויסענסביסע געטהאָן אַלערליי פּערברעכען.

יאַ, די מענשען דאַרפען אַ צוים, אַן אָבהאַלט, אָבער ניט אַן איינ־געבילדעטען; זיי דאַרפען האָבען ווירקליכע זאָרג, וועלכע זיינען פּיעל מעהר אימשטאַנד זיי צו האַלטען אין צוים, ווי אַלע שרעקען פון גהינום. די רעליגיאָן פּליסט איין פורכט נור אין איינינע שוואַכע גייסטער, וועלכע קענען שוין צוליב זייער שוואַכען גייסט ניט זיין זעהר געפעהר־ליך פאַר זייערע מיטבירגער. אַ ריכטיגער לעבען צווישען ריכטיגע און פּערנינפטיגע וועזענס, איז דער ווירקזאַמסטער מיטעל געגען אַלעם שלעכטעס אין דעם מענשען.

140.

פאַר די רויהע גרויסע מאסע איז איבערהויפּט ניטא קיין סיסטעם.

מען ווערט אונז פּילייכט פרעגען, אויב דער פּערנינפטיגער אַטהעאיזמוס פּאַסט זיך פאַר דער גרויסער אונגעבילדעטער מאַסע? אויף דעם איז דער ענטפער, דאָס קיין סיסטעם, וועלכע פאָדערט אונטערזוכונג, פּאַסט זיך פאַר די אונגעבילדעטע. טו צו וואָס טויג דער פריידיגען דעם אַטהעאיזמוס? ער קען צום וויינינגסטען אויפקלעהרען די, וועלכע דיינקען יאַ נאָך, דאָס עס איז ניטאָ קיין נאַרישערע זאַך, ווי זיך אַליין צו מאַכען אונרוהיג און קיין זאַך איז ניט אַזוי אונגערעכט, ווי צו מאַכען אונרוהיג אַנדערע צוליעב השערות, פאַר וועלכע עס פעהלט די מינדעסטע בעגרינדונג. פאַר די גרויסע אונגעבילדעטע מאַסע, וועלכע דיינקט קיין מאָל ניט נאָך, זיינען די אַרגומענטען פון דעם אַטהעאיסט ניט מעהר פּאַסענד ווי די היפּאָטהעזען פון אַ פּילאָזאָף, די בעאָבאַכטונגען פון אַן אַסטראָנאָם, די עקספּירימענטען פון אַ בעמיקער, די רעכנונגען פון אַ

מאַטהעמאַטיקער, וועלכע אַרבייטען אַלע פֿאַר דאָס פֿאָלק, כאָטש עס ווייס ניט דערפֿון.

זיינען אָבער די דונקעלע און פֿערפּלאָנטערטע אַרגומענטען פֿון דער טהעאָלאָגיע מעהר פּאַסענד פֿאַר דער רויהער מאַסע, ווי די אַרגומענטען פֿון אַן אַטהעאיסט? נאָכמעהר, די אַרגומענטען פֿון אַטהעאיזמוס, וועלכע זיינען געגרינדעט אויף'ן געזונדען מענשען פֿערשטאַנד, זיינען זיי דען ניט פֿיעל בעגרייפֿליכער, ווי די אַרגומענטען פֿון דער טהעאָלאָגיע, וועלכע איז אַ פּלאָנטער, פֿול מיט ווידערשפּריכע פֿאַר די גרעסטע און שטאַרק־סטע גייסטער? דאָס פֿאָלק אין יעדען לאַנד האָט אַ רעליגיאָן, פֿון וועלכע ער פֿערשטעהט גאָרניט, וועלכע ניט ער אונטערזוכט און ניט ער דיינקט נאָך איבער איהר. ער איז רעליגיעז, אויס געוואוינהייט. זיינע פּריעסטער בלויז בעשעפֿטיגען זיך מיט דער לעהרע פֿון גאָט. ווען דאָס פֿאָלק זאָל דורך אַ צופֿאַל פֿערלירען דיזע טהעאָלאָגיע, קען עס זיך טרייסטען צו האָבען פֿאַרלאָרען עטוואָס, וואָס איז ניט נאָר געווען אוננייצליך פֿאַר איהם, נאָר וואָס האָט איהם אויך פֿעראורזאַכט גענוג צרות.

עס וואָלט געווען גאַנץ נאַריש צו אונטערנעהמען זיך צו שרייבען פֿאַר די גרויסע מאַסע און דורך דעם איהר וועלען בעפֿרייען מיט איינמאָל פֿון איהרע פֿאָראורטהיילע. מען שרייבט בלויז פֿאַר די, וועלכע לייענען און דיינקען. די גרויסע מאַסע לייענט אָבער זעהר וויינִיג און דיינקט נאָך וויינִיגער. קלוגע און רוהיגע מענשען לעהרנען, פֿאָרשען און די אויפֿקלעהרונג פֿערברייטעט זיך אַזוי, שטופֿענווייז, ביז זי מאַכט זאָגאַר אַן איינדרוק אויף דער מאַסע.

141.

די אינהאַלטלאָזיגקייט און געפֿעהרליכקייט פֿון דער טהעאָלאָגיע. אַן עצה פֿאַר די הערשער.

אויב די טהעאָלאָגיע איז פֿאַר די טהעאָלאָגען אַ גאַנץ גוטער איינ־בריינגענדער געשעפֿט, איז זי אָבער פֿאַר דאָס גאַנצע איבעריגע פֿאָלק איבעריג און שעדליך. פֿריהער אָדער שפּעטער וועלען דעם מענשענס איינענע אינטערעסען איהם עפֿענען זיינע אויגען. די הערשער און די פֿעלקער וועלען אָהן צווייפֿעל אַמאָל איינזעהן, וואָס פֿאַר אַ פֿעראַכטונג עס פֿערדיענט אַזאַ לעהרע, וועלכע קען נור מאַכען די מענשען אונרוהיג, ניט מאַכענדיג זיי אויף דאָס מינדסטע בעסער. זיי וועלען איינזעהן די נאַרישקייט פֿון אַזוי פֿיעל רעליגיעזע צערעמאָניעס, וואָס קאָסטען אָפֿט אַזוי פֿיעל געלד, און וועלכע בריינגען ניט דעם קלענסטען נוצען. זיי וועלען

רויט ווערען איבער די נאַרישקייטען פֿון די פֿיעלע רעליגיעזע שטרייטיג־קייטען, צוליעב וועלכע עס איז געשטערט געוואָרען דער פֿרידען פֿון דער וועלט.

הערשער! אַנשטאַט איהר זאָלט זיך בעטהייליגען אין די נאַרישע שטרייטיגקייטען פֿון אייערע פריעסטער, אַנשטאַט צו פֿערלאַנגען, דאָס אַלע אייערע אונטערטהאַנען זאָלען זיך בויגען צו איין גלויבען, בעשעפֿ־טיגט זיך בעסער מיט דעם וואוילגעהן פֿון אייערע אונטערטהאַנען אויף דיזער ערד, און לאָזט זיך ניט וואַקסען קיין גרויע האָר אויף אייערע קעפּ וועגען דעם, וואָס ערוואַרטעט זיי אין אַן אַנדער וועלט. רעגיערט זיי מיט יושר, גיט זיי גוטע געזעצע, האָט אַכטונג צו זייער פֿרייהייט און אייגענטהום, וואַכט איבער זייער ערציהונג, ערמוטהיגט זיי מיט אייערע טהאַטען. בעלוינט זייערע טאַלענטע און טוגענדען; זאָל אייך אָבער גאָר ניט אַרען, ווי זיי דיינקען איבער געוויסע זאַכען, וועלכע זיינען פֿאַר אייך ווי פֿאַר זיי גאַנץ נוצלאָז. דאַן וועט איהר מעהר ניט נויטיגען זיך אין אויסגעטראַכטע מעשיות, אום די מענשען זאָלען אייך פֿאָלגען. איהר וועט דאַן ווערען די איינציגע פֿיהרער פֿון אייערע אונטערטהאַנען. זיי וועלען אייך ליעבען און אַכטען. די טהעאָלאָגישע מעשיות זיינען ניצליך פֿאַר די טיראַנען און דעספּאָטען, וועלכע פֿערשטעהען ניט די קונסט צו הערשען איבער פֿערנינפֿטיגע מענשען.

142.

די טרויעריגע ווירקונג פֿון דער רעליגיאָן אויף די פֿעלקער און די הערשער.

דאַרף מען דען זיך אַזוי בעזאָנדערס אָנשטריינגען מיט'ן גייסט, אום צו בעגרייפֿען, אַז דאָס וואָס איבערשטייגט דעם מענשליכען פֿערשטאַנד, איז אויך ניט פּאַסענד פֿאַר איהם? אַז דאָס וואָס איז איבערנאַטירליך, פּאַסט ניט פֿאַר נאַטירליכע וועזענס? אַז די געהיימניסע, וואָס קענען ניט ערפֿאָרשט ווערען, פּאַסען ניט פֿאַר בעשריינקטע גייסטער? ווען די טהעאָלאָגען האָבען צווישען זיך ויכוחים איבער זאַכען, פֿון וועלכע זיי אַליין גיבען צו, אַז זיי ווייסען גאָרניט, דאַרפֿען דען די אַלע איבעריגע מענשען אַנטהייל נעהמען אין דעם? מוז דען פֿליעסען די בלוט פֿון די פֿעלקער צוליעב איניגע ווילדע פֿאַנטאַזיעס פֿון איניגע איינגעשפּאַרטע קעפּ? ווען עס איז זעהר שווער אויסצוקורירען די טהעאָלאָגען פֿון זייער משוגעת און די פֿעלקער פֿון זייערע איינריידענישען, איז דאָך אָבער לייכט צו פֿערהינדערען, אַז די ווירקונגען פֿון דיזע משוגעת און אונזינן אָלען ניט זיין אַזוי שעדליך. זאָל יעדען זיין ערלויבט צו דיינקען ווי ער

וויל, אָבער זאָל קיינעם ניט זיין ערלויבט צו שאַדען אַנדערע, וועלכע דיינקען אַנדערש. ווען די הערשער וואָלטען געווען גערעכטער און פערנינפטיגער, וואָלטען די פערשידענע טהעאָלאָגישע מיינונגען ניט מעהר געווען געפעהרליך פאַר'ן עפענטליכען פרידען, ווי די פערשידענע מיינונגען און שטרייטיגקייטען, וואָס קומען פאָר צווישען די נאַטורפאָרשער, דאָקטוירים, לעהרער און קריטיקער. די טיראַניי פון די הערשער איז שולדיג אין דעם, וואָס די טהעאָלאָגישע דיספּיוטען האָבען אַזעלכע ערנסטע פאָלגען. ווען די קעניגע און הערשער וועלען אויפהערען זיך צו מישען אין דער טהעאָלאָגי, דאַן וועט ניט מעהר זיין וואָס מורא צו האָבען פאַר איהר.

די וואָס דערצעהלען אונז, אַז די רעליגיאָן איז זעהר וויכטיג און ניצליך, האָבען דאָך אונז לכל הפחות בעדאַרפט ווייזען די גוטע ווירקונג וואָס זי האָט און דעם נוצען, וואָס די טהעאָלאָגישע דיספּיוטען ברייגגען פאַר די פאַק־טרעגער, פאַר די שטאָדט־אַרבייטער, די לאַנד־אַרבייטער, פאַר די פישער, פאַר די פרויען און פאַר די אַלע פערדאָרבענע מענשען, מיט וועלכע אונזערע גרויסע שטעדט זיינען פול. די מענשען פון דיזען סאָרט האָבען אַלערליי רעליגיאָנען. זיי האָבען וואָס מען רופט, דעם קעלער־גלויבען. זייערע פריעסטער גלויבען פאַר זיי. זיי גלויבען אויף'ן וואָרט אַלץ, וואָס זייערע פריעסטער זאָגען זיי. זיי הערען פלייסיג דעם גלח'ס דרשות. זיי פערפעהלען ניט איינמאָל צו געהן אין קירכע. האַלטען עס פאַר אַ גרויסען פער־ברעכען, ווען זיי איבערטרעטען כאָטש איינע פון די פאָרשריפטען, וועלכע מען לעהרענט זיי צו היטען פון קינדוויי׳ז אויף. וואָס פאַר אַ נוצען האָט אָבער דערפון די מאָראַל? גאָרניט. די מענשען האָבען קיין בעגריף פון אמת'ע זיטליכקייט און איהר זעהט, דאָס זיי ערלויבען זיך אַלערליי געמיינהייטען, וועלכע אַבי נור דער געזעץ בעשטראָפט ניט.

דאָס פאָלק האָט אין דער ווירקליכקייט קיין בעגריף פון זיין רעליגיאָן. דאָס וואָס ער רופט רעליגיאָן, איז בלויז אַ בלינדע צוגעבונ־דענקייט צו אונבעקאַנטע מיינונגען און גאַנץ נאַרישע צערעמאָניעס. אַוועקצונעהמען פון דאָס פאָלק די רעליגיאָן מיינט אין דער אמת'ן אַוועקצונעהמען פון איהם גאָרנישט. ווען מען זאָל נור קומען אַזוי ווייט, איהם צו בעפרייען פון זיינע פאָראורטהיילע, וואָלט מען נור דערמיט פערניכטעט דעם אומזיכטען פערטרויען, וועלכען דאָס פאָלק האָט צו זיינע עגאָאיסטישע פיהרער און ער וואָלט געלעהרענט זיך היטען פאַר די, וואָס בעגעהען אַלערליי געמיינהייטען אונטער דער מאַסקע פון רעליגיאָן.

אונטער דעם אויסרייד אויפֿצוקלעהרען און צו בעלעהרען די מענשהייט, האַלט די רעליגיאָן איהר אין דער אמת'ן אין אַבערגלויבען און אונוויסענהייט און רויבט זאָגאַר ביי איהר דעם פֿערלאַנג צו קענען די זאַכען, וועלכע אינטערעסירען איהר. די פֿעלקער מוזען זיך אויפֿפֿיהרען נאָך די פֿאָרשריפֿטען פֿון זייערע פריעסטער. די רעליגיאָן מישט זיך אין אַלעס. און אַזוי ווי זי איז אַליין אין פֿינסטערניס, איז זי מעהר פּאַסענד צו פֿערפֿיהרען די מענשען, איידער זיי צו בריינגען אויף דעם וועג פֿון גליק. די נאַטור־וויסענשאַפֿט, די מאָראַל בלייבען פֿאַר די גלויביגע אַ בוך, פֿער'חתמ'עט מיט זיעבען זיעגלען. דער מענש, וואָס איז פֿערבלענדעט דורך זיינע רעליגיעזע פֿאָראורטהיילע, קען זיין אייגענע נאַטור ניט, קען זיך ניט אויסבילדען, ווייל ער האָט מורא פֿאַר די וואַהרהייט, וועלכע שטימט ניט איין מיט זיינע מיינונגען. די רעליגיאָן לאָזט ניט צו, אַז די מענשען זאָלען ווערען מענשליך, פֿערנינפֿטיג און גוט. עס שיינט, אַז דער אייִנציגער צוועק פֿון דער רעליגיאָן איז, איינצושנורעווען די האַרץ און דעם גייסט פֿון דעם מענשען.

די מלחמה וואָס איז צו אַלע צייטען אָנגעגאַנגען צווישען די פריעסטער און די פֿריידיינקער, האָט אין דעם געהאַט איהר אורזאַכע, דאָס די קליגערע האָבען אָנגעהויבען איינצוזעהן די קייטען, אין וועלכע דער אַבערגלויבען האָט געשמידט דעם מענשליכען גייסט. ער האָט אימער בעשעפֿטיגט דעם מענשליכען גייסט נור מיט פֿאַבלען, האָט איהם אונטערדריקט דורך מורא, האָט איהם דערשראָקען דורך טרוג־בילדער, וועלכע האָבען איהם געשטערט צו געהן פֿאָרווערטס. די רעליגיאָן האָט אימער נור געזאָרגט, אַז דאָס פֿאָלק זאָל בלייבען אין דער גרעסטער אונוויסענהייט איבער זיינע אינטערעסען, איבער זיינע געגענזייטיגע פֿליכטען און איבער די ווירקליכע מאָטיווען פֿון דער מענשליכער האַנדלונג, וואָס דאָס וואָלט זיי געקענט מאַכען צו ווערען גוטע דיינקענדע מענשען. די מאָראַל מאַכט די רעליגיאָן אונפֿערשטענדליך. איהרע פּרינציפּען זיינען די קאַפּריזען פֿון אַ בלינדער געטליכער מאַכט; זי מאַכט די הערשער צו דעספּאָטען און די פֿעלקער פֿאַר אונוויסענדע שקלאַפֿען, וועלכע מאַכען זיך אונגליקליך, אום צו געפֿינען חן אין די אויגען פֿון די, וועמען זיי בעטראַכטען אַלס זייערע הערען.

143.

די געשיכטע לעהרענט אונז, דאס אלע רעליגיאנען זיינען גע־ גרינדעט געווארען מיט דער הילף פון אונוויסענהייט און די חוצפה פון מענשען, וועלכע זיינען געווען גענוג אונפער־ שעהמט זיך צו רופען גאט׳ס שלוחים.

ווען מיר נעהמען זיך די מיה נאָכצופאָרשען די געשיכטע פֿון מענשליכען גייסט, וועלען מיר באַלד אויסגעפינען, דאָס די טהעאָלאָגיע האָט זיך זעהר געהיט אויסצוברייטען איהרע גרענעצען. זי האָט אָנגע־ הויבען צו פֿערברייטען בבא־מעשיות, וועלכע זי האָט אויפֿגעשטעלט אַלס הייליגע וואַהרהייטען; זי האָט בעשאַפֿען די פּאָעזיע, וועלכע האָט אָנגעפֿילט די מענשליכע פֿאַנטאַזיע מיט קינדערשע חלומות. זי האָט די מענשען דערצעהלט נור פֿון געטער און זייערע וואונדערליכע טהאַטען. מיט איין וואָרט, די רעליגיאָן האָט אימער בעהאַנדעלט די מענשען ווי קינדער, וועלכע מען שלעפֿערט איין דורך נאַרישע מעשה׳לעך.

ווען די דיענער פֿון גאָט האָבען מאַנכעס מאָל געמאַכט ניצליכע ענטדעקונגען, האָבען זיי זיך אימער גענומען די מיה איינצוּוויקלען זיי אין אַ שלייער פֿון געהיימניסע. די פּיטאַגאָראַסעס, די פּלאַטאָנס, אום צוצוקומען צו אַ ביסעלע קענטניסע, זיינען געווען געצוואונגען זיך צו ערנידעריגען ווי שקלאַפֿען פֿאַר די פּריעסטער, און זיך לאָזען עקזאַמע־ נירען פֿון זיי. נור אויף אַזאַ אופן איז זיי געווען ערלויבט צו בעשעפֿטיגען זיך מיט דער דונקעלער אונפֿערשטענדליכער פֿילאָזאָפֿי. פֿאַר זייערע פֿילאָזאָפֿישע לעהרען האָבען זיי געמוזט באָרגען די פּרינציפּען פֿון די עגיפּטישע, אינדישע און כאַלדעאישע פּריעסטער, וועלכע זיינען געווען פֿעראינטערעסירט צו פֿערפֿיהרען דעם מענשליכען פֿערשטאַנד. דונקעל און פֿאַלש אין איהרע גרונד־פּרינציפּען, פֿערמישט מיט מעשיות, וועלכע קענען נור אויפֿרעגען די פֿאַנטאַזיע, האָט די פֿילאָזאָפֿי געמאַכט זעהר לאַנגזאַמען און אונזיכערען פֿאָרטשריט, און האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט, דאָס אָנשטאָט אויפֿצוקלעהרען דעם פֿערשטאַנד, האָט זי איהם נאָך מעהר פֿערטומעלט און האָט ווירקליך איהם אַוועקגעשלעפּט פֿון ניצליכע טהעטיגקייט.

די טהעאָלאָגישע בעטראַכטונגען און די מיסטישע טרוימערייען פֿון די אַלטע פֿילאָזאָפֿען האָבען נאָך ביז איצט געדיענט פֿאַר אַ גרויסען טהייל פֿילאָזאָפֿען אַלס ריכט־שנור. גייסטער, דעמאָנען, טייפֿעל זיינען נאָך ביז איצט געגענשטענדע, מיט וועלכע מאַנכע כלומרשט־פֿילאָזאָפֿען

בעשעפטיגען זיך גאַנץ שטאַרק. די מעטאַפיזיק, דיזע ניכטסווירדיגע וויסענשאַפט, מיט וועלכע די טיעפסטע דיינקער האָבען זיך בעשעפטיגט זייט טויזענדע פון יאָהרען, האָט נאָך מעהר געהאָלפען צו פערפינסטערן דעם מענשליכען גייסט. אויף אַזאַ אופן זיינען אייגע משונה'דיגע איינפעלע פון אַ פאָר פאַנטאַזיאָרען פון מעמפיס און בבל געוואָרען די גרונדלאַגען פון אַ וויסענשאַפט, וועלכע האָט פערשלונגען אַזוי פיעל קראַפט און מיה אומזיסט.

די ערשטע געזעצגעבער זיינען געווען פריעסטער; די ערשטע מיטהאָלאָגען און דיכטער זיינען געווען פריעסטער; די ערשטע חכמים זיינען געווען פריעסטער; די ערשטע דאָקטוירים זיינען געווען פריעסטער. אין זייערע הענד איז די וויסענשאַפט געוואָרען אַ הייליגע זאַך, צו וועלכע אַלע אַנדערע מענשען האָבען זיך ניט געטהאָרט צוריהרען. זיי האָבען גערעדט נור אין משלים, אין רעטעניש'ן, אין דאָפעל-זיניגע ווערטער, וואָס איז געווען אַ זעהר גוטער מיטעל אויפצוּוועקען די נייגיעריגקייט, אויפצופלאַמען די פאַנטאַזיע און צו מאַכען שטוינען די גרויסע נאַרישע מאַסע, וואָס דאָס איז נאַטירליך געווען דער עיקר. מען האָט דיזע מאַסע איינגערעדט, אַז זיי, די פריעסטער, קענען זעהן דורך'ן הימעל, קענען זיך צוזאַמענריידען מיט גאָט, און דאָס זיי זיינען גאָט'ס געזאַנדטע.

144.

אלע רעליגיאנען, אלטע ווי נייע, האבען זייערע צערעמאניעס און לעכערליכע פאנטאזיעס געבארגט איינע פון די אנדערע.

די אַלטע רעליגיאָנען זיינען פערשוואונדען, אָבער ניט אין גאַנצען, ווי מאַנכע דיינקען. זיי האָבען זיך נור אומגעביטען אין אַן אַנדער פאָרמע. כאָטש אונזערע איצטיגע טהעאָלאָגען קוקען אויף די פריעסטער פון די אַמאָליגע רעליגיאָנען ווי אויף שווינדלער, דאָך האָבען זיי צונויפגעקליבען די שטיקלעך פון די אַלטע רעליגיאָנען און האָבען זיך צוזאַמענגעשטשאָבעט ווידער נייע רעליגיאָנען. אין אונזערע נייע רעליאָ־גען געפינען מיר ניט נור די אַלטע מעטאַפיזישע דאָגמען, וועלכע די מאָדערנע טהעאָלאָגי האָט עטוואָס צוגעפוצט, נור מיר געפינען אויך גענוג רעשטלעך פון זייערע צערעמאָניעס, גייסטער־זעהעריי, מאַגיק, כישוף א.ז.וו. זאָגט מען דאָך דעם פרומען קריסט צו קוקען מיט אַכטונג אויף דער ירושה, וועלכע די העברעאישע געזעץ־געבער האָבען זיי איבער־געלאָזען, און וועלכע זיי האָבען אַליין געבאָרגט פון די עגיפטער. אויף

אזא אופן האלטען מיר פאר הייליגע מיינונגען פערשידענע פאנטאזיעס פון עטליכע טרוימער אדער שארלאטאנעס פון גרויען אלטערטהום.

ווען מען ווארפט נור איין בליק אויף די געשיכטע, געפינט מען א מערקווירדיגע עהנליכקייט צווישען די פערשידענע רעליגיאנען. כמעט איבעראל דיזעלבע צערעמאניעס, דיזעלבע אבערגלויבישע סיסטעמען, די רעליגיאנען זיינען נור צוזאמענגעשטריגעוועטע לאטעס פון אלטווארג, וואס אונזערע אור־אור־עלטערען האבען געטראגען, און צו וועלכע אונזער'ע שניידער טשעפען עפעס צו זייער אייגענעס, עס זאל האבען דעם אויסזעהן פון ניי. די עגיפטישע רעליגיאן איז ווארשיינליך געווען די גרונדלאגע פון דער אידישער רעליגיאן. דער קריסטענטהום איז דאך ניט מעהר, ווי א רעפארמירטער יודענטהום. דער מחמד'אניזמוס איז א געמישאכץ פון יודענטהום, קריסטענטהום און די אלטע רעליגיאן פון די אראבער.

145.

די טהעאלאגיע האט צו אלע צייטען אראבגעפיהרט די פילאזאפי פון וועג.

פון דעם פריהעסטען אלטערטהום ביז איצט האט די טהעאלאגי אליין זיך גענומען די פרעכהייט צו בעשטימען דעם גאנג פון דער פילאזאפי. וואס האט זי דערמיט אויפגעטהאן? זי האט געמאכט פון דער פילאזאפי אן אונפערשטענדליכע פלוידעריי, וועלכע איז זעהר פאסענד צו מאכען די קלאהרסטע וואהרהייטען פאר דונקעל און אונבעשטימט. די קונסט צו דיינקען האט די טהעאלאגי פערוואנדעלט אין א וויסענשאפט פון ווערטער. דעם גייסט פון דעם מענשען האט זי געשטופט אין די וואלקענדיגע געגענדען פון דער מעטאפיזיק, וואו ער האט זיך אומזיסט געמאטערט מיט דער ערגרינדונג פון אונערגרינדליכע טיעפענישען. אויף דעם פלאץ פון נאטירליכע און איינפאכע אורזאכען האט די פילאזאפי איועקגעשטעלט איבערנאטירליכע אדער נאך מעהר, גאר געהיימע אורזאכען. זי האט ערקלעהרט וואונדערבארע ערשיינונגען דורך ווירקענדע וועזענס, וועלכע זיינען פיעל אונבעגרייפליכער, ווי די נאטור־ערשיינונגען אליין. די אלע פילאזאפישע ווערק זיינען פול מיט זינלאזע ווערטער, וועלכע קענען מעהר פערטומלען ווי אויפקלעהרען, און וועלכע ווי עס שיינט זיינען נור דערצו אויסגעטראכט געווארען, אום אבצושלאגען דעם מוטה פון'ם מענשען צו פארשען, צו מאכען איהם מיסטרויאיש צו דער פערנונפט און ארומרינגלען דעם אמת מיט א פעסטונג, דורך וועלכע עס איז ניט מעגליך דורכצודרינגען.

146.

די טהעאלאגיע ערקלעהרט גארניט — ניט אין דער וועלט און ניט אין דער נאטור.

ווען מען זאל גלויבען די אנהייגגער פון רעליגיאן, קען אויף דיזער וועלט גארניט ערקלעהרט ווערען אהן איהר. די נאטור וואלט געבליבען אן אייביגער רעטעניש. פאר דעם מענשען וואלט געווען אונמעגליך צו פערשטעהן זיך אליין. אבער וואס, אין גרונד גענומען, ערקלעהרט אונז דיזע רעליגיאן? וואס מעהר מען דיינקט נאך איבער רעליגיאן, דעסטא מעהר געפינט מען אויס, דאס איהרע בעגריפע זיינען נור גוט צו פערטומלען אונזערע קעפ. אלעס מאכען זיי פאר סודות. וואונדערבארע זאכען ערקלעהרען זיי אונז דורך אונמעגליכע בעשעפֿניסע. ערקלעהרט מען דען עטוואס, ווען מען זאגט, אז דאס שטאמט פון אן אנדער עטוואס, וואס איז נאך פיעל אונבעגרייפליכער? ווערט דען דער מענשליכער גייסט פיעל אויפגעקלעהרט דורך דעם, וואס מען ווייזט איהם אן אויף די גרויסע אוצרות פון דער אלמעכטיגער חכמה, אויף וועלכע מען זאגט איהם, אז ער וואַרפט אומזיסט זיינע חוצפה'דיגע בליקען? קען די געטליכע נאטור, פון וועלכע מען פערשטעהט גארניט, פאר אונז בעגרייפליך מאכען די נאטור פון מענשען?

פרעגט א קריסטליכען פילאזאף, וואס איז דער אנפאנג, די סבה פון דער וועלט. ער וועט אייך ענטפערען, דאס גאט האט בעשאפען דעם גאנצען וועלט־אל. ווער איז דיזער גאט? מען ווייסט פון איהם גאר ניט. וואס הייסט שאפען? מען האט ניט קיין אידעע דערפון. וואס איז די אורזאכע פון די פעסטען, פון די הונגערס, פון מלחמות, אויבטריקענישען, פערפלייצונגען, ערדציטערנישען? דאס איז גאט'ס צארן! וואס פאר א מיטעל זיינען פאראן דאגעגען? תפלות, קרבנות, פראצעסיאנען, נדבות, צערעמאניעס זיינען די פאסענדע מיטעל איינצושטילען גאט'ס כעס. אבער ווארום איז גאט אזוי אין כעס? ווייל די מענשען זיינען שלעכט. ווארום זיינען די מענשען שלעכט? ווייל זייער נאטור איז פערדארבען. וואס איז די אורזאכע פון זייער פערדארבענהייט? דערפאר, ווייל דער ערשטער מענש, פערפיהרט פון דער ערשטער פרוי, האט געגעסען אן עפעל פון בוים, וועלכען גאט האט פערבאטען אנצוריהרען. ווער האט געמאכט די פרוי צו טהאן אזא נארישקייט? דער טייוועל. אבער ווער האט בעשאפען דעם טייוועל? גאט. ווארום האט גאט בעשאפען דעם טייוועל, וואס פערדארבט אזוי דעם מענשען? דאס ווייס מען ניט, דאס איז א סוד, וועלכער איז פערבארגען אין גאט'ס בוזעם.

דרעהט זיך די ערד אַרום די זונן? נאָך מיט אַ פּאָר הונדערט יאָהר צוריק, וואָלט אייך אַ פֿרומער קריסט פֿערברענט, בלויז פֿאַר שטעלען אַזאַ פֿראַגע. אַזאַ סיסטעם איז ניט אין איינקלאַנג מיט די היילִיגע ביכער, וועלכע יעדער פֿרומער האַלט פֿאַר אָבשטאַמענד פֿון גאָט אַליין. וואָס דיינקט מען וועגען דעם איצט? ענדליך, טראָץ די געטליכע בעגייסטערונג, מוזען אַלע גלויביגע צוגעבען, אַז דאָס איז די ערד וואָס דרעהט זיך.

וואָס איז דער פֿערבאָרגענער פּרינציפּ פֿון די האַנדלונגען און בעוועגונגען פֿון דעם מענשליכען קערפּער? דאָס איז די נשמה. וואָס איז עס אַ נשמה? דאָס איז אַ גייסט. וואָס איז אַ גייסט? אַ זאַך וואָס האָט ניט קיין פֿאָרמע, ניט קיין קוליער, פֿערנעהמט ניט קיין פּלאַץ, האָט ניט קיין אָרגאַנען... ווי קען מען בעגרייפֿען אַזאַ זאַך? מען ווייס ניט, עס איז אַ סוד. האָבען די חיות נשמות? דער קאַרטעזיאַנער פֿערזיכערט אייך, דאָס זיי זיינען מאַשינען. אָבער זעהען מיר דען ניט, אַז זיי פֿיהלען און דיינקען אויף אַ שטייגער, וואָס איז זעהר עהנליך צו אונזערען? דאָס איז נור אַן איינבילדונג. און ווירקליך, די מענשען דאַרפֿען האָבען נשמות, כדי די פּריעסטער זאָלען האָבען וואָס איינצושרעקען, אָבער חיות איז ניט נויטיג צו שרעקען, דאַרפֿען זיי דערפֿאַר קיין נשמות ניט.

אָט דאָס זיינען די קינדערשע ערקלעהרונגען, וועלכע די פֿילאָזאָפֿיע האָט אונז געגעבען, ווען זי איז געפֿיהרט געוואָרען אויף'ן שטריקעל פֿון דער רעליגיאָן.

146.

ווי ווייט די טהעאלאגיע האט פערשקלאפט דעם מענשליכען גייסט און דערמיט אבגעהאלטען דעם מענשליכען פארטשריט.

די אַלטע ווי די נייע דיינקער האָבען אימער געמוזט אָנטהאָן אויף זיך אַ מאַסקע, אום ניט צו פֿאַלען אַלס קרבן פֿון די געטליכע דיענער. ווי האָבען זיך דאָס געמוזט ווינדען און דרעהען די פֿילאָזאָפֿען פֿון אַלע זייטען, אום צו ברייגנען אין איינקלאַנג זייערע ענטדעקונגען מיט די משונה'דיגע בעגריפֿע, וועלכע די רעליגיאָן האָט ערקלעהרט אַלס הייליג! מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאָרזיכטיגקייט האָבען עס די פֿילאָזאָפֿען פֿון אַלע זייטען זיך געמוזט בעוואָפֿנען, און זיך זאָגאַר מאַכען פֿאַר אונלאָגיש און צומישט אין זייערע געדאַנקען! ווען זייערע געדאַנקען האָבען חלילה ניט איינגעשטימט מיט די פּרינציפּען פֿון דער רעליגיאָן! די גוט אויפֿפאַ-

בענדע פריעסטער האָבען אימער־צו געזאָרגט, אַז עס זאָלען פערניכטעט ווערען די אַלע סיסטעמען, וועלכע האָבען ניט געפּאַסט פאַר זיי. די טהעאָלאָגיע איז צו אַלע צייטען געווען עהנליך צו די בעט פון פּראָקרוסטוס (א בעריהמטער רויבער פון אַטיקא), אויף וועלכע דיזער רויבער האָט אַוועקגעלייגט זיינע קרבנות; ער האָט זיי אָבגעשניטען די פיס, ווען זיי זיינען געווען לייגגער, אָדער ער האָט מיט פערד זיי געשלעפּט, ווען זיי זיינען געווען קירצער ווי די בעט, אויף וועלכע ער האָט זיי געצוואונגען זיך אַוועקצולייגען.

וועלכער פערנינפטיגער מענש, וואָס האָט ליעב די וויסענשאַפט, און איז פּעראינטערעסירט אין דעם וואָהלזיין פון זיינע מיט־מענשען, קען דיינקען אָהן צאָרן און שמערץ איבער דעם פערלוסט פון אַזוי פיעל טיעף־דיינקענדע, פלייסיגע און שאַרפזיניגע מענשען, וועלכע האָבען פאַר גאַנצע יאָהרהונדערטע זיך אָבגעקוועלט איבער גאַנץ נוצלאָזע און אָפט אויך זעהר שעדליכע פאַנטאַזיעס? וויפיעל אויפקלעהרונג וואָלטען דען ניט געקענט פערברייטען אַזוי פיעל דיינקער, ווען אָנשטאָט זיך צו בע־שעפטיגען מיט דער טהעאָלאָגיע, וואָלטען זיי זיך אָבגעגעבען מיט זאַכען, וועלכע זיינען פון ווירקליכען נוצען פאַר'ן מענשען? וואָלט דען ניט די העלפט פון זייערע אַנשטריינגונגען, צו שיצען די רעליגיעזע מיינונגען; א העלפט פון די אויסגאַבען, וואָס עס קאָסטען אָפּ אַלערליי רעליגיעזע צערעמאָניעס, ניט געווען פאַלשטענדיג גענוג אום אויפצוקלעהרען די מענשען איבער מאָראַל, פּאָליטיק, נאַטור־וויסענשאַפט, מעדיצין, אַגרי־קולטור און נאָך פיעלע אַזעלכע ניצליכע און נויטווענדיגע זאַכען? דער גלויבען האָט אימער־צו כמעט גענומען פאַר זיך אַלעס דאָס, וואָס די מענשען האָבען געשאַפען. די רעליגיאָן קאָסט גענוג טהייער די מענשען, און פאַר זייער געלד קריגען זיי ניט קיין אויפקלעהרונג, ניט קיין טוגענד און ניט קיין גליק.

מאַנכע אַלטע און מאָדערנע פילאָזאָפען האָבען געהאַט דעם מוטה אָנצונעהמען די ערפאַהרונג און די פערנונפט אַלס זייערע וועג־וויזער און אַראָבצוטרייסלען פון זיך די קייטען פון אַבערגלויבען. ליוסיפּע, דעמאָקריטוס, עפּיקור, סטראַטאָן און איינינע אַנדערע פון די גריכען, האָבען עס געוואַגט אַרונטערצורייסען דעם געדיכטען שלייער פון פאַר־אורטהייל און צו בעפרייען די פערנונפט פון די טהעאָלאָגישע נעצען. אָבער זייערע סיסטעמען וועלכע זיינען געווען צו איינפאַך און צו פער־נינפטיג, האָבען געמוזט אָבטרעטען זייער פּלאַץ פאַר די פערדרעהטע השערות פון פּלאַטאָן, סאָקראַטעס און זענא, ביי די נייערע פילאָזאָפען זיינען עס האָבבעס, ספּינאָזאַ, באַיל און אַנדערע, וועלכע זיינען געגאַנגען אין די פוס־טריט פון עפּיקור, אָבער זייער לעהרע האָט געפונען זעהר

זויניג אָנהייגגער אין אַ וועלט, וועלכע איז נאָך צו שטאַרק פערדומט פון פערשיעדענע בבא־מעשיות, אום זי זאָל זיך קענען צוהערען דאָס וואָס איז פערנינפטיג.

קיינמאָל האָט מען ניט געקענט אָהן סכנה אָבווייכען פון די פּאָר־אורטהיילע, וועלכע דער גלויבען האָט ערקלעהרט פאַר הייליג. עס איז קיינמאָל ניט געוועזן ערלויבט אייגעם ארויסצוזאָגען זיין מיינונג אָפען און פריי. די אויפגעקלעהרטע מענשען האָבען ניט געקענט אַנדערס זיך העלפען, ווי נור ריידען פערשטעלט, און אָפט אוים מורא צוזאַמענ־מישען וואהרהייט מיט ליגען. מעהרערע פון זיי האָבען געהאַט אַ דאָפּעלטע לעהרע, אַ לעהרע וועלכע זיי האָבען אַרויסגערעדט עפענט־ליך און אַ צווייטע לעהרע פערבאָרגען. און אַזוי ווי דער שליסעל צו דער צווייטער לעהרע איז פערלאָרען געגאַנגען, ווערט דאַרום זייער אמת'ע מיינונג אין גאַנצען אונפערשטענדליך פאַר אונז און דאַרום אויך גאַנץ נוצלאָז.

ווי האָבען אַזעלכע מענשען, וועלכע מען האָט אימער געסטרשעט מיט אַלערליי קוואַלען, ווען זיי וועלען ניט זעהן צופּאַסען זייערע לעהרען צו דעם גלויבען, געקענט אויסבילדען זייער אייגענעם פערשטאַנד און דעם פון זייערע מיט־מענשען? נור ציטערנדיג, האָבען די גרויסע מענער געוואגט אַ בליק צו וואַרפען אויף דער וואהרהייט. זיי האָבען אָבער זעלטען געהאַט דעם מוטה איהר עפענטליך אַרויסצוזאָגען. און די, וועלכע האָבען עס געטהאָן, זיינען בעשטראָפט געוואָרען פאַר זייער מוטה. צו פערדאַנקען דער רעליגיאָן האָט דער מענש קיינמאָל ניט געטהאָרט דיינקען און בעקעמפען די פאָראורטהיילע, וועמעס קרבן דער מענש איז אימער געוועזן.

147.

עס קען קיינמאל ניט זיין צו־פיעל צו ווידערהאלען און בעווייזען די אונזיננינקייט פון רעליגיאָן.

יעדער, וואָס האָט דעם מוטה צו זאָגען דער וועלט אָפען, וואָס ער דיינקט, איז זיכער אַרויפצושלעפען אויף זיך דעם צאָרן פון גאָט'ס דיענער. מיט גרויס געפילדער רופען זיי די הערשער זיי צו העלפען. זיי דאַרפען האָבען הילפע פון די קעניגע, אום צו פערטהיידיגען זייערע אַרגומענטען און זייערע געטער. דיזער גרויסער געפילדער איז אָבער דער בעסטער בעוויז, ווי שוואַך אין דער אמת'ן איז זייער לעהרע.

„ווען מען שרייט נאָך הילפע, איז מען אימער אויף צרות". אין רעליגיעזע זאַכען טהאָר מען קיין טעות ניט מאַכען. מען קען מאַכען אַ

פעהלער איבער אירגענד א זאך; מען האָט מיטלייד אויף די, וועלכע פערבלאָנזשען אויף דעם ניט־ריכטיגען וועג און אייניגער מאסען פיהלט מען א געוויסע נייגונג צו די ענטדעקער פון וואהרהייטען. אָבער ווי באלד עס האנדעלט זיך אום רעליגיאָן, וועקט זיך אויף א מאָדנער פאנאטיזמוס: די הערשער פערטיליגען, די פעלקער ווערען משוגע און די נאציאָנען זיינען אויפגערעגט, אליין ניט ווייסענדיג ווארום. איז דען דאָ עטוואס טרויעריגערעס, ווי צו זעהן דעם גליק פון די מענשען אָבהיינגען פון א ווייסענשאפט, גאָר אָהן אירגענד א פרינציפ, וועלכע האָט נאָר איהר גרונד אין א קראנקער איינבילדונג, וועלכע שפייזט נור דעם גייסט מיט ווערטער, וואָס האָבען קיין זינן און קיין אינהאלט? אין וואָס קען בעשטעהן די אזוי פיעל גערעהמטע ניצליכקייט פון א רעליגיאָן, וועלכע קיינער קען ניט פערשטעהן, וועלכע מוטשעט אָן אן אויפהער די, וועלכע זיינען אזוי נאריש זיך צו בעשעפטיגען מיט איהר, וועלכע איז ניט אים שטאנד די מענשען אויף דאָס מינדעסטע בעסער צו מאכען, און וועלכע האלט עס גאָר אָפט פאר א מצוה, ווען די מענשען זיינען שלעכט און אונגערעכט? איז דען דאָ א טרויעריגערע לעהרע, וועלכע מען דארף בעקעמפפען, וועלכע, ניט נור וואָס זי ברייננגט ניט קיין נוצען דעם מענשען, נור זי מאכט איהם נאָך בלינד, האלט איהם אימער אויפגע־רעגט און עלענד דערמיט, וואָס זי רויבט פון איהם די וואהרהייט, וועלכע נור זי אליין איז אימשטאנד צו מילדערן די שלעכטסקייט פון זיין שיקזאל?

די רעליגיאָן האָט צו יעדער צייט אָנגעפילט דעם גייסט פון מענשען מיט פינסטערנים, און האָט איהם געלאָזען אין אונוויסענהייט איבער זיינע אמת'ע בעציהונגען, זיינע אמת'ע פליכטען, זיינע ווירקליכע אינטערעסען. נור דורך דעם, וואָס מיר וועלען פערטרייבען איהרע וואָלקענס, קענען מיר אויסגעפינען דעם קוואל פון דעם אמת, דער פערנונפט, וועלכער קען אונז ברייננגען גליק. דיזע רעליגיאָן נארט אונז אָפ ווי איבער די אורזאכע פון אונזערע ליידען, אזוי אויך איבער די הייל־מיטעל, וועלכע מיר זאָלען אָנווענדען. אָנשטאָט צו היילען, מאכען זיי אונז נאָך קראנקער.

שלום.

מיינע ליעבע פריינד, איך בין איבערציינגט צו האָבען אייך געגעבען גענוג מיטעל, וועלכע זאָלען אייך שיצען פאר אזוי פיעל דומהייטען. אייער אייגענער שכל וועט נאָך מעהר טהאָן, ווי אלע מיינע רעדען. און ווען מיר וואָלטען לכל הפחות ניט געהאט איבער קיין אנדער זאך זיך צו בעקלאָגען, ווי נור, דאָס מען האָט אונז אָבגענארט! אָבער זייט די צייט פון קאָנסטאנטין האָבען שטראָמען בלוט געפלאָסען, אום פעסטצו־

שטעלען דיזען שווינדעל. די רוימישע, די גריכישע, די פּראָטעסטאַנטישע קירכע האָבען פֿאַר יאָהר־הונדערטע געמאַכט די וועלט צו אַ וויסטע. גיט צו צו די מענשען, וועלכע זיינען צו גרונדע געגאַנגען אין דיזען נאַרישען שטרייט, אויך די גרויסע מאַסען פֿון מאָנאַכען און מאָנאַשקעס, וועלכע זיינען דורך זייער שטאַנד געמאַכט געוואָרען פֿרוכטלאָז, און איהר וועט איינזעהן, דאָס די קריסטליכע רעליגיאָן האָט פֿערניכטעט אַ העלפֿט פֿון דער מענשליכער ראַסע.

איך שליס מיט דעם וואונש, דאָס מיר זאָלען זיך צוריקקעהרען צו דער נאַטור, פֿון וועלכע דער קריסטענטהום איז דער אויסגעשפּראָכענסטער פֿיינד, און וועלכע איז בעגרינדעט אין דער מענשליכער האַרץ און וועלכע לעהרנט אונז צו טהאָן צו אַנדערע, ווי מיר וואָלטען געוואונשען, אַז אַנדערע זאָלען טהאָן פֿאַר אונז. דאַן וועט די וועלט בעשטעהן פֿון גוטע בירגער, געטרייע פֿאָטערס, געהאָרכזאַמע קינדער און צערטליכע פֿריינד. אַזאַ רעליגיאָן האָט די נאַטור איינגעפֿלאַנצט אין אונז, דערמיט, וואָס זי האָט אונז געגעבען שכל. מעג דער פֿאַנאַטיזמוס פֿערשווינדען. איך שטאַרב מעהר פֿול מיט דעם וואונש, ווי מיט האָפֿנונג.

15-טען מערץ, 1732. דזשאן מעסליע.

ע נ ד ע.

קאטאלאג

פון דער

ראדיקאל פובלישינג קאמפאני.

עדעלשטאדט'ס שריפטען

די לאנדאנער אויסגאבע פון עדעלשטאדט'ס ריהרענדע סקיצען איז יעצט פיעל שעהנער ווי די פריהערדיגע. אויך איז יעצט צוגעגעבען א נייע סקיצע „מיוזיק". פרייז בלויז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

א פינפפאכער מארד

דער פינפפאכער מארד איז קיין שונד ראמאן נאר א העכסט בעלעהרענדע שילדערונג פון דער ארבייטער בעוועגונג, געשריבען פון א בעוואוסטען ארביימער פיהרער. פרייז 4 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

באושאווער'ס בילדער און געדאנקען

איז יעצט פערגרעסערט געווארען אויף 64 זייטען און איז העכסט ארטיסטיש געדרוקט אויף גוטען פאפיר. עס איז די שעהנסטע ווערק אין דער אידישער ליטעראטור. פרייז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

באושאווער'ס ליעדער און געדיכטע

א נייע זאמלונג פון ליעדער, וועלכע זיינען ביז איצט נאך ניט געוועזען געדרוקט אין קיין בוכפארם. פרייז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

באושאווער'ס פאעזיע און פראזא

א ביכעל פון 128 זייטען, ענטהאלט צוזאמען די „ליעדער און געדיכטע" און „בילדער און געדאנקען". פרייז 9 פענס, אין אמעריקא 20 סענט.

זאלען זיך קבצנים מעהרען?

פערהייראטהע מענער וואס ווילען ניט ליידען קיין צרות דעם גאנצען לעבען, פרויען וואס ווילען ניט קראנק זיין דעם גאנצען לעבען, זאלען קויפען דעם ביכעל. עס וועט זיי אויסהיטען פון ארעמקייט, פון קראנקהייט און פון אלעם בייז. פרייז אין ענגלאנד 1 פעני.

די מענשליכע ענטוויקלונג

א זעהר בעלעהרענדע בראשורע איבער רעליגיאן פון דר. מאקס נארדוי, פרייז 1 פעני, אין אמעריקא 3 סענט.

על נהרות בבל

אן אויסגעצייכענטע קריטיק איבער רעליגיאן פון גראף דע וואלניי. איבער־
זעצט פון א. טאנענבוים. ענטהאלט 82 זייטען.

פרייז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

סימבאל׳ישע פאסט קארדס

יעדער פריינד פון אויפקלעהרונג דארף פערברייטען דיזע פראכטפאלע
פאסט קארדס, ווייל זיי זיינען דער בעסטער מיטעל פיר דער פראפאגאנדא.
די בעסטע רעדע ווירקט ניט אזוי גוט ווי איינע פון דיזע קארטלעך. ביז
יעצט זיינען ערשינען פאלגענדע:

„ויברא אלהים את האדם בצלמו", „הקב"ה מזווג זיווגים", „רוסישע טיראַ־
ניי און דער קאמפף פיר פרייהייט", „ניקאליי—דער מלאך השלום", „הונ־
גער און לוקסוס", חמשה הרוגי מלכות", „די מענשהייט צווישען 2 גנבים",
„דער איד אין דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט" און „לואי דער 16טער צו
ניקאליי דעם לעצטען".

זיי זיינען פראכטפאל געדרוקט און קאסטען ביליג 1 פעני יערע.

קאנאוואלאוו

איינע פון מאקסים גארקי׳ס בעסטע ערצעהלונגען. ענטהאלט 72 זייטען.
פרייז 5 פענס. אין אמעריקא 10 סענט.

דער בראדיאגא

א זעהר אינטערעסאנטע ערצעהלונג פון בראדיאגע לעבען, פון מאקסים
גארקי. פרייז 3 פענס, אין אמעריקא 6 סענט.

דער מענש און זיין נשמה

א וויסענשאפטליכע אבהאנדלונג איבער דעם וואס מיר רופען נשמה פון
דר. אינגערמאן. פרייז 3 הייפענס, אין אמעריקא 3 סענט.

גאט, רעליגיאן און מאראל

א קריטיק איבער רעליגיאן פון פיליפ קראנץ. פרייז 2 פענס, אין
אמעריקא 5 סענט.

גלויבען און פערנונפט

פון דזשאהן מעסליע. איינער פון די וואונדערבארסטע ביכער, וועלכער
ענטהאלט א בריליאנטענע קריטיק איבער די ווידערשפריכע און אבער־
גלויבען פון דער רעליגיאן, געשריבען פון א גלח העכער 2 הונדערט יאהר
צוריק. אזעלכעס, וואס איז נאך אין דער אידישער שפראך ניט געוועזן.

אלע בעשטעלונגען צו אדרעסירען

RADICAL PUBLISHING CO., 71, Hanbury St., Spitalfields, LONDON, E.